STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04320

DEKLAMATOR

Leib Kvitko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ЦЕНТРАЛЬНОЕ

דעקלאַמאַטאָר

צונויפגעשטעלט
ל. קוויטקאָ
רעדאַקציע:
ה. קאזאַקעוויטש

צענטרפאַרלאַג — כאַרקאָוו

„Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку“, „Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати“,

אוקרהויפּטליט נ. 1534
באַשטעלונג נומ. 6769
טיראַזש 3000 עקזעמפּל.

טרעסט „כאַרקאָװ־דרוק“
1־טע מעלוכע־דרוקעריי
„קאָמוניסט“ פּושק. 31.

אַ פּאָר ווערטער

די אָקטיאבער־רעוואָלוציע האָט צעבונדן קוואַלן שעפערישע קויכעס בײַ אַלע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד. אונזער גאַנץ לאַנד איז באַדעקט מיט אַ נעץ פון אויפקלער־אַנשטאַלטן. טויזנטער קלובן, לייענהייזער, דאָרפס־הייזער זיינען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד. אַהין גייען די אַרבעטער לערנען זיך בויען אונזער נייעם סאָציאַליסטישן שטייגער.

ס'האָט זיך אויך צעוואַקסן די נעץ פון יידישע קולטור־און אויפקלער־אַנשטאַלטן. די יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זייערע קולטור־באַדערפעניש אף זייער מוטער־שפּראַך און צוזאַמען מיט די איבעריקע אַרבעטער בויען אונזער צוקינפטיקן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענלעבן.

אונזערע קלובן און לייענהייזער נויטיקן זיך שוין לאַנג אין אַ דעקלאַמאַטאָר, וועלכער זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער קלוב-אַרבעט, און מיר פּרואוון זיך דאָס איצט געבן. אויב מע זאָל ניט רעכענען די זאַמלונג „מוט״, איז דאָס דער ערשטער פּרואוו.

מיר האָבן איינגעטיילט דעם דעקלאַמאַטאָר אף דריי ציקלען:

1. גויט און קאַמף — וואו מיר הויבן אָן מיט ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ די גויט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. די פּאָעטן דערציילן נאָר וועגן די צאָרעס און פּיין, וואָס די אַרבעטער האָבן; זיי באַקלאָגן דעם אַרבעטערס מאַזל. זיי ווייזן נאָך אָבער קיין וועג ניט. ווייטער גייען מיר איבער צו דער צייט, ווען די אַרבעטער הויבן אָן בענקען נאָך אַ מענטשלעכן לעבן און, לעסאָף, גייען זיי אַריבער צום פּראָטעסט קעגן דער בורזשואז־צאַרישער אָרדענונג און רופן צום קאַמף קעגן איר. דאָ קומט די ערשטע רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, שפּעטער די

רעאַקציע מיט די פעסימיסטישע שטימונגען (מיר גיבן פערעצעס אַ סצענע פון „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק").

2. מוט און קאַמף — דער פעריאָד פון דער פעוורואַל - רע־וואלוציע, אָקטיאַבר־רעוואָלוציע און דעם בירגער־קריג. דאָ גיבן מיר אויך די לידער, וואָס זיינען געשאַפן ספעציעל צוליב די פראָלעטאַרישע יאָנטויוים (לענינס טויט, רויטע אַרמיי, פרויען־טאָג א. א.).

3. אויפבוי — מיר סטאַרען זיך אָפשפיגלען אונזער נייע וואָר, די שטרעבונג פונם אַרבעטער־קלאַס צו בויען זיין סאָציאַ־ליסטיש לאַנד. אַהער גייט, פאַרשטייט זיך, אַויין דער איבערבוי פונם יידישן לעבן אויך.

אַזאַ סכעמע פאַרשמעלערט געוויס די מעגלעכקייט פון מאַ־טעריאַלן אָפקלייב, אָבער מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון די פראַק־טישע באַדערפענישן פונם קלוב. מיר האָפן, אז דער דעקלאַמאַ־טאָר וועט העלפן דעם קלוב־טוער, ער זאָל ניט דאַרפן זוכן דעם נויטיקן מאַטעריאַל אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און זאַמל - ביכער.

בויט און קאַמף

אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט

וואָס טוען צוויי אויפעלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אייז און די פיסעלעך — נאַס,
די ליפּעלעך — בלוי און די בּעקעלעך — בלאַס:
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
— זייער היים! זייער היים בּין איך, — זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואו גייען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט?
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?
וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט?
יעסוימימלעך? נעבעך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אז איינער פון זיי איז גאָר בּלינד!
— געוויס, זאָגט די גאַס, און איך בּין זייער פריינט
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.

וואָס בּלייבּן זיי שטיין מיטאַמאָל דאָ אַליין
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען — צו ארעם, צום בעטלען — צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלעך צום גאַנוועגען גיין.

וואו קריגן זיי עסן אָן געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס. אך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

מ. ווינטשעווסקי

אָרעמעס לעבן

אָרעמעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט;
קויכעס די יונגע, די פרישע צעפּאַטערן,
זוכנדיק טרוקענעם ברויט!

וואַגלען און וואַנדערן! וואו טאָגן, ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט וואו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון בייז נידערטרעכטיקן,
שווייגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך, בויגן זיך, נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אף האַלב;
ריידן טאַכנונים און וויינענדיק, ציטערן
בעטן באַם גאָלדענעם קאַלב...

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קראַפטיקע,
שטיקן און דריקן אין האַרץ,
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
לאָזן צעטרעטן אף שוואַרץ...

א. רייזען

דריי נייטאָרנס

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק ניטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויס!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

די נאָדל — בלאַנק, די לייוונט — שניי,
און איינע טראכט: איך ניי און ניי,
איך ניי באַטאָג, איך ניי באַנאַכט,
קיין כופּע־קלייד זיך ניט געמאַכט!
וואָס קומט ארויס, איך ניי?

ניט איך שלאָף און ניט איך עס...
איך וואָלט געבן אף מייער באלנעס,
עפּשער וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אלמען כאָטש, אַן אלטן ייד,
מיט קינדערלעך א שאָק!

די צווייטע טראכט: איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האַקט,
און די מאַשין קלאַפּט צו צום טאַקט:
טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פארשטיי דאָך יענעמס וואונק!
אָן א כופּע, אָן א רינג,
וואָלט געוועזן א שפּיל, א טאַנץ,
אַ ליבע אף א יאָר א גאַנץ!
נאָך דערנאָך, דערנאָך?

די דריטע שפייט מיט בלוט און זינגט:
איך גיי מיך קראַנק, איך גיי מיר בלינד.
עס צוויקט די ברוסט בא יעדן שטאָך...
און ער — האָט כאַסענע די וואָך!
איך ווינטש אים ניט קיין שלעכטס!

עט, פארגעסן וואָס אַמאָל!..
טאַכריכים וועט מיר געבן קאָהאל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

י. ל. פּערעץ

מיין רוע־פּלאַץ

ניט זוך מיך, וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
וואו לעבנס וועלקן בא מאַשינען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך דאָרט, וואו די פויגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ!
אַ שקלאַף בין איך; וואו קייטן קלינגען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך דאָרט, וואו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
וואו טרערן רינען, וואו ציינער קריצן —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט ריינער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין ליבער שאַץ!
און הייטער אויף מיין האַרץ דאָס טריבע,
און מאַך מיר זיס מיין רוע־פּלאַץ.

מ. ראָזנפעלד

בא דעם פרעמדן כופע־קלייד

(אַ סצענע)

אין אַ מאָדע־מאַגאַזין

פערזאָנען: מאַדאַם, צוויי מאָדיסטקעס און האַנטמיידלעך.

מאַדאַם:

היינט ווערט געשטעפּט און גענייט,
היינט וועט מען ליידיק ניט זיצן!
טוריי — טוריי — טוריי!
זעט נאר די גאַזן, די שפּיצן!
זעט, ווי דאָס זיידנס וועט בליצן!

אַ שלעפּע וועט זיין גאר א מוירע!
אַוואַדע צען איילן די שלעפּ!
היינט נאך בריליאַנטענע קנעפּ!
זעט — מע געטרויט אזאַ סכוירע!

האַנט־מיידלעך (כאָר):

אָט האָט איר א וואונדער,
כ'לעבן, קיין שפּאַס:
צי הייסט דען ניט „פּאַווע" —
יאָ, פּאַווע — די גאַס.

וואו ס'שטייט זיך א מויער
גאַנץ געלבלעך און בלייך,
דאָך פעסט, ווי אַ פעלזן,
דריי שטאָק אינדערהויך!

די פענסטער אין אייזן,
די טויערן פארמאַכט...
עס גייט נאָך אַ זעלנער
אַרום אף דער וואַכט!

אוי, דאָרטן צו וואוינען
איז טרויעריק און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קייטן-געקלאַנג...

עס קלינגט אזוי טרויעריק
דין — דאָן... דין — דאַם!
אָ, רירט ניט דאָס זיידנס,
ניט טשעפּעט, מאַדאם!

ד י ע ר ש ט ע מ אָ ד י ס ט ק ע :

סאַטען-דע-ליאָן... און שפּיצן, און גאַזן
עס פעלט נאָך ברילּיאַנטן צום רומל...
דימאַנטן, און בלומען, און לאָמפּן... די קאַלע
וועט אויסזעען — אַ מאַלעך פון הימל!

ה אַ נ ט - מ יי ד ל ע ך (כאָר):

ניט קיין גראָשן פאר דער דירע
און אין מויל קיין ביסן!
כ'וויל באַם מאַלעך פארשוס בעטן!
ניין, זי וויל ניט וויסן!

מאַלעך, גיב פארויס א רובל!
ניין, זי גיט ניט פריער!
כ'וויל דערציילן איר פון הונגער, —
ווייזט זי מיר די טיר!

אוי, עס זעצט מיר אין די שלייפן,
דאַכט זיך מיר, אָט פאַל איך,
„נאָר אָן קונצן, נאָר אָן פּאָקסן״, —
לאַכט מיך אויס דער מאַלעך!

. . . .

אוי, מיך האָט דעם מאַלעכס לאַכן
ביז אהיים געהעצט!
און איך האָב דעם מאַלעכס זיידנס
אויף א ברויט פארזעצט!

און מיך האָט פארזאָרגט דער מאַלעך
אף די גרויסע פרעסט,
אוי, אף גאַנצע דריי כאדאָשים
מיט קוואַרטיר און קעסט!

די צווייטע מאָדיסטקע:

בלאַס איז דאָס זיידנצייג, פונקט ווי מיין פּענעמל,
דורכזיכטיק דין, ווי מיין הויט...
רירט מען עס, קרעכצעט עס „אוי!״ פונקט מיינעביינדעלעך
דאָס הייסט א גליקלעכע מויד!

דערצו וועלן קומען בריליאַנטענע קנעפּלעך,
גרויסע, ווי אָרעמע טרערן!
נו, אייל דיך, רעדעלע, אייל דיך, טרעקאָטשע,
כ'זאָל מיינע ביינדלעך ניט הערן!

טראַך־טראַך־טראַך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
שלאָג מיך דאָך גלייך מיטן זייגער...
טראַך־טראַך־טראַך, ביינדעלע! טור־טור־טור, רעדעלע!
ווען וועלן מיר רוען, אשטייגער?

האַנט-מיידלעך (כאָר):

עס איז פאראַן א שטיבעלע
אַף א שטילער גאַס!
ס'האָט קיין טיר, קיין פענסטערל —
אייביק שטיל און נאַס!

כאָטש מע צאָלט קיין דירע-געלט,
ווארפט מען ניט ארויס!
דאָרטן רוען אַף אייביק שוין
די ביינדעלעך זיך אויס!

די צווייטע מאָדיסטקע:

שטעפּט, נאָדל, שטעפּט בראַבאַנדערנע שפּיצן —
פאַר איר, פאר איר!
טאַכריכימלעך וועסטו גיך און באַלד שטעפּן
פאר מיר, פאר מיר!

עס בליצן ברילִיאַנטן, עס שמייכלט די קאַלעשע
שיין אזוי, ליב!
ווען וועט א שמייכל מיין פּאָנעם באַשיינען?
אין גרוב, אין גרוב!

ער וועט זי טוליען, צעקנייטשן די שפּיצן
אין הארציקן שטורעם!
ווער וועט מיך טוליען, צעקנייטשן די שפּיצן —
אַ וואָרעם, א וואָרעם!

„לוסטיק-לעבן" (א יונג האַנט-מיידל)

וואס פארסאַמט איר מיר דאָס לעבן?
זינגט ניט אזוי שרעקלעך!
כ'האָב קיין סאַמעט און קיין אַטלאַס —
נאר די רויטע בעקלעך!

כ'האָב קיין שפּיצן, קיין בריליאַנטן,
ווייס איך, וואָס זיי טויגן!
כ'האָב א האַלז אן אלעבאסטר,
צוויי בריליאַנטן — אויגן!

כ'דארף קיין פּערל, זעט די ציינדלעך,
אָך — ווי זיי געפעלן!
און די יונגע פרישע ליפּלעך
זיינען מיינע קרעלן!

פעלט מיר גאָלד דען? זעט די לאָקן!
און וואָס גליק איז — ווייס איך.
לאָזט מיך לאַכן, לאָזט מיך לעבן —
„לוסטיק-לעבן" הייס איך!

האַנט-מיידלעך (אויסער „לוסטיק-לעבן"):

אַף יעדער גאַס, אין יעדן הויז
שטייט א קאַסטן מיסט!
קליבן לאָזט מען פראנק און פריי
שמאַטעס גאר אומזיסט!

און — ווערט „לוסטיק-לעבן" אלט,
ווייסט איר, וואָס איר גלוסט?
מאַכט א שטעקעלע זיך פיין,
גראבלט זיך אין מיסט!

מאַדאַם:

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל איין אויגנבליק!
טוריי — טוריי — טוריי!
אָט דאָס הייסט מוזיק!

וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש, ניט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אָט, אָט פאַלט א טרער...

און אז טרערן פאַלן,
פון דער שווערער נויט, —
אף די ווייסע קליידער
ווערט א פלעק אף טויט.

טוריי — טוריי — טוריי!
אָט דאָס הייסט מוזיק.
האָט איר ניט קיין אייגנס —
זינגט פון פרעמדן גליק!

אַלע (כאָר):

עס איז געווען א מיידעלע,
אַ מיידעלע אַ פּראכט,
עסן עסט עס יעדן טאָג,
שלאָפט זיך יעדע נאַכט!

ליפּלעך האָט זי רויטינקע
רויטינקע, וואָס נישט?
נאָך ניט קיין צעביסענע,
נאָך ניט אויסגעקושט.

צינד נייען מיר דעם מיידעלע —
צו מאַזל און צו גליק
אַ זיידן כופּע-קליידעלע,
אַ קליידעלע, א שיק!

מע וועט איר געבן א מאַנעלע
אַי, דעם יונגן בלוט...
כאַ־כאַ־כאַ! דאָס מאַנעלע
קאָנען מיר דאָך גוט!

מאַדאַם:

אוי, נארישע קינע!
איך קען דיך פון לאַנג,
איך קען אויך דיין צינגל —
די גיפטיקע שלאַנג!

אַלע (אויסער דער מאַדאַם):

דער זייגער שלאָגט! אוי צען שלאָגט,
געענדיקט שוין די מי!
אַהיים, ווער נאָר א היים פארמאָגט,
אַהיים ביז אינדערפרי!

אין בעט אריין. א בעט ווער ס'האָט
נאר שלאָפן גייט, געדענקט אָן גאָט!
שלאָפן דארף די נויט!

מיידלעך:

שלאָפן איז א פיין געשעפט,
מע רוט זיך אויס! און טיילמאָל טרעפט
עס כאָלעמט זיך — א ברויט!
אוי, צען שלאָגט, צום עק די מי —
גוט-נאַכט, מאַדאַם.

מאַדאַם:

קומט מאָרגן פרי!

י. ל. פערעץ

די ליד וועגן העמד

די געשוואָלענע פינגער טוען וויי,
ווי טוט די ברעם אַף פארלאָפּענעם אויג.
אַן אָרעמע נייטערן זיצט באַם געניי.
דעם קאָפּ איבער נאָדל אַראָפּגעבויגט.

זי נייט, נייט, ווערט ניט מיד.
אין שמוץ און אין דאכקעס און אין הונגער־קלעם.
זינגט זי אַ קלאָגעוודיק־ביטערע ליד,
זינגט די ליד וועגן העמד.

— „אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט,
ווי נאָר דער האָן ווערט וואַך!
אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט,
כאָטש ס׳פינקלען שוין שטערן איבערן דאַך!

אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט,
ביז וואנען דער ווי דעם קאָפּ צעשטויסט!
אַרבעט! ארבעט! אַרבעט,
ביז וואנען די אויגן רינען ניט אויס!

„א גאָטעלע, א שורעלע, אַ קאַנט,
אַ קאַנטעלע, א שורעלע, א צווייטע...
פאַלט אָן דער שלאָף באַם געניי, — די האנט
פון זיך אליין דאָס העמדל נייט דאַן.

„אָ, מענער, פארזאָרגער פון מוטער און ווייב,
אָ, קינדער, פארליבטע אין שוועסטערשער היים, —
ניט פון לייוונט די העמדער באַ אייך אַפן לייב,
נאָר פון אָרעמער נייטערנס גאַליק געוויין!

ניי! ניי! ניי!
דער הונגער דריקט — איך ניי און שטריק
טאַי העמד, סאַי טאַכריכים מיט נאָדעלע איינס
פון איין און דעמזעלבן לייוונט-שטיק.

נאָר אַרט מיר דער טויט דען? איך וואָלט אן פאָרכט
באַגעגנט אים, ווען ר׳קומט צו גיין.
פון הונגער לאַנגיאָריקן בין איך דאָך
פון לאַנג שוין געראָטן אין טויט אַליין.

פון הונגער לאַנגיאָריקן, פון ביטערער נויט —
קיין גאַנצער אייוועך אין מיר פאַרבלייבט.
פאַרוואָס, פאַרוואָס איז טייער ברויט
און אזוי וואָלוול בלוט און לייב?

אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט!
מיין מי איז אָנדאכמאָנעסדיק אַזוי.
דער לוין? אַ שטיק מיט ברויט מיטן הארבן
און א געלעגערל פון שטרוי.

אַ באַנק און אַ טיש און א ליידיקע דיל.
דעם דאַך האָט געוויטער צעבויערט.
אַזוי וואויל, ווען מיין שאָטן אַמאָל אין דער שטיל
באַווייזט זיך אַף וואַנט מיר אף גרויער.

אַרבעט, אַרבעט, ארבעט,
מעסלעסנווייז ניט מיד ווער!
אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט,
ווי געפענטעטע אין טיף פון דער ערד.

אַ נאָטעלע, אַ שורעלע געצויגן.
אַ קאַנטעלע, אַ זוימעלע כ׳זוים אָפּ...
אַרבעט, ביז ס׳פּאַרציט די קראַנקע אויגן.
ביז דאָס האַרץ פאַרגליווערט סאָפּקאָלסאָף.

אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט,
ווען אין פענסטער די שויב איז באוואקסן מיט אייז,
אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט,
ווען ס'איז וואַרעם און ליכטיק און ווייס.

ווען ס'פליען אָן שוועלבעלעך מאַכנעסווייז
צו ברעגן פון דעכעלע מיינס,
און גיבן מיר פלייצעלעך העלע אַ ווייז,
און רייצן מיט פרילינג און שיין.

„אָ, איינמאָל, נאָך איינמאל דערקאָנען די פרייד,
דעם פעלדישן אָטעם דעם זיסן,
ווען ס'איז אינדערהויך נאָר דער הימל צעשפרייט
און גראָזן און בלומען צופוסנס!

אָ, ווען ס'קומט איין שאָ נאָר, ניט מער
פון גליקלעכער יוגנט צו מיר,
ווען וואַרעמעס איז ניט געווען דערוועַרט,
מערער דערוועַרט פון שפּאַציר!

אָ, ווען נאָר אייניינציקע שאָ,
ס'זאָל געשאָמע זיך געבן אַ הויב!..
פאַר ליבע ז'קיין רעגע קיין איינע ניטאָ.
דער הונגער האָט אַלעס באַרויבט.

כאָטש וויינען אַביסעלע — לייכטער דאָך ווערט.
ניין, מ'טאָר ניט. אַף פעדימער רייען
אַראָפּפאלן טאָר ניט דער נייטערנס טרער,
פאַרנעצן די איידלע געניייען!"

די געשוואָלענע פינגער טוען וויי,
ווי טוט די ברעם אַף פאַרלאָפּענעם אויג.
אַן ארעמע נייטערן זיצט באָם געניי,
דעם קאָפּ איבער נאָדל אַראָפּגעבויגט.

זי נייט, נייט, ווערט ניט מיד.
אין שמוץ און אין דאַכקעס און אין הונגער־קלעם
זינגט זי אַ קלאָגעוודיק־ביטערע ליד.
איר, רייכע, איר, בייכיקע, זאַטע, פארנעמט:
זי זינגט די ליד וועגן העמד.

טאָמאס הוד

צו אַ באָרוועס מיידעלע

עס האָט אי געשנייט, אי גערעגנט,
און גייענדיק שנעל דורך דער גאס,
אַ מיידעלע האָב איך באגעגנט,
האַלב נאקעט און באָרוועס און נאס.

זי האָט מיט די נאקעטע פיסלעך
געפּאַטשט דעם פאַרגאָסענעם ברוק,
און עפּעס אַזוי ווי פאַרדריסלעך
געשיינט האָט איר קינדערשער קוק.

קליין מיידעלע, זאָג מיר, וואו גייסטו,
דורך רעגן, דורך שניי און דורך קעלט?
אָ, זאָג מיר, מיין קינד, כאָטש פאַרשטייסטו,
ווי איבעריק ביסטו דער וועלט?

דער וועלט, וועלכע לאָזט דיך דאָ זוכן
אַ לעבן דורך עלנט און לייד,
און וויל דיינע פיס ניט באַשוכן
ניט האלטן דיין גוף אין אַ קלייד?

זאָג, זיינען דיר פרעמד די געפילן,
צי פאלט גאָר ניט איין דער געדאַנק,
אַז ווען דו זאָלסט איצט זיך פאַרקילן
דאַן פאלסטו אוועק און ביזט קראנק?

אָ, ווער וועט דיך דאַמאָלס קורירן,
אָ, ווער וועט פאַר דיר עפּעס טאָן? —
די וועלט, וועלכע לאָזט דיך פאַרפירן,
דער גאָט, וועלכער קוקט דיך ניט אָן?

ווי ווייט איך פאַרשטיי איז, מיסטאמע,
פון לאַנג שוין און ניט נאָר פון היינט,
די נאַקעטע גאַס נאָר דיין מאמע,
די שטיינער פון ברוק דיינע פריינט!

דיין צורע די בלייכע, די דאַרע
דערציילט מיר פון אלעס, מיין קינד!
דו ביסט דאָ אַ וואָלוועלע וואַרע.
געיאָגט און געשליידערט פון ווינט.

באַטראַכטנדיק שוין דיך באַלאָדן
מיט ווייטיק, אויב נאָך ניט מיט קאַס,
פאַרשטיי איך דעם גוואלדיקן שאָדן,
וואָס דיר קאן נאָך ברענגען די גאס...

דערפאַר מוז איך וויינען און קלאָגן:
אָ, דאָס קאָן אויך זיין מיט מיין קינד,
ווען מיך זאָלן צאָרעס דערשלאָגן
און אים זאָל פאַרוואַרפן דער ווינט.

מ. ראָזנפעלד

דער גאַסן־פּויקער

זינגט דער פֿויגל פֿריי און פֿריילעך,
ציטערט אַף זיין טראָן דער מיילעך,
ציטערן איז ניט קעדאַי.
זינג איך, ווי דער פֿויגל פֿריי,
און געשווינט,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך העפּקער, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַריין און גאַס ארויס! —
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ,
ווּעמען אַרט עס — האָ־האָ־האָ!
פֿאַר א קופּער־גראָשן בלויז
פּויק איך, אז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, דזשין, בום־בום־בום
דזשין, דזשין, בום!

לוסטיק לאַך איך מיט און שפּרינג
אָט אזוי — אין ווילדן רינג,
ווילד און פֿריי,
סאַי ווי סאַי
מיטן שפּרינג גייט אלץ פֿאַרביי.
צוגעווינט צו אלדעס בייז,
קנייפּ איך ברויט א שטיק פון טאַש,
און איך זשליאָקע פון דער פֿלאַש,
ברענט דאָס בלוט, און רינט דער שווייס —
פּויק איך, אז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,

און איך דריי זיך רונד ארום, —
דזשין, דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין, דזשין, בום!

אָט אזוי זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעריסן,
טאַנץ, ווי לאַגג עס טאַנצט זיך נאָך,
נאָך א יאָר און נאָך א וואָך.
קומט א מיידל א מאַכאַשייפע:
צינדט זי אָן אין מיר א סרייפע,
נעם איך זיך נאָך ווילדער דרייען.
און איך פרעס צונויף די ציין,
און איך ברום:
— מיידל, קום!
גיב די הענט און נעם ארום:
הייסער טאַנצט זיך עס צו צוויי.
ס'האָט אַזא, ווי דו, א שלאַנג,
מיך פאַרלאָזן ערשט ניט לאַנג.
קרענקט דאָס האַרץ און פּלאַצט פון וויי —
פויק איך, אז די פויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן
און איך דריי זיך רונד ארום —
דזשין, דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשי , דזשין, בום!

לאַכן קינדער לוסטיק, מונטער,
פאַל איך ניט בא זיך ארונטער,
נאָך א שאָ!
קראַנק און גראָ? —
וועמען אַרט עס, האָ־האָ־האָ!
הונט און שלעפער, לומפּ און ווינט,

טאַנץ איך העפקער דורך דער פרעמד,
האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד!
האָב איך ניט קיין ווייב, קיין קינד!
פּויק איך, אז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד ארום —
דזשין, דזשין, דזשין. בום־בום־בום,
דזשין, דזשין, בום!

האַלפּערן

די ווינטער־נויט

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט...
דער ווינט — אַ היימלאָזער — אים איינעם שלאָפט זיך ניט,
און ווי די גאַנצע נאַכט טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און וויעט מיט שניי און שטויב און וואָיעט בייז און שטום.

און אין די מויערן די מענטשן ווערן וואַך,
און קליינע פייערלעך אין פענסטער פינקלען שוואַך,
און אַף די מויערן צעציט זיך, ווי אַ שטריק
אַ לאַנגער הייזעריקער פייף פון אַ פאַבריק.

ווער איז דאָס יענעערשטע אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין אַ ווײלע אויפן ראָג.
און קוקט זיך אום אַרום, מיט אויגן סאַם און האַס
און לאָזט אויך זיך שפּאַנען אין דער לייַנג פון גאַס?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע, גרויע ווינטער נויט,
זי כאַפּט זיך אויף די ערשטע שעלטנדיקערהייט.
זי קומט אין גאַס די ערשטע, שעלט אזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אן עמער קוילן אין איר דאַרער האַנט

מאני לייב

דער גאַנעוו

די קינדער האָבן בייז געבעטן עסן.
אין הויז קיין שטיקל ברויט איז ניט געווען.
און ער איז פאַר דעם הוילן טיש געזעסן
און האָט דאָס אַלץ געהערט און אַלץ געזען.

נאָר פּלוצים האָט ער עפּעס וואָס פאַרשטאַנען,
און שארף אַף אַלץ אַ קוק געטאָן אין הויז,
און אויפגעשטאַנען, און באַם טיר געשטאַנען,
געשטאַנען און געטראַכט, און איז אַרויס.

די קינדער זיינען הונגעריק געלעגן,
געשלאָפן, קליינע, האָבן ניט געהערט
דאָס קלאַפּן אין די שויבן פון דעם רעגן,
און ניט ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט.

די קליידער נאַס, די אויגן אויסגעלאָשן,
און בלוי און נאַס פון רעגן דאָס געזיכט,
האָט ער די טיר געעפנט און פאַרשלאָסן,
און אָנגעצונדן שטיקלעך ווייסע ליכט.

און עסן איינגעוויקלט אין פּאַפּירן
האָט ער עס אַפּן טיש אַוועקגעלייגט.
איז צו די קינדער צו. געשראָקן זיך באַרירן...
און לאַנג געשטאַנען איבער זיי גענייגט.

דערנאָך באַם טיש, אַ מידער און געבויגן
האָט ער זיך פאַר די ווייסע ליכט געשטעלט,
און האָט באַטראַכט מיט קאַלטע מידע אויגן
אַ קליינעם דאַמען־פּאָרטמאָנע מיט געלט.

מאני לייב

פון אַלע טעג

א.

דורך דעם פענסטער קוקט אריין צו מיר אַ טריבער מאָרגן.
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פּאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן.

— האָסטו דיר דיין פרישטיק. אין פּאַפּירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל. נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער. וועק די קינדער ניט.
און אָט וואַרט. זע, מאַך צורעכט דיין רעקל.

— אַ גוטן טאָג!
— גיי געזונטערהייט און קום געזונט צוריק.

דרויסן רעגנט. גלאַנציק-שוואַרץ און נאַס
ציט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענטשן איילן, סאַפּענדיק, פון ביידע זייטן.
ווי אַ לאַנגע, אויסגעדרייטע שלאַנג, פונווייטן
לויפט א צוג פאַרביי דאָרט אַף אַ הויכער בריק.

כ׳גיי אין שטראָם, און מענטשן, קראָמען — אַלץ אזוי באַקאַנטע,
און דאָך פרעמד אזוי, אַלץ בייטן זיך פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אָט איז שוין דער פּלאַץ. און דאָרט אַרויף
די טיר,
שילדן גאָלדענע. און פענסטער, פענסטער אַלץ אזוי באַקאַנטע.

כ׳שטיי באַם טיר און וואַרט. אַ מיידל קומט: — „גוט מאָרגן״!
ס׳קומען יונגע, אַלטע לייט: — „גוט מאָרגן״ און „גוט יאָר״.
ס׳עפנט זיך די טיר: אַ נעגער-יונג מיט קרייזלדיקע האָר

ציט ארויף אונז אין דער הויך. אַ זשום — אַ פלי!
באַלד, מיר זיצן שוין אין יאָך, ווי פּי,
און ציען אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגן...

ב.

ס'איז מיטאָג־צייט. אין שאָפּ איז שטיל. בלויז, ווי א בין,
דאָרט זשומעט אין ווינקל - וואו איינאיינציקע מאַשין.
אַ מיידל עסט און קנאַקט די שאָלעכץ פון אן איי.
און איינער אָדער צוויי געמיטלעך זופן טיי.

דאָ נעבן כראָמקעט עמעץ ציבעלע מיט ברויט.
און בלאַסע מיידלעך, אָנגעפאַרבט אף רויט,
צעשטעלן זיך באַ אָפענע פענסטער אויס,
און קוקן זשעדנע ערגעץ וואו אַרויס.

און אף אַ פענסטער זיץ איך מיר אליין.
די פיס פאַרלייגט. אַ האַנט אין שויס, און קוק ארויס.
אַזוי זיך גלאַט אַרויס.
אַקעגן פון אַ פענסטער ווינקט א מיידל מיר,
און, עפשער, ווינקט זי ניט. איך קוק אף איר
און קוק אַוועק,
און ס'פאַלט מיין בליק אַראָפּ צום וועג,
וואו ס'שלעפּן קרעכצנדיק באַלאָדנט שווער
זיך וואָגנס, פערד און קאַרס אַהין, אַהער.
און אף די טראָטואַרן שוויבלען מענטשנקעפּ,
מיט היט פון שטרוי און פעלץ, און גלאַט מיט צעפּ.
און ערגעץ ברומט אַ שיף, און איבער אַלע דעכער
צעשניידט א פייף די לופט און ערגעץ ווייטער, העכער
פאַרקלינגט אַ בלאַסער קלאַנג אין דעם געפילדער.
און ווילד און ווילדער
צעשניידט זיך אַלץ די לופט פון פייפערייען.

און שיטערער עס ווערן אונטן יענע מענטשן רייען,
געדיכטער אַף די וועגן און די רעדער — שווערער.
און וואָס אַמאָל אַלץ מערער.

און דאָ ארום מיר הויבט עס שטאַרקער אָן צו זשומען
און איינציקווייז עס הויבן אָן צו קומען
צום וואַנט די שאָטנס און טיפער דאָרט, דערינען
די מענטשן, איילנדיק צו זייערע מאַשינען.

און כ׳זיץ אזוי, די פיס פארלייגט, א האַנט אין שויס,
און קוק זיך אום און קוק אַרויס
און קוק זיך ווידער אום, און שטום.

אָנבויגנדיק דעם קאָפּ, הויב איך זיך אויף,
און לייג די הענט צונויף,
און לאָז זיך לאַנגזאַם גיין אַהין,
צום ווינקל, וואו עס וואַרט, זיך דרייענדיק,
אַ ליידיקע מאַשין.

ר. אייזלאַנד

די פאַבריק

עס אַרבעטן הונדערטער, הונדערטער הענט,
ס׳פייפן מאַשינעס און טרייסלען די ווענט;
ס׳שטויסן זיך וואָלקנס אַרויף אינדערהויך
פון פינצטערע שטויבלעך און ביטערן רויך.

עס אַרבעט, עס אַרבעט, ווי טאָג און ווי נאַכט,
ס׳האַמערט זיך רייכטום און ערע און מאַכט,
דורך מי און דורך הונגער, דורך שוייס און דורך פּיין!
אָ, זאָג מיר, מיין פריינט, צי אַזוי דארף עס זיין?..

עס שטייען דאָרט פענעמער בלאַסע ווי קרייט,
וואָס שטאַרבן פון אַרבעט אַוועק פאַר דער צייט —
אַ דאיגע — א קייוועד — איז ווייטער אַ רוק,
די ערד האָט אף קוואָרים נאָך ערטער ג׳ענוג...

עס אַרבעט, עס ארבעט, און ס׳האָט ניט קיין צאָל
די פאַרטיקע אַרבעט, וואָס ווערט מיט אמאָל,
נאָר ווער וועט זיי קויפן, געניסן זיי, ווער?
ניט דער, וועלכער אַרבעט, מיין פריינט, אוי, נישט דער!

ד. קאַסעל

קוימען, הויכער קוימען...

קוימען, הויכער קוימען, וואָס באקלאָגט דיין שטימע?
וועמען, זאָג, באַגריסטו אין דער גראָער לופט?
צי די מידע מענטשן פון דער שווערער אַרבעט,
די, וואָס איצט דיין שטימע וועקט פון שלאָף און רופט?

עפשער וויינט אַן אלטע מאַמע אין דיין שטימע,
אף איינאיינציק זון, וואָס פלעגט איר געבן ברויט,
וועלכער האָט א צייט געדרייט אַ ראָד א שוואַרצע,
ביז ער האָט די שוואַרצע ראָד געפאַרבט אין רויט!

קוימען, הויכער קוימען, הער שוין אויף צו וויינען!
בעסער שיט מיט קלאָלעס ריכטיק ווי מיט רויך,
קלאָלעס אף די רייכע פון פאַרקלעמטע הערצער,
וועלכע זאָלן צאָרניק רוישן אין דער הויך!

ד. איינהאָרן

אין דער ווייט

עס ווילט זיך מיר לאָזן
די שטאָט און דעם מאַרק,
און אָטעמען פרייער,
און אָטעמען שטאַרק.
און לאָזן די הייזער
מיט טויערן אַרום,
און גיין, וואו ס'איז אָפן
און פריי אומעטום!

און גיין, וואו ס'איז אָפן
און ליכטיק, און ריין,
און לאָזן די הייזער
פון ציגל און שטיין!
און לאָזן די מויערן,
וואָס זיינען מיר ענג,
און גיין אין דער ווייט
אין דער ברייט, אין דער לענג!

און לאָזן די שטאָט
מיט איר שפּראַך און איר גאַנג
און הערן אין וועלדער
דאָס פייגל-געזאַנג.
און הערן, ווי ס'מורמלט
מעלאָדיש דער קוואַל,
ווי ס'רופט אַזוי זאַנפטיק
אין לופט יעדער שאַל.

און לאָזן די כאָכמע
און וויסן אין שטאָט,
אַך, זאָל זי זיך האַלטן

מיט דעם, וואָס זי האָט.
דער אָדלער אין וואָלקן —
ער איז אַזוי קלוג,
איך וועל אים אין וועג דאָרט
באַגעגנען געגוג.

ער וועט מיך אויסלערנען,
ווי לעבן מע דארף,
דער אָדלער איז קלוג,
און זיין טוירע איז שאַרף!
זיין טוירע איז — פליען,
וואָס העכער אָן שיר,
שוין לאַנג ברענט זיין טוירע
אין האַרצן באַ מיר.

א. רייזין

צום שקלאַף

ווען כ'זע דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט —
דיין בלוט, וואָס איז מיר אזוי טייער,
דאן צינדט זיך אין האַרצן באַ מיר אָן אַ גלוט,
עס פלאַקערט באלד אויף דאָרט א פייער...

אַ וויטנדער פייער פון צאָרן און האַס,
און יעטווידער נערוו שרייט נאָך ראכע;
איך וויל דאן צערייבן, צעמאָלן אף אַש
די אַלע, וואָס דריקן די שוואַכע...

נאָר, שקלאף, ווען איך זע, אז דו גיסט זיך קיין ריר
און ווילסט זיך גאָר בעסער ניט מאַכן —
אָ, דאן ווערט דאָס האַרץ שיר צעשפרונגען אין מיר
איך הויב אָן פאַר ווייטאָק צו לאכן...

יויסעף באָושאָווער

פ י י ג ל

כמאַרעס גייען,
ווינטן ווייען,
די ערד איז מאַט און מיד;

אונטערן הימל
מיט געטימל
אַ מאַכנע פייגל ציט.

פליגל פאָכען...
יאָך צעבראָכן
און אַלע פראַנק און פריי...

און זיי ווילן
זיך אָפשטעלן,
אַוואו ס'איז ערגעץ מאַי.

כ'הויב די בליקן
צו די גליקן —
דאָרטן אין דער הויך...

קינדיש כליפען
האַרץ און ליפן:
אַ פייגל, נעמט מיך אויך!..

א. רייזין

דער דערוואַרטער טאָג

ווי ווייניק מיר האָבן יאָנטויווים,
די וואָכיקע טעג אַזוי פיל,
מיר וואַרטן אף יאנטעוו און וואַרטן
און בלאָנדזשען און טומלען אָן ציל.

צי ווייסט דיר דאָך, אָרעמע מענטשן,
איר קינדער פון זאָרג און פון פלאָג, —
עס ליגט נאָך וואו ערגעץ באַהאַלטן
אַ יאנטעוודיק — אייביקער טאָג . . .

ער ליגט אין דעם שויס פון דעם הימל
און גליט אין דער זון פורפור-רויט;
ער קאָן זיך צו אונז נאָך ניט ווייזן —
עס איז נאָך די ערד פול מיט קויט . . .

זי וועט אָבער ריין אַמאָל ווערן —
(דער מענטש — ער מוז העלפן דערצו!) —
און נידערן וועט ער פון הימל
מיט ליכט און מיט שטראַלן און רו . . .

א. רייזין

* * *

אָ, איר שרייבער און איר קריצער
פון געזעצן וועגן זינד;
ניין, איך קאָן אייך ניט פאַרטראָגן,
אייער שרייבן — וויסט און ווינד!

דען דער עלנטער, געדריקטער,
ווען צום ריכטער־הויז ער קומט,
שפעטן אויס אים אַלע ריכטער,
און גערעכטיקייט פאַרשטומט.

און אַלמאָנעס און יעסוימים
און דאָס ארמע פאָלק דורכויס
האָט זיך ניט צו ווען ווענדן,
ביז דער צאָרן־טאָג ברעכט אויס...

אָ, ער טראָגט זיך פון דער ווייטן,
איינגעהילט אין פלאַם און בלוט,
אָ, איר ריכטער, וואו אַנטלויפט איר
אין דעם טאָג פון דין און גלות?!

א. רייזין.

די וואַנט

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטייען באַ אַ הויכער געמויערטער וואַנט, —
מיט העק און מיט האמערס, און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פארצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פריילעכן טאָג אונז אַ פינסטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין צי אַ ציגל, טרעפט וועמען אין קאָפּ, —
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעט מען ווייטער, מע לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער,
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן!

א. רייזין

אַ געזאַנג צום פאָלק

הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, וואָס דו ביסט
אזוי עלנד און אָרעם,
הויב אויף דיינע אויגן צו מיזרעך און מאַירעוו,
צו צאָפן און דאָרעם
און זע די געזאַמלטע אויצרעס, און זע
פון דיין אַרבעט די פּיירעס,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון
פריער געוועזענע דוירעס.

הויב אויף דיינע אויגן און זע אפן יאַם
די גאָלדענע שיפן,
און זע אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך
פון די לאקאמאטיוון.
און זע, ווי זיי שוועבן און קומען געשווינט
פון אַ געגנד אַ וויַיטן
און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן
און סכוירעס צו בייטן.

הויב אויף דיינע אויגן און זע די
געמויערטע גרויסע פאַבריקן,
וואו ארבעטער זעגן און הובלען, און וועבן,
און נייען, און שטריקן,
און שמידן און פיילן, און טאָקן און שניצן
און גלעטען און פוצן,
און שאפן די ווארע, און שאַפן דעם רייכטום
צום מענטשלעכן נוצן.

און זע די מאשינען, די בלאנקע, די ריזיקע
אייזערנע שקלאַפן,
וואָס היטן די מענטשלעכע קויכעס און העלפן
די רייכטימער שאַפן,
און זע, ווי די ווילדע, די מעכטיקע קראַפט
דער נאַטור איז באַצוואונגען,
ווייל טיף איז דער מענטשלעכער סייכל און
אירע געהיימניס געדרונגען.

און ווייט אויף די בליענדע, לוסטיקע פעלדער
הויב אויף דיינע אויגן
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען
פון שווערקייט געבויגן,
און זע אין די פרעכטיקע גערטנער די בוימער
מיט פרוכטן באַהאנגען,
און פויגל ערפילן די צווייגן, ערפילן
די לופט מיט געזאנגען.

און זע, ווי די זאַפטיקע ווייַנטרויבן ווערן
געטראָטן אין קעלטער
דער ווייַן ווערט געגאָסן אין פעסער צו ווערן
געשמאַקער און עלטער,
אום שפּעטער צו זידן אין בעכער, די מענטשלעכע
האַרץ צו זערפרייען,
ערוועקנדיק האָפנונג און ליבע, פאַריאָגנדיק
שמערצן און ווייען.

און זע, ווי די גאַנצע נאַטור איז בּרייט צו
פאַרזיסן דיין לעבן.
און פיל אין דיין ברוסט אַ פאַרלאַנגען און פיל אין
דיין האַרצן אַ שטרעבן,

און מוטיק אין ריזיקע מאַכנעס שטרעק אויס דיינע
הענט, די פאַרדאַרטע, —
גענוג שוין צו זיין די באַרויבטע! גענוג שוין
צו זיין די גענאַרטע!

הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק. גיי אַרויס פון
די פינסטערע קוואָרים,
הויב אויף דיינע אייגן צו מיזרעך און מאַירעוו,
צו צאָפן און דאָרעם
און נעם די געיארשנטע אויצרעס, און נעם
פון דיין אַרבעט די פּיירעס,
און שאפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף
אין די פרייערע דוירעס! —

י. באָוושאווער

דער פרייהייטס־קעמפער

ער מעג אַליין אין שטורעם שטייען,
זיין טעטיקייט וועט בלייבן;
אים קען די נויט, און אויך דער טויט,
פון ווירקן ניט פארטרייבן.

ער מעג פון פיינט און גוטע פריינט
פארשטויסן און פארשפעטעט זיין;
ער זעט אויך היינט די זון וואָס שיינט
פון פרייהייט, וועלכע וועט זיין.

ער זעט די וועלט פון רויב און געלט
מיט האַס, און שפּאָט, און קאַלטקייט;
ער קעמפט אין פעלד, אַ יונגער העלד,
ער ווייסט ניט פון קיין אַלטקייט.

ער רייסט מיט רייד דעם שײנעם קלייד
פון פאַלשקייט און פון ליגן,
ער קעמפט אין פרײַ, אין שמערץ און לייד,
ניט דענקענדיק זיגן.

אים טרייבט דער דראַנג פון פאָלקס פאַרלאַנג
צו לעבן און געניסן;
דער האַס צום שלאַנג, פון שקלאַפן-צוואַנג,
פון מענטשן אָן וויסן.

אים יאָגט דער גייסט, וואָס ברעכט און רייסט
דאָס פוילנדע און שטיקער,
וואָס שטעכט און בייסט, און שטראָפט און שמייסט
דעם ווילדן אונטערדריקער.

אים אַרט קיין שפּאָט פון לייט און גאָט,
ער וויל קיין לאַסט ניט טראָגן:
ער זוכט, און האָט אַ נײַ געבאָט,
וואָס הייסט ניט לאָזן פּלאגן.

י. באוושאווער

צו מיינע ברידער

אָרעם געוואָרענע
ווען ניט געבאָרענע;
ווען ניט געבונדענע,
דען נאָך געשונדענע
שקלאַפן זייט איר;

אייביק פארצאָרעטע,
אייביק פאַרמאָרעטע,

איר אָפּגעריסענע,
דאָ אָפּגעשליסענע,
שטייט איר פאַר מיר.

מענער פאַרבלענדעטע,
פרויען געשענדעטע,
לאָזט מען אייך פּלאָדעווען,
אויפציִען, האָדעווען,
און דער גוויר לאַכט —

ווערנד ער האַבעוועט,
צופּט אייך און ראַבעוועט,
יאָגט אייך אין יאָך אריין,
טרייבט אייך אין סאָך אריין,
טרייבט טאָג און נאַכט.

טיף - טיף געזונקענע,
גלויבנס באַטרונקענע
גיט איר די וועלט אַוועק
לייב, לעבן, געלט אַוועק
דעם, וואָס איז רייך ;

און זיינע קינדערלעך,
קינפטיקע שינדערלעך,
קינפטיקע צאַפּערלעך,
רייסערלעך, כאַפּערלעך
לאַכן פון אייך.

איר זייט די טויזנטער !
איין רוף אַ ברויזנדער,
איין קלאַפּ אַ טיכטיקער,
איין קאַמף אַ ריכטיקער,
ריכטיק כּאַדאַכט,

וואָלט די פאַרדאָרבענע,
האַלב אָפּגעשטאָרבענע,
די האַלב צעגלידערטע
מענטשהייט פארברידערט און
גליקלעך געמאַכט.

מ. ווינטשעווסקי

אַ קאַמף־געזאַנג

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע
זאָגט צו זיי: ברידער, זעט דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פיינט;

דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט;
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

ווישט אויס פון אַרבעטער־אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
לאָזט היינט קיין קאָל פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען ארויס אַף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיקער פיינט;

מיר, — וועלכע ווילן די מענטשהייט פארברידערן;
ער, — וועלכער וויל אונז דורך סינע צעגלידערן;
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
וועקט די, וואָס שלומערן, זייענדיק שוואַך,
איינציקווייז נעמט זיי צונויף די צעשפּרייטע,
זאָגט זיי: אונז רופט היינט די הייליקע זאַך
קעגן דעם בלוטיקן פיינט;

אונז, דעם האַמוין פון באַדריקטע, דאָך מוטיקע,
קעגן האַבונעס, פאַרווילדעטע, בלוטיקע;
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ הויב;
האַלט פאַר די אויגן די העלדן די טויטע,
דענקט אָן די אָפּפער פון האַבזוכט און רויב,
היינט קעגן בלוטיקן פיינט;

גיט אריין קראַפט אַלע בלייכע, צעזויגענע,
גיט אריין מוט אַלע טיף-איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונז היינט!

מ. ווינטשעווסקי

דער פרייהייט-גייסט

אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער-ראַסן,
רופט דער פרייהייט-גייסט:
„איך ברענג וואָפן — פאַר דעם שלאָפן,
איך באַפריי די ארבעט-שקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

ליכט פאַרשפּרייטן — רעכט פאַרברייטן
קום איך און צעברעך די קייטן
פון די טיראַניי,
די נאַציאָנען — פון קאַנאָנען,
פון אַרמייען און פון שפּיאָנען
קום איך מאַכן פריי.

איך קום לערן — אַרבעט ערן,
ערן, אַכטן און באַגערן

אַרבעט מיט אַ טאָלק;
גליק און פרידן — אומגעשידן
צווישן היידן, קריסטן, יידן,
צווישן פאָלק און פאָלק.

פרייד און שטרעבן — קום איך געבן,
לעבנלוסט און לוסט און לעבן
אַלעמען צוגלייך;
מענטשן-קינדער — זאָל ווי רינדער
ניט מער אומברענגען אַ גריינדער
פון אַ מערדער רייך.

איך קום מעלדן — יענע העלדן,
וועלכע שמאַכטן אין די קעלטן
פון סיביר אַצינד,
אַז צעטראָגן — וועט אסטראָגן
באַלד מיין שטורעם, — באַלד וועט שלאָגן
די באַפרייאונג-שטונד".

מ. ווינטשעווסקי

אין פאַבריק

ווי עס נעמט אף טאָג גאָר בלאסן,
ברויזן פינצטערע געזאַנגען:
פעט-באַפעכטע לעדער-פאַסן
יאָגן זיך ווי שוואַרצע שלאַנגען...
און ס'צעזינגען זיך מאַשינען
שטאַרק און טרויעריק צוזאַמען,
שפריצן פייערדיקע בינען
אין געשריי פון אַרץ און פלאַמען...

רעדער... רעדער... רויך און פונקען...
און אין כוישעכניש פאַרטרונקען,
הערצער ווערן מיד פארלאָשן...
האַמערס ברומען... ס׳גליִען גלידער,
ווי פון בראָנזע אויסגעגאָסן...
טיף געבויגענע באַם פייער
אָפּגעכאַלעשט מיד און מידער,
קנעטן זיי דאָס הייסע אייזן,
און דער פלאַם טרייסט ליב און טייער:
ס׳מוז די זון, די זון זיך ווייזן!

מ. קולבאַק

דער צעשמעטערטער יאַם־צוים

אין לאַנד פון דעם קאַלטן און פינצטערן צאָפן,
אין לאַנד, וואו עס הערשן די שרעקלעכע ווינטן,
די ווינטן, וואָס גליווערן אלץ, וואָס עס אטעמט;
אין לאַנד, וואו די פיכטן און טאנען די אַלטע,
באַדעקט מיט די ווייסע טאַכריכים פון ווינטער,
באמערקן נאר זעלטן דעם שמייכל פון שטראלן, —
אט דאָרט האָט זיך ווייט אין דעם יאַם איינגעשניטן
א שרעקלעכער מויער פון ריזיקע פעלזן,
א מויער, דורך מענטשלעכע הענט א געבויטער.
מיט שטאלץ און מיט אזעס האָט ער זיך דערהויבן,
דערהויבן זיך איבער די כוואַליעס פון אָפּגרונט,
ער האָט זיך געשפּאט איבער זייער גערודער,
און רואיק געשטאַנען זיך, שוואַרץ, ווי אַ טפיסע...

די מעכטיקע כוואַליעס, די פרייע, די הויכע,
זיי פלעגן זיך שטענדיק נאָר שטויסן און וואַרפן
מיט האסט און מיט אימפעט אנטקעגן די פעלזן,

וואָס האָבן פאַרצוימט זיי די אָפענע וועגן
פון יאַם פון דעם פרייען, דעם גרויסן און ברייטן.
עס האָט זיך פיל הונדערטער יאָרן געצויגן
דער מוטיקער קאַמף פון די מעכטיקע כוואַליעס,
אנטקעגן דעם פינסטערן צוים פון די פעלזן...
געוואונען דעם קאַמף האָבן ענדלעך די כוואליעס,
זיי האָבן דעם שרעקלעכן מויער צעשמעטערט!

און אַלע פרימאָרגן אין פרילינג און זומער,
בעשאַס די זון פון דעם הימל דעם טיפן
צעזייט און צעשפּרייט אירע פריילעכע שטראַלן
אין לופטן און איבער דעם שפיגל פון אָפגרונט, —
דאן הויבן זיך אויף מיט אַ סימכע די כוואליעס,
געקרוינטע מיט פערל און ריינע בריליאַנטן,
און פאנגען און האלזן און קושן די שטראלן,
זיי שפילן צוזאַמען, זיי טראגן זיך מונטער
ווייט - ווייט אין דעם יאַם, וועלכער האָט ניט קיין גרענצן
און זינגען און ברומען דאָס ליד פון ניצאָכן!..

*

ווי פייגעלעך זיינען זיך פרייע געוועזן
אמאָל, אין די אַלטע פארצייטיקע יאָרן,
די כוואַליעס פון יאַם, די גיבוירים פון אָפגרונט,
עס האָט זיי דער יאַם ווי אַ ליבנדע מוטער,
געוויגט אונטער הילכיקע שטורעם - ווינט - לידער,
זיי האָבן זיך איבער דעם זידנדן אָפגרונט
געטראָגן ווי בליצן אָן זארג און אָן קומער...

נאָר אָט איז געקומען צו לויפן פון ווייטן
א בריע מעשונע, א ווילדער רעצייעך,
א מענטש פון דער פרעמדער און קאַלטער יאבאָשע,
א בלוטיקער סוינע פון ליכט און פון פרייהייט.

באַ אים האָט אין הארצן דאָס גליק פון די כוואַליעס
דערוועקט די געפילן פון האס און פון קינע,
און ער האָט געשוואָרן, אַז ער וועט די כוואַליעס
פארצוימען די וועגן, פארזעצן אין טפיסע,
אַז ער וועט באַ זיי אין די הערצער דערשטיקן
די ליבע צו פרייהייט, דעם מוטיקן ווילן,
אַז ער וועט זיי שטעלן פון פעלזן א גרענעץ,
זיי זאָלן ניט קאנען זיך טראָגן ווי העלדן,
ווי פרייע, ווי מוטיקע איבער דעם אָפגרונט.

געשיקט האָט דער רויבער א מאכנע פון שקלאפן,
זיי זאָלן די פינסטערע ארבעט דערפילן.
און זיי, די געהארכזאמע, בלינדע און שטומע,
זיי זיינען געגאַנגען אן שאַילעס, אָן טאַינעס
און האָבן אין דר'ערד, אין דער קאַלטער יאבאָשע
געגראָבן פיל טיפע און פינסטערע היילן,
זיי האָבן פון דאָרטן מיט אנגסט און מיט ליידן
ארויפגעבראַכט פעלזן פאַרכוישעכטע, שוואַרצע
און האָבן גענומען זיי וואַרפן אין אָפגרונט...

דער יאַם האָט זיך לוסטיק צעלאכט פון דער ארבעט.
די כוואליעס, די פרייע און לוסטיקע כוואַליעס,
זיי האָבן געקוקט זיך אָן זאָרג און אָן פאַכאַד,
געקוקט, ווי עס פאַלן און פאַלן און פאַלן
צום אָפגרונט די שטומע פאַרכוישעכטע פעלזן
און האָבן גענומען די ארכים די קאַלטע
אי קושן, אי גלעטן, אי האלזן מיט ליבע.
דערביי האָבן שטיל זיך מיט פרייד און מיט אימפעט
די כוואליעס געסוידעט: „א פריילעכעס לעבן!
עס זיינען אהערצו די אָרכים געקומען
פון פינסטערע היילן, פון דר'ערד פון דער שוואַרצער
זיי זיינען זיך, געבעך, פאַרצויגט און פאַרביטערט!

מיר וועלן זיי אויפנעמען פריינטלעך ווי ברידער,
מיר וועלן זיי זינגען א פריילעכן ניגון,
מיר וועלן צוזאַמען מיט זיי, מיט די אָרכים,
אי בענטשן, אי לויבן די ליכט און די פרייהייט!״

די וועכטער פון אָפּגרונט, דער ווינט און דער שטורעם
זיי האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע סאַקאָנע,
און האָבן באַגעגנט די שרעקלעכע אָרכים
מיט בייזע יעלאָלעס, מיט אימפעט און צאָרן,
מיט פייפן און קוילעס פון האס און מיט דראָונג
די פעלזן די קאַלטע די טויבע און שטומע,
זיי פאַלן זיך איינער נאָך איינעם גאַנץ רואיק
אין אָפּגרונט דעם טיפן, און פאַלן און פאַלן
און לייגן זיך ענג מיט אייננאַנדער צוזאַמען
און וואַקסן אין יאַם ווי אַ שרעקלעכע בריע.
עס וואַקסט זיך און וואַקסט פון די פעלזן אַ פעסטונג,
א שרעקלעכער מויער, א לאנגער, א ברייטער.
זיין גוף הויבט זיך אן שוין באַווייזן פון וואסער
און הויבט זיך אָן ציען אַלץ העכער און העכער;
עס זיינען פארצוימט שוין די וועגן פון אָפּגרונט,
עס זיינען פארשאטנט די ליכטיקע שטראַלן.
פארשמידט איז דער יאַם און פאַרציטערט פון פּאַכאַד
און לעקט שוין מיט כניפע די פיס פון דעם רויבער.

*

די כוואַליעס פון יאַם, די גיבוירים פון אָפּגרונט,
זיי האָבן שוין קלאָר די רעציכע פאַרשטאַנען!
זיי בלייבן צעטומלט, צערודערט, דערשראָקן,
און וואַרפן פארצווייפלטע אנגסטלעכע בליקן
אין אַלע פיר זייטן פון אָפּגרונט און הימל.
זיי פרואוון זיך קייקלען און פליען ווי פריער —

און שטויסן זיך אָן אָן די שפּיציקע פעלזן
און שפּרינגען צוריק אָפּ מיט קרעכצן מיט זיפצן,
און ווערן צעשפּריַיט, ווי צעהאַקטע מיט שווערדן.
דער גרויזאַמער מויער בלייבט קאַלט, ווי א טאַליען,
עס ציטערט פון שרעק און פון צאַאַר דער אָפּגרונט,
עס לויפן די כוואַליעס, באַדעקטע מיט טרויער,
זיי שריַיען פאַרצווייפלט: „פאַראַטן! פאַראַטן!"
מיר האָבן ווי ברידער באַגעגנט די פעלזן,
די אָרכים די קאַלטע, די שטילע, די פרומע,
און זיי, די ראַמאָים, זיי האָבן אָן ראַכמים
פאַרזעצט אונז אין טפיסע, פאַרצוימט אונז די וועגן,
זיי האָבן באַרויבט אונזער ליכט, אונזער פריַיהייט,
די פריַיהייט, די פריַיהייט, די הייליקע פריַיהייט!"

עס דונערט און פייפט מיט די כוואַליעס צוזאַמען
דער פאָטער פון אָפּגרונט דעם טיפן, דער שטורעם,
עס קלאָגן די וואָלקנס, עס טאַינען די ווינטן.
זיי שריַיען: „אָ, פעלזן! אָ גרויזאַמע פעלזן!
האָט איר דען אַליין ניט געאָטעמט מיט פריַיהייט?
פאַרוואָס־זשע האָט איר מיט אַ קאַלטער רעציכע
געגאזלט די פריַיהייט בא אונזערע קינדער?!"
עס ענטפערן קאַלט און פאַרקומערט די פעלזן:
„מיר, פעלזן, מיר האָבן קיין אייגענעם ווילן, —
מיר טוען נאָר דאָס, וואָס עס ווערט אונז באַפוילן".
עס טראָגט זיך אַרום איבער יאַם, ווי אַ קלאָלע,
דער פינסטערער ענטפער פון מערדער און שקלאַפן.

דער ווינט און דער שטורעם — זיי פליען און ברומען
און רופן פון אַלע פיר זייטן די כוואַליעס.
זיי זאגן זיי אָן וועגן מויער די בסורע
און פליען און טראָגן זיך ווייטער און ווייטער

און מיידן דעם יאַם מיט די שרעקלעכע פעלזן
און פליען אַלץ ווייטער און ווערן פארשוואונדן.

די כוואַליעס די אַלטע, די גרויע, די פרייע,
זיי קאנען קיין שקלאפישע קייטן ניט טראָגן.
זיי לאָזן אַראָפּ זיך אין אָפּגרונט דעם טיפן
און בלייבן דאָרט ליגן פארצויגט און פארקומערט,
די כוואַליעס די יונגע, וואָס בלייבן פון אויבן
זיי קייקלען זיך שטיל, ווי געשמידטע אין קייטן,
ווי בלינדע און שטומע פארוואגלטע שקלאפן...
עס קלינגען ניט מער אַף דעם יאַם קיין ניגונים,
קיין הימן דעם ליכט און דער הייליקער פרייהייט.
דער הימל איז שטענדיק פאַרכוישעכט, פאַרוואָלקנט,
די זון ווען-ניט-ווען שיקט דערשראָקענע שטראַלן,
זיי פאַלן אין פינסטערן אָפּגרונט, ווי טרערן.

אין אַנדערש מאָל טרעפט, אז די כוואליעס די יונגע,
פארומערט פון שקלאפישן לעבן אין טפיסע,
פארלירן געדולד און זיי הויבן אָן ראַשן
און וואַרפן זיך מוטיק אנטקעגן די פעלזן, —
עס גיט זיך קיין ריר ניט דער פינסטערער מויער
עס הערן זיך מער נישט ווי קרעכצן און זיפצן:
דאָס זיינען די יונגע גיבוירים געפאַלן,
זיי האָבן די ברוסט אן די פעלזן צעבראָכן,
דער אָפּגרונט באַווײנט זיי מיט ביטערע טרערן.

עס זיינען פיל טעג און פיל יאָרן פאַרגאַנגען
דערווייל האָבן זיך אָן אַ ראַש געוואַקסן
אין אָפּגרונט דעם טיפן פילמעכטיקע כוואַליעס,
זיי האָבן זיך שטיל מיט איינאנדער פארייניקט
און האָבן פאַנאַנדערגעשיקט פון זיך שלוכים
אין אַלע פיר זייטן פון יאַם פון דעם ברייטן,

און וועקן און רופן די קעמפער די אַלטע.
עס האָבן אַ ביטערן ענטפער געגעבן
די כוואַליעס די גרויע פון טהאם פון דעם טיפן:
„מיר האָבן פאַרלוירן שוין אונזערע קויכעס
נישטאָ שוין באַ אונז דער געוועזענער אימפעט,
מיר קאָנען שוין מער קיין מילכאָמעס ניט פירן!"

עס פליען די שלוכים אין ווייטע מעדינעס
און זוכן דאָרט צווישן די בערג און די טאָלן
דעם ווינט און דעם שטורעם — די וועכטער פון אָפגרונט.
ווייט-ווייט אין דעם מידבאר געפינען זיי ביידן.
„מיר גריסן אייך, — זאָגן זיי, — מעכטיקע קעמפער!
מיר זיינען די שלוכים פון אייערע קינדער
און זיינען געקומען אייך רופן צום אָפגרונט,
און איר זאָלט אונז פירן אין שטרייט פאַר דער פרייהייט,
אַז איר זאָלט אונז העלפן צעברעכן די צוימען,
צעווארפן די טפיסע, דעם מויער פון פעלזן.
עס שרעקט אונז דער טויט ניט! דער קאַמף איז אונז הייליק,
דער יאַם מוז באַפרייט זיין פון שקלאַפישע קייטן!"

עס האָבן זיך אויפגעוואַכט מונטער און האסטיק
דער ווינט און דער שטורעם און האָבן געענטפערט:

„מיר פליען, מיר פליען מיט סימכע צום אָפגרונט!
מיר פליען צו פירן די כוואַליעס צו קעמפן
אנטקעגן דעם קאלטן רעצייעך פון פעלזן,
מיר פליען אין שטרייט פאַר דער הייליקער פרייהייט!"

עס שטורעמט און דונערט דער מעכטיקער אויפרוף
ער וועקט און ער קרעפטיקט די כוואַליעס די יונגע.
זיי שטעלן זיך איינע נאָך איינער אין מאכנעס
און רייסן זיך פליען אין שטרייט קעגן סוינע.

דער שטורעם — ער טראָגט זיך ארום אין די מאכנעס,
ער פליט ווי אַ בליץ, און ער זאַמלט די כוואַליעס,
דער ווינט מאכט אַן אויפרוף מיט קוילעס:
„איר מוטיקע! פאָרווערטס, פאר רעכט און פאַר פרייהייט!
אין קאמף וועט איר, העלדן, די פרייהייט דערווערבן.“

עס פליען מיט אימפעט די מאכנעס פון כוואליעס
זיי טראגן זיך גיכער, זיי ווערן אלץ העכער
און ווארפן זיך האסטיק, מיט האס און מיט צאָרן
אנטקעגן דעם שטארקן און בלוטיקן סוינע.
עס דויערט א רעגע — און ס'פאלן אין אפגרונט
הארוגים פארבלוטיקט, צעבראָכענע כוואַליעס...
די שפּיציקע פעלזן באוואשן זיך רואיק
מיט זודיקן בלוט פון די מוטיקע קעמפער...
עס קלאָגט און עס יאמערט דער שטורעם — אָ, קינדער!
עס איז אייער מאכנע די ערשטע געפאַלן
און ס'וועלן נאָך פאַלן און פאלן קאָרבאָנעס,
נאר ענדיקן וועט זיך דער קאמף מיט ניצאכן!“

עס פליען און טראָגן זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס
אין ווינט און אין שטורעם, עס בליצט און עס דונערט,
דער יאַם איז צערודערט פון טויזנטער קוילעס,
ער הויבט אָן פארפלייצן די ווייספעס, די ברעגעס
און קלייבט פאַר די קעמפער אלץ נייע כאוויירים.

עס פליען און טראָגן זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
זיי ווערן אַלץ העכער און שטאַרקער און גרעסער,
קיין סאָף איז ניטאָ צו די מוטיקע מאכנעס,
געפאַלענע רופן די יינגערע ברידער,
זיי זאָלן אַף זייערע ערטער זיך שטעלן.
און דאָרטן, וואו אייניצלנע זיינען געפאַלן
דאָרט פליען און שטרייטן שוין הונדערט און טויזנט.

עס פליען און טראגן זיך כוואַליעס נאך כוואַליעס,
די נאַכט איז פאַרגאַנגען, דער הימל ווערט העלער
דער שטרייט ווערט אַלץ מעכטיקער, הייסער און שטאַרקער,
דער שטורעם-ווינט אַקערט און רודערט און דונערט,
עס ברענט און עס פלאַקערט אין יאַם די מילכאָמע.
דער שטרייט ווערט געפירט צי אף טויט, צי אף לעבן
צעשמעטערט מוז ווערן די טפיסע פון פעלזן!

עס פליען און טראָגן זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס
עס ווארפט זיי דער שטורעם מיט האסט אַף די פעלזן
און באַלד הויבט ער אונטער אַלץ נייע כאַיאָלעס
און וואַרפט זיי און דרייט זיי מיט מעכטיקן אימפעט,
עס גיט זיך שוין דייטלעך א טרייסל דער מויער,
עס גיבן פאר פּאַכאַד אַ ציטער די פעלזן.

זיי ציטערן אָפּטער, זיי האָבן פארלארן
די גאַיווע די קאלטע, דעם מוט און די אכדעס,
זיי ווערן אַלץ שוואַכער, זיי הויבן אָן קרעכצן
און הויבן אָן ריידן פון ראכמים און יוישער.

עס פליען און טראגן זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
זיי פליען מיט נייע געטאָפּלטע קויכעס
און מאכן דעם אנפאל דעם שטארקסטן, דעם לעצטן.
דער יאַם איז פאַרהילכט פון די שרעקלעכע קוילעס.
עס דוכט זיך, די וועלט האָט פארלאָרן די גרענצן.
די כוואַליעס, דער אָפּגרונט, די לופט און דער הימל—
זיי האָבן זיך אַלע פארייניקט אין שטורעם.
אַ קרעכץ און אַ קראַך! און אַ שרעקלעכער דונער...
געפאלן דער מויער! געפאַלן דער מויער!
געפאלן די שוואַרצע די שענדלעכע טפיסע,
צעשמעטערט, צעבראָכן די גרויזאַמע פעסטונג!
באַפרייט איז דער יאַם, און די פינסטערע פעלזן—
זיי ליגן צעזייט און צעשפּרייט אין דעם אָפּגרונט...

עס ראַעשט דער אָפּגרונט און שרייט צו די פעלזן:
„ניט דאָ איז אַן אָרט, איר זאָלט ווערן באַגראָבן,
דאָ ליגן די העלדן, וואָס זיינען געפאַלן
אין מוטיקן שטרייט פאַר דער ליכט און דער פרייהייט!"
עס האָט זיך דער טהאָם פון דעם אָפּגרונט געעפנט
און האָט די פארפלוכטע מיט קלאלעס דערשלונגען...

*

עס לעבט און עס פרייט זיך דער יאַם דער באַפרייטער
עס קרוינט אים די זון מיט דעם גלאַנץ פון די שטראלן,
עס פליען און טראָגן זיך כוואַליעס נאָך כוואַליעס,
זיי טראָגן זיך רואיק און פריילעך און מונטער
זיי טראָגן זיך פריי אַף דעם אָפּגרונט אָן גרענצן
און זינגען אַ שיר פאַר די מעכטיקע העלדן,
וואָס האָבן דאָס לעבן געאָפּפערט פאַר פרייהייט.

געלויבט זאָלן זיין די געפאלענע העלדן!
אַ ליכטיקע פרייהייט פאַר די, וועלכע לעבן!..

גערשוני (פון רוסיש)

דאָס יאָר 1905

א

בין איך אַ קליינס נאָך, אַ קנאַפּעלע,
נאָר פּייערלעך טיאָכקן אין מיר, טיאָך.

קום איך: פאַטאַפּ, „פאָטאַפּעלע,
גיב פראָקלאַמאַציעס אַ קאפּעלע".

זאָגט ער: „יינגעלע גיי,
ביסט א וועוויקל נאָך".

אויב איך בין טאַקע אַ וועווריקל
שארף איך מיינע ציינדלעך, שאַרף.
קום איך: „צייטל, צייטעלע,
גיב אַ פעקל פאַרשפּרייטן מיר...״
זאָגט זי: — „אויג אָפן. צינגל שטום. אויער שאַרף. —
נאַ, צעוואַרף!..״

ב

טאָג אין נעפּל. אַלץ אין וואַרעמען נעפּל.
ווער מיר שטיבלעך, בוג און בערגלעך און פאַראָם! —
פּאַרטיק מיט ציקאָריע, מיטן עפּל.
פּאַק איך אין א קויש פאַפּירן-פּעקל,
פון אויבן שטשאַוועל-גראָז און טעפּלעך.
און גיי מיר. גאָרניט, גייט אַ ייִנגל זיך, אַ טאַם.

פאָרט דורך אַ פויער מיט אַ גאַרע היי;
א צווייטער — מיט אַ פורל שטיינער,
אַ דריטער פירט זיך האַרצווייטיק און ביינער,
באַ איינעמס פאַרקן שטייט אַ זאַק מיט שפּענער.
באַם צווייטן אונטער סטריכע ליגט אין נעסט אַן איי.

זיינען אַלע גוט און ליב מיר.
גאַנווע איך זיך שטיל צו אַלע זיי
און לייג אין זאַק, אין נעסט, אין היי
די ליבע בלעטלעך וואָס אין זיי געשריבן:
„ברידער, כאַוויירים פון מי און נויט
„געווג געליטן! גענוג געשטיקט! —

און איך האָב געזען: איבער שטעט און דערפער
הויבט זיך אויף אין רויט
אַ קלאָר-קלאָרער צוויק.
און אַן אויפשריפט רויט אַף אים: —
מיט גליק״!

ג

טשאַדען די הימלען, טשאַדען פאַרשלאָפענע
איבער די דערפער די שאָפענע.
און קייסער שפּילט מיט אַ פליים
אַף דערפער און שליאַכן און שטעט.
גיסט זיך די פליים איבער שאָפענע
דערפער און שליאַכן און שטעט: —
ווינטערס — ווי מעסערס פון צאָפן־זייט
און זומערס, ווי וואונדן, קומען אויף און גיין.

קאָכט זיך אין דערפער באַ יעדן אַ טעפּעלע,
קאָכט זיך אין שטאָט באַ יעדן אַ טאָפּ. —
זאָגט אָן פּאָטאַפּ: „אַז איך וואַרף נאָר דאָס עפּעלע,
מוזט איר זיך שטעלן קאָפּ צו קאָפּ!"
זאָגט אָן פּאָטאַפּ, און פאַרקליידט גייט שוין צייטעלע,
אין דערפער, אין שטעטלעך, מיט פייער אין מויל —
פרוכטבאַרע טויען אַף יונגן גערעטעניש,
און ס'פּאָלגן האַמוינים, וואָס קינד באַפוילט!

ד

מאמע, לאָז מיך, מאַמע, גייען קיין אָדעס,
איך וויל אויך'עט זעען ווי מע זינגט מאַרסעליעז,
ווי אַרבעטער אַף באַריקאַדן שטייען,
ווי דער האפּן שלאָגט די שוואַרצע מייע.
אַ קינד דאָרט, מאמע, ווערט מען ניט צעטרעטן, —
אַ קינד קאָן אויך'עט העלפן שלעפּן ברעטער.
און ווייסטו, מאַמע, אַז אין כינע, אין בערלין;
אין אַמעריקע, אין סטאַמבול און אין ווין, —
איז אויך דאָ אַרבעטער, אויך דאָ אָרעמע,
זיי זיינען ברידער אונז, פאַר איינס מיר שטורעמען —
מאַמע, לאָז מיך, מאַמע, קיין אָדעס,

רעוואָלוציע שטייט אַף הויכע פעסער
און רופט גרויס און קליין:
אויפשטיין! אויפשטיין! גיין!..

ה

שוואַרצע מייע און זשאַנדארמען און קאָזאַקן
האַקן איבער האַלז און נאַקן.
ברענען דאָרף און שניידן שטעטל, שינדן שטאָט
פאַרן קייסער, פאַרן יאָך, פאַר גאָט.
האָט דער קייסער אונז געשיקט אַ מייע רייטער
מיט נאַהייקעלעך נאָך ניט באַנייטע,
האָט צעלאָזט זיך מייע — שווערדן בלויזע,
יאָגט דאָס שטעטל, יאָגט דאָס דאָרף אין בלאָטע לויזער,
פון בלאָטע ווייטער אינם ב׳ג אין וואסער.
צו דערטרונקען אונזערע אין וואַסער.
הויבן אונזערע די קעפ אין גסיסע,
ווערן זיי צוריק געשטיפּט מיט שפּיזן.
הויבן אונזערע אין שרעק די אויגן
און צוריק אין וואַסער נויגן...

ל. קוויטקאָ

מיקיטא דער גארבער

בא די פעלן מיקיטאַ אַלע יאָר —
זיינען געקומען צו אים מענטשן,
זיינען אין טרערן געקומען צו אים מענטשן:

— אָי, א צאָרע, מיקיטאַ, שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר!
אַ צאָרע, שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר!

קייסער - שלאַנג
באלאגערט האָט די שטאָט, —

נו, וואָס קאָן מען מיט אים מאכן?
— כ׳וועל זיך דערבאַרעמען נאָך בלוט נאָך וואַרעמען —
נו, וואָס קאָן מען מיט אים מאַכן?

איז מיקיטא אין גרימצאָרן אַריין,
ניט אויפגעהויבן פּאָנעם זיינס,
נאָר מיט הענט די צוועלף, די פעלן
רייב! רייב!

איז מען נאָכאַמאָל צו אים געקומען
און באַ יעדן — אַ נאָז אַנ׳אָפּגעשניטענע
און באַ יעדן — אויערן אויסגעשניטענע
און אויסגעשניטענע ליפּן,
און אַזוי האָבן זיי ארויסגעכריפּעט:

— אַי, אַ צאָרע, מיקיטאַ, שטעלסט זיך גאָר ניט פּאָר,
אַ צאָרע, שטעלסט זיך גאָר ניט פּאָר!

האָט עס מיקיטען געטאָן וויי —
„טיפּשים!" האָט ער געזאָגט צו זיי.
עד, נאראנים, שוין איינמאָל נאַראָנים,
ביז וואַנען, נאַראָנים, ביז וואַנען?

איז מען דאָס דריטע מאָל צו אים געקומען
און יעדער האָט פּאַר זיך געפירט
אַ ווייבל אָן א קאָפּ,
אַ זון אָן אַ קאָפּ,
און אזוי שרעקלעך, מעשונעדיק האָבן פיס געטראָטן
ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ.

האָט זיך מיקיטא געטאָן אַ ריס:
— אָן קעפּ זענט איר אלע!
וואָס וועט ארויסקומען, אז איך וועל אייך העלפן?

איר זענט דריי מאָל געקומען און דריי מאָל דיזעלבע
טיפּשים, קעלבער!
די וואָס רייך, וואו זיינען בא אייך?

— האַ! — האָט אַ הילך געטאָן — און שטיל איז געוואָרן.
צעפּראַלט האָבן זיך אויגן — און שטיל איז געוואָרן.

פאַרוואָס זיינען באַ זיי די אויערן ניט אויסגעשניטן?
פאַרוואָס זיינען בא זיי די זין ניט אויסגעקוילעט?
— האַ! — האָט צעשמעטערט זיך — און שטיל איז געוואָרן
צעפּראלט האָבן זיך אויגן — און אלעמען קלאָר.
(בלוט באַ מייסים פון די וואונדן)...

האָט מען אוועקגעלייגט די מייסים באַזונדער.
האָבן זיך אויסגעשטעלט די לעבעדיקע באַזונדער.

האָט מען זיך א לאָז געטאָן אפן גוויר!
האָט מיקיטא קעגן קייסער גערירט!
ס'האָט זיך די ערד צעאירט...

פּ. טיטשינא (יידיש ע. פּ.).

טורמע-לידער

א

קלינג-קלאנג, טאַנץ איך מיר
מיט די קייטן אַף די פיס;
מיטן שווארצן ברויט אין האַנט,
גיב א טאַנץ און גיב אַ ביס;
מיטן קריגל טיי אין האַנט,
גיב אַ טאַנץ און גיב אַ טרונק...

ער זעט קיינמאָל, ווי איך טאַנץ, —
טויזנט אויגן קוקן דאָך,
קעפּ אַף קעפּ און הענט אַ וואַלד,
הענט זיי רופן: „גיך און נאָך"...
אָט פון אונטער בעטל קריכט
אַ באַהאַלטענער אַרויס.

קלאַפּט די גראַטן, צימבלט, פּויקט:
— העכער! העכער! — שרייט ער אויס.
העכער, העכער טאַנץ איך מיר,
יאָרן זיצן דאַרף איך דאָ;
רייס איך אויס אַ גראָע האָר —
ווערט צוריק אַ צווייטע גראָ:
רייס איך צוויי און רייס איך דריי,
און אַ טאַנץ נאָך יעדן ריס,
טו אַ טאַנץ און טו אַ קלונג
מיט די קייטן אַף די פיס...

ב

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט
און אונטער זיך פאַרבויגט די פיס, געזעסן;
האָב אויסגעשטרעקט א האַנט, דערלאַנגט דאָס ברויט,
פון גאַנצן שטיק געבראָכן און געגעסן.

מיך האָט געעקלט לאַנג פון שוואַרצן ברויט,
נאָך מער — פון זיצן וואַכעדיק ביז מאָרגן;
אַףביידע קני פאַרלייגט האָב איך דעם קאָפּ,
געוויטערהייט געקייט און זיך געוואָרגן.

און ווערגנדיק זיך, זיצנדיק אַזוי,
האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן, טאָגן;
די טיר האָט זיך געעפנט און האַנט
האָט נאָך אַ ברויט אַזאַ געבראַכט צו טראָגן...

ג

זייט געזונט, זייט געזונט,
מאָרגן פאָר איך אָפּ:
כ'האָב שוין אויפגעניייט אַ זעקל,
אָפּגעשערט דעם קאָפּ.

האָב באַקומען שוין אַ גאַרטל,
צוגענייט צו קייט,
און זיך שוין מיט אַלע שכיינים
דורך דער וואַנט צעשיידט.

האָב אַהיים אַוועקגעשריבן
שוין דעם לעצטן בריוו;
מאָרגן וועל איך זיין שוין ווייט-ווייט
ערגעץ אַף א שיף...

ה. לייוויק

אַף די וועגן סיבירער

א

אַף די וועגן סיבירער
קען עמיץ נאָך איצטער געפינען אַ קנעפל, אַ שטריקל,
פון מיינעם א צעריסענעם שוך,
אַ רימענעם פּאַס, פון א ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון הייליקן בוך.

אַף די טייכן סיבירער
קאָן עמיץ נאָך איצטער געפינען אַ צייכן, אַ שפענדל
פון מיינס אַ דערטרונקענעם פּליט:
אין וואַלד — אַ פאַרבלוטיקט-פאַרטריקנטעס בענדל,
אין שניי — איינגעפראָרענע טריט...

ב.

סאָלדאַטן אַרום באַ די זייטן,
מיר שטייען צו פירען אין רייען.
אַ זעקל מיט ברויט אַפן אַקסל,
אַן אויסגעשריי „מאַרש" — און מיר גייען.

נאָך נאַכט. דער פרימאָרגן פאַנגט אָן ערשט
איין ברעג פונם מיזרעך פאַרנעמען;
מיר גייען האלב וואך, ווי אין כאָלעם,
אונז ליגט נאָך דער שלאָף אף די ברעמען.

עס שטויסן זיך אַקסלען אָן אַקסלען,
עס קלאפּן זיך קניען אָן קניען;
מיר, בלינדע מיט אָפענע אויגן,
צעדרייען, צעמישן די רייען...

— „אין אָרדענונג" — שרייען די וועכטער,
מיר פאָלגן די וועכטערס געשרייען;
די זון איז אַרויס אינם מיזרעך
און קוקט פונדערהויך, ווי מיר גייען...

ג.

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונז אַנטקעגן,
זאָגן: „פריד צו אייך"
פון יויצע וועגן.

גלאַט אַזוי אַ שאָטן
זעען פון ווּעמען,
זאָגן: „פריד צו דיר"
און זיך פאַרשעמען...

זאָל זיך כאַטש פאַר אונז ווער
איבערשרעקן,
שליידערן אין פּאָנעם
אונז אַ שטעקן...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונז אַנטקעגן,
פעלדער — ווילד פאַרוואַקסן,
טויטע וועגן...

ד

האַלבע נאַכט. מיר ליגן אויסגעצויגן
צונויפגעפרעסטע אפן קאַלטן דיל,
סאָלדאַטן בא דער טיר מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן,
זיי זיינען מיד, ווי מיר און זיינען שטיל.

אַ דאָרפּיש לעמפּל ערגעץ רויכערט אין א ווינקל.
שאַ. א לעמפּל ברענט זיך, ברענט;
אין קליינעם שטיבל אָפּטמאָל עפּעס טוט א פינקל, —
קומט צו א נייער שאָטן אף די ווענט...

גיט איינער זיך א שטעל און פאַלט צוריק זיך לייגן,
און איינער גיט א קריץ אַזוי די ציין;
סאָלדאַטן בא דער טיר מיט צוגעמאַכטע אויגן,
ווי מיר, — פאַרשלאָפענע ווי מיר — אליין...

ה

גייט מען זיך לאַנג,
בינדט מען די לענדן אַרום מיט אַ שטריק;
קלאַפּן די שיך —
גייט מען זיך לאַנגזאַם, מע קוקט ניט צוריק.

איז ווער געשמידט,
קען ניט צעקלאפּן די קייט אָן אַ שטיין, —
וואָס זאָל מען טאָן? —
טראָגט מען די קייטן, נאָר גיין דאַרף מען גיין...

גיט מען אונז רו,
איינגעמידט ווערט אויך די האַנט, וועלכע שטראָפט, —
לייגט מען זיך שטיל,
לייגט מען זיך שטיל אַף דער ערד און מע שלאָפט...

ה. לייוויק

אין שניי

1

זי זאָגט צו מיר אַזוי:

קומען ערגעץ וועלן מיר צופאָרן
ערגעץ אין אַ זומערדיקן לאַנד;
וועלן מיר פאַרקויפן פערד און שליטן
און צופוס זיך לאָזן גיין באַנאַנד
ערגעץ אין א זומערדיקן לאנד.

וועלן מיר די נאַכט די ערשטע שלאָפן
אין א וואלד אין זומערדיקן לאנד;
טאָג וועט ווערן — וועלן מיר זיך לאָזן
ווייטער גיין געארעמט האנט בא האנט
ערגעץ ווייט אין זומערדיקן לאנד.

נייע קליידער וועלן מיר זיך קויפן
פארן געלט אין זומערדיקן לאנד;

דו — אַ ברייטע הוט, אַ העלן מאַנטל,
איך — אַ ווייסע קלייד מיט זיידן־באַנד, —
דאָרטן אינעם זומערדיקן לאַנד.

2

אין בלוט מיינע הענט

שטיל. האַלבע נאַכט. אויפן הימל קיין שטערן.
איך שטיי אויפן וועג שוין פון שטונדן.
איך האָב אויפן פערד שוין דעם שטעקן צעבראָכן,
צעשניטן די פעל אים אויף וואונדן.

אויף יעטווידן קלאַפּ אויף די מאָגערע ביינער
דערטראָגט זיך אַן אָפּקלאַנג פון ווייטן...
און פּלוצלונג האָט עמיץ דעם פערד אומגעוואָרפן,
אויף אים אויפגעזעצט זיך צו רייטן...

אַ שטאַנג אויסגעריסן האָב איך פון דעם שליטן,
געשלאָגן דעם פערד אין די זייטן, —
ביז וואַנען אַ טויטער געבליבן איז יענער,
וואָס האָט זיך געזעצט אויף אים רייטן...

3

מיין פרייד

אַז עס שטאַרבט דער טאָג, און פינסטער ווערט דער וועג,
בעט איך וויייך דעם שליטן אויס פון ברעג צו ברעג:
לייגט מיין גאַסט אוועק זיך, ווערט אַנטשלאָפן שנעל,
איינגעדעקט פון קאָפּ ביז פיס מיט בערן־פעל.

זיץ איך איבער איר געבויגן, קוש איר קלייד,
מורמלען מיינע ליפּן עפּעס־וואָס אין שטילער פרייד;
איז די בייטש אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד,
אָפּגעלאָזט אינגאַנצן גייט אליין דער פערד...

עפנט זי אַן אויג און מאַכט אים צו צוריק,
עפּעס ווי ניט אירער וואָלט געווען דער בליק, —
קריך איך שטיל אַראָפּ פון שליטן און איך גיי,
קוק זיך אַף די ווייסע פעלדער, אפן שניי...

ה. לייוויק

ליד פון קאַטאָרזשניקעס

דאָרטן, דאָרטן אין עק וועלט,
וואו עס ברענט די שאַרפע קעלט,
פון די גריבער טיף אין דר'ערד
אונטער וואַך פון בלויזן שווערד,
וועלכער קאָן אונז רואיק טויטן,
שטייען מיר געשמידט אין קייטן
מיט די האַלב געגאָלטע קעפּ.
און עס הערן זיך די קלעפּ
פון די האַמערס אין די ווענט...
ניט געזשאַלעוועט די הענט,
ניט די קרעפטן, ניט די ביינער,
האַקן מיר די קאַלטע שטיינער
און מיר האַקן טאָג און נאַכט.
ווער האָט אונז אַהער געבראַכט?
וועמעס זינד און וועמעס מאַכט?

(פריי פון פּ. יאַקובאָוויטש)

מוט און קאַמף

עס פלאַקערן פאָנען

עס פלאַקערן פאָנען,
עס רייסן זיך הייסע געשרייען
פון ברוסטן פאַרפלייצטע פון פרייד.
און רייען נאָך רייען
אַלץ גייען און גייען,
און פאָנען נאָך פאָנען
אַלץ רופן און מאָנען
און רייסן אויס הייסע געשרייען
פון ברוסטן פאַרשמאַכטע פאַר פרייד.
און רייען נאָך רייען
אַלץ גייען און גייען,
און ווער קאָן פאַרשטייען —
ווער איז דאָ באַגעגנט און ווער איז באַגלייט.

א. שווארצמאַן

פ ע ו ו ר אַ ל

פעוורא̇ל.
זעקסאונצוואַנציקסטער.
שיקערע זעלנער אין אויסמיש מיט שטאָט־פּאָליציי,
שיסן אין פאָלק.

זיבנאונצוואַנציקסטער.
אַף זויבער פון שפּיזן,
אַף שאַרפן פון שווערדן
צעגאָסן און דויערט
אַ העלער באַגינען.
אין קאַלטער קאַזאַרמע
גליוועט און בעט
אַ שטרענגער,
אַ ניכטערער
וואָלינער פאָלק.
שווערט
באַ האַרבן, באַ זעלנערשן גאָט.

ראָטעס
שלאָגן אָן דיל פּילשאַרביקן קאָפּ,
פינגער אין אייזן פאַרפרעסן מיט צאָרן —
דעם ערשטן פאַר הונגער שיסן באַפוילן . . .
פאַרשטאָפּט דעם מויל אים
אַ קויל.
עמעצנס בלוט־באַפעל
ניט פאַרענדיקט —
אַף שטענדיק
דערשטאָכן.
אַ ווינט — אַ וויכער אַף שטאָט —
ראָטעס.

ניין דער זייגער.
אַף אונזער, אַף שטענדיקן אָרט
אין אַווטאָמאָביל־שול, אַרמייער,
מיר שטייען.
קאַזאַרמישער פּאַרקן אונז שטיקט.
באַגינען שטייגט.
אַ סאָפּעק שטעכט דורך —
מיט בלינדן געפיל —
דערשרעקט און דערפרייט.
פון דאָרט,
וואו בלוי איז צעשניטן
מיט טורעמס געשפּיצטע
פון דאָרט —
מיט פליגל פאַרמאָסטן
דער אָדלער דער שוואַרצער דעם הערשערס
נאָך שוואַרצער
נאָך אָדלעריש ווילדער
ווי שטענדיק
און ברייטער אַלץ ברייטער
פליגלען צעשפּרייטן זיך.

היי!
ווי אויסגעהונגערטע — צו ברויט,
ווי האלז פארסארפּעטער — צו וואַסער,
בירגער צום געווער!
אַלע צום געווער!

הונדערטקעפּיקע מאַכנע
אַף פליגלען פון פאָנען
פון שטאָטישן שלונג
אַף הויך זיך פאַרוואָרפן.

מיט צאָן שאַרפן פון שפּיזן
אין קייסערשן,
אין שוואַרצן,
צווייקעפּיקן אָדלערשן גוף זיך פאַרביסן.

בירגער!
היינט פאַלט איין טויזנטיאָריקער „פריער",
היינט זיפן זיך איבער יעסוידעס פון וועלטן,
היינט
ביז קנאַפּ ביז מינדסטן פון אָנטאָן
די וועלט
מיר וועלן
באַשאַפן פון ס׳ניי.

בירגער!
היינט, דער ערשטער טאָג פון אַרבעטער־צעגאָס
מיר שפּאַנען, צעוויקלען דעם וועלטישן פלאָנטער.
זאָלן מאכנעס
הימלען צעבויערן מיט אָפּהילך פון טראָט.
פלאָט
זאָל צאָרן און ווילדע סירענען
פארברענען
וויי דעם צווייקעפּיקן!
שוימען געזאַנגען.
פלעצער פארפלייצן.

אין קליינינקן אַוטאָ
מיר פליען,
נאָכיאָג פון קוילן
פארלויפט אונז
מיט אויפרייס און פייפן,
מיר גרייפן

מיר שניידן דורך שטאָט
און הויך
איבער קעפּ פון באַריקאַדן
ווי שיפן געלאָדענע אין שטורעם
וויגט זיך אין דונער —
מאַרסעליעזע.

אַ נייער פרימאָרגן
פיבער נייער מיט אומטרוי באַגעגנט.
בלינדע, מיר טרעפן
וואָס וועט געשעען.
וועלן מיר רייסן זיי
דורך ראַמען צעכראַסטעטע?
צי ליגן אַף נאַרעס
און וואַרטן,
אז ווידעראַמאָל דער מאָנאַרך
זאָל רוסלאַנד מיט קוואָרים צעהויקערן? —

אין שינעל באוואָרנט
און ווייטער...
שטאָט — די הייזער צעשאָטן.
שטאָט — פון אויפרייסן ברעכט זיך.
קראַכט.
ברענט.
אַ טויט דעם צווייקעפּיקן.
ווי הויפנס שוואַרצע אָדלערשע פעדערן
פאַלן דערשאָסן שטאָט-פּאָליציייער
ס׳גיט זיך אונטער ברענענדער שטאַנדהאַפט
פון קרוינשטאָט.

טראָאיצקער בריק באטרעטן אַרמייער,
בויגן זיך זיילן אין אייזערנע רייפן.

אַ געלויף.
אַ געשלעג.
אַ רעגע,
און אין שוואַרצער דעק פון זון־פאַרגאַנג
הויך,
הויך איבער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג,
ווי פלאַם צעפלאַכט
די רויטע פאָן —
רעוואָלוציע!

מיר האָבן געזיגט.
לויב אונז!..
לויב אונז און רום!..
קיינמאָל!
קיינעם ניט דערלויבן
אונזער לופט מיט שראַפּנעלן רייסן,
אונזער ערד מיט קוילן צעשטויבן,
ניט פאַכעד גרוילט אונטער גרויע שינעלן,
ניט ווילדע געשרייען פון הונגער, —
דאָס דונערט אַ פאָלק:
— איך גלויב:
היינט
ווערט אין אויפרייס געבאָרן
סאָציאַליסטישער — וואָר.

ו. מאַיאַקאָווסקי (פון רוסיש)

דער סוינע באַ די טויערן

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער סוינע באַ די טויערן!

פון טיף פון האַרץ
זיך רייסט אַ ווילד געשריי:
— דער סוינע באַ די טויערן!

אַף גיך צום פערד,
די האנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט דער שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
— דער סוינע באַ די טויערן!

אָ. שוואַרצמאַן

אין אויפשטאנד

אין קאלטער ווינטערנאַכט באַ שיין פון בליצנדיקע שטערן
אַף ווייטע געגנטן צעפלאַקערן זיך סרייפעס;
אין וועלדלעך טונקעלע,
אין האלבע שוצגראָבנס,
באַ טונקלער זייט פון ברענענדיקע דערפער
זיך שלענגלען שורעס מוירדים
מיט ביקס אין האנט, מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן.

... פון הייזער אָרעמע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגלנעכט, פון הונגעריקע טעג
געקומען זייט איר, ברידער מיינע פילע,
צו ווייזן
דעם פרייז פון שטילער מי,
דעם ווי פון אייער לייב,
דעם אויסגעשריי פון דוירעס און פון צייטן.
איך הער: ס'ברומט אויף דער קייטנקלאנג פון דוירעס קנעכט
מיט אָרעמען געביין צעשאָטענע אף לעבנמידע וועגן,

ס'זידט אויף דאָס בלוט פון מענגעס מיינע ברידער,
מיט האנט צו האנט און קאָפּ געשאָכטענע
אַף שלאַכטפעלדער פון קיילעכדיקער ערד.

... איך ווייס: ס'וועט צאַרטעס מענטשנלייב נאָך ציטערן
אין א געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיין יאָנטעוו האָט באלויכט
אינמיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמיץ וויל דעם פיין און עמיץ וויל דאָס בלוט.
מיין בליק ווערט קאַלט, ווי גרויער טאָג פון עסקימאָסן
אין שנייאיק ווילדן לאנד...
מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן
פּאַרטאַיע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם סוינע.

א. שוואַרצמאַן

פּראָצעסיע

מיר גייען
אין דיינע פאָרנטיקע רייען
שפּאנענדיקע מענטשהייט,
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!

מיט לופט געלאטעט, פלאטערט אַלץ און פלאטערט,
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!

און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אַף שטייפן פייקל,
און טאַצן דזשימזשען — שלייפן שארפס אין שוועבנ-
דיקער לופט,
און הויך פאַרוואַרפט זיין רוף
דער שיינענדער טרומייט...

היינט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגנדיקער קופער —
איך וועק די מידע
כ'באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער —
צוריק קיין טראָט!

ד. האָפשטיין

* *
*

אַפן פלאַץ, וואָס נעבן קלויסטער,
ראַשט דאָס אויפגעשטאנען פאָלק.
— זאָל דער פאַסטוך עלטסטער ווערן! —
שרייען אַלע מיט איין קאָל.
— בלייבט געזונט, אַף פרייהייט ריכט זיך! —
און אַף פערד. און שוין, מע פליט.
זיך פאַרמישט און זיך פאַרפלאָכטן,
פאָנען האבן אויפגעבליט.
אַפן פלאַץ, וואָס נעבן קלויסטער
מאַמעס אומעטיק און בלייך:
— זאָלסט זיי לויכטן אַף די וועגן,
לעוואָנע קלאָרע אין דער הויך...
אַפן פלאַץ דער שטויב זעצט אָפּ זיך,
רויש ווערט אָפּגעשוואַכט.
אָוונט. נאַכט.

פ. טיטשינא (יידיש ע. פ.)

אָקטיאַבער

אָקטיאַבער!
אַן אָנהויב, אַן „אָ״,
אַ ברען פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זונראָד —
און אויסיעס אַלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראָבער:
„אָקטיאַבער״.
עס װעלן
כּאַדאָשים זיך צװעלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
דיין נאָמען װעט העלן,
דיין נאָמען װעט קלאָרן!

װאו איז ער דער גאָרנישט,
װאָס װייסט ניט דיין נאָמען?

װאו איז ער דער בלינדער,
װאָס װאגט נאָך אַצינדער
מיט לייקעניש װאָרגען?

און פיינט?
און פיינט אַזוינע,
מיט אַלטע קרוינען
אַף קיילעכיקע קעפּ געקעכלטע פון דוירעס,
מיט הוסטן גאָלדהענע
פון װילדע ברוסטן,
מיט הערשערישע װאונקען,

מיט־איידעלע הענט אין ווייכע הענטשן,
וואָס האַלטן צארט
(מיט אָפּגעשטעלטן קליינעם פינגער)
די דראָטן,
וואָס שיקן פונקען
אַף אויפרייסן פון וועלטן!..
אַזוי פיל פיינט!

געבענטשט איז דער, וואָס קאָן עס
זיך פאַרגינען
אַזוי פיל פיינט.
און פיינט אַזוינע
ערלעך־שוידערלעך פאַרדינען.

עס וועלן כאַדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
און אלע זיי וועלן זיך קערווען פאַר־
וואונדערט
אַף דיר,
אַף אָקטיאַבר
פון צוואנציקסטן פייערגעשמידטן יאָר־
הונדערט!

וואו זייט איר, כאַדאָשימלעך דריבנע,
מיט פאַלשגאָלד באַצירטע,
וואָס האָבן מיט כוצפע אָט דאָ געשפּאַצירט
איבער לאַנד איבער גרויסן און גרויען?
אַיילט גיכער פאַרשווינדן!
וואָס קוקט איר פון שפּעלטלעך אַרויסעט,
וואָס באָמקעט אייך אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט זיך דאָרט ווערמיש אין שטויבן,

אין שטויבן אַף פאַלשינקע צעטלעך,
וואָס קנעכטישע רימער
אַף שטערנס געגויגטע
דאָ האָבן צעטראָגן ?

אָקטיאַבר !
אָנצאָליקע סטויפּעס,
צעשטעלטע
אין לאנד אין דעם גרויסן און גרויען
אַף שיידונגען יונגע
פון זיינע אומענדלעכע וועגן —
זיי לויפן,
זיי בויגן די קעפּ אָן,
זיי קניען,
זיי בעטן
אַ זכיע צו האָבן
אַ שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאַסט־שטאַנג,
וואָס וועט אף דער שיידונג פון טקופעס
דערהויבן דיין אויפשריפט
און וועט זיי, די טקופעס,
דורך וואָלקנס באווייזן :
„אָקטיאבר !"

אַן אָנהויב, אַן „אָ",
אַ ברען פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זונראָד —
און אויסיעס אַלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראָבער :
אָקטיאבר !

ד. האפשטיין

יאָנטעוו

מיט פיינערע טענער, מיט שטאַרקערע טענער,
גלוסט זיך אַ רינגל־טאָן, העכער און שענער,
גלוסט זיך א נעם טאָן א שלאל טענעריי.
אזוי ווי די זון האָט דער בלענדנדער טעלער,
אין וויג פון בורשטינען אַף ריזל־שיין העלער! —

מיר, — אַף גרויסע וואסערן,
אַף הויכן יאם, —
אַף ווייטן שווים אנטשלאָסענע,
דורך ווינט פון שווינד מאטראָסן מיר, —
מיר, — דער קאַפּיטאן!

ווי וואָגיקע פיירעס — צעצוויטעטע ווערטער! —
פון גרענעץ צו גרענעץ, פון יאמים ביז גערטנער —
יאָנטעווט דעם יאָנטעוו, דער שטאָל, דער קוריי, —
פאַבריק־הענט און פעלד־הענט, און בויער און בערגער
זעצן די פאָן אין די הויכן באגערטע!

מיר, — אַף גרויסע וואסערן,
אַף הויכן יאַם, —
אַף ווייטן שווים אנטשלאָסענע,
דורך ווינט און שווינד מאטראָסן מיר, —
מיר — דער קאפּיטאַן!

ל. קוויטקא

אין רויטן שטורם

1

מאַמע, מאמע,
גיי שוין שלאָפן,
ס'איז מיט נאַכט
דיין בליק פארלאָפן,
גיי שוין, מאמע,
גיי שוין שלאָפן.
כ'דאַרף דעם טאטן עפּעס זאָגן...

— שעם זיך, טאטע!
זעסט ניט טאָגן?
ווילסט דיין שווערן שלעפּ נאָך טראָגן?
און נאָך זאַמלען,
נאָך פאַרמאָגן,
און אונז שפּאַנען
אין דיין וואָגן —
שעם זיך אין דיין וויטן האלז!

2

בויג זיך, שוועסטער, צו,
זיי וויסן,
מעג דיך יאָ און נישט פארדריסן: —
לאָמיר שטיל מיט טרוים פארבלענדן
אונזער מאמען
און מיט מאיסעלעך באצירן,
און פארפירן זי, פאַרפירן,

ווייט אין ענדן,
בלויע ענדן, —
זאָל זי זיך נישט פּלאָנטען דאָ!

ווען דער טאַטע דאָ דאָך בלייבן,
וועלן מיר קאַטאָוועס טרייבן,
אים באַדעקן,
אים באשטעקן
און די גאַל אין אים דערוועקן,
וואָס ער האָט אין אונז פאַרזעצט.
האָט ער אונז געשפּאַנט אין וואָגן
אים זיין אַלטן קויל צו טראָגן,
וואָס איז לאַנג שוין אויסגעגליט
און אויסגענעצט!
זאָלן מיר אים אָפן זאָגן:
מיר ווילן ניט!
מיר ווילן ניט!

3

ערשט צעקריגט זיך מיט די טאַטעס, —
גיין מיר, קינדער, לויפן מיר,
פילן זון!
לויפן מיר, יאָגן מיר
הין און הער.
לאכענדיקע,
שטראָמענדיקע
שטראַלנדיקע, —
מער און מער.
פאַלן מיר אַף ערד באַזייטער
ערד פארדרייטער

אף צעשפּרייטער שאַרף פון שווערד:
ראַנגלען מיר זיך
קייקלען זיך —
אין ווארעם בלוט אַף ערד.

4

שטייען עלטערע און קוקן,
כקירען,
וואָרענען מיט פינגער:
„פון צעביילן זיך,
„צעקיילן,
„ווערט נישט גרינגער,
„ווערט נישט גרינגער..."
— ווייס איך וואס! —
מיר צעקריגטע שוין מיט טאַטעס,
מיר פאַרברענען אַלטע שמאטעס,
און צעקנאקן גרינע גלאָז! —
אייביק־יאָר געגאַן איניינעם,
קינדער־ווידער־וועלט איניינעם, —
אט, — אַ טראך אין פויק פון יאָרן!
און מע איז צעטיילט געוואָרן:
האלב וועלט מייז
און האַלב וועלט צאָרן!
דראָט נישט, עלטערע, מיט פינגער,
העלפט אונז, בעסער
— אונז, די יונגע!

5

אויפגעוואַכט
פון מי און מאנגל, —

מיט דערוואַרטן,
לאַנג געגאַרטן
ברודער־גאָי —
טראָגן מיר
מיט דרייסט מיט הארטן, —
אונזער וואַכט!

פון מיין ברודער
שמעקט מיט שטרוי,
פון אונזביידע —
שמעקט מיט שלאַכט!

6

— בין איך זיכער?
בין איך זיכער?
ס'וועט דיין הארץ אַף היינט פאַרפרירן?
און ניט רירן,
ניט דערפילן,
ווי דעם שטילן,
פון דער ערד פון דיר פאַרלאָזטע
פוסט פאַרגראָזטע? —
ניט פאַרזייטער פאַרן זומער,
און אַ שטומע,
ניט געשוירענע פאַר הארבסט.
פאַרלאָזטע? —

איך האָב איינגעקרעמפּט מיין הארצן,
מיט די ליידן,
מיט די שוואַרצן,

מיט די טויזנטער גילגולים,
וואָס איך לעב.

שטאַרבט מיין טאַטע וואו פון הונגער
אף אַ האַרט געלעג פון ברעטער,
און מיך רופט ער,
און מיך בעט ער,
ווייקט מיין נאמען אויס
אין פיין.
שטאַרק איך זיך
און וויל ניט הערן! —
איך דאַרף זיין,
און דאַרף געהערן,
צו דעם שטורעם פון צעשטערן,
צו די האמערן די פילע
אף צו בויען ניי —
איך ווער יינגער,
איך ווער יינגער,
איך ווער פריי!
כ׳שעפ!

7

אקסל דיינער,
אקסל מיינער,
ביידע רירן זיי זיך אָן.
אונזער מיזרעך איז צעפלאַקערט,
גלי - צעאַקערט,
פלאַם - צעפלאַקערט,
און מיר גייען אינם פלאַקער
און עס קרייעט
אונזער פאָן:

וועלט אין שימל,
לאנד און לענדער,
אונטער טונקלען אלטן הימל —
ס'הויבט זיך אָן!
ס'הויבט זיך אָן!

8

ליגט אַ שרעקעדיקער דרויסן
מיט פארגלייזטע אויגן;
ליגט הארטנעקיג קעגן אונז,
ליגט אף העפקער קעגן אונז,
ווי אַ כאַיע אויסגעצויגן.

האָבן מיר אַ טאָג אַ גרויסן,
טאָג א רויטן, —
הויבן מיר אים אָן: —
שפרייזן מיר מיט פלאקער,
פלאַקערן
מיט דעם גליענדיקן,
מיענדיקן
אַקער,
מיר צעאַקערן
און אַף שטויב צעשטויסן, —
הארטנעקיגן אינדרויסן.

9

גייט די זון אונז נאָך,
וואו מיר שפאַלטן,
וואו באַהאַלטן

ס׳האָט זיך שפּין,
און ס׳האָט זיך וואָך, —
קריכט די זון אין יעדן בראָך,
שרייט מיט פלאַם
שטרייט מיט שטראַם
גייט אונז נאָך!

10

ווען סע שלוקערצט אין מיין בויך אַ וואָרעם
רופט צוריק,
נאָגט צוריק, —
שטרענג איך אָן די ביינער-אָרעם
פינגער-צוואנגען,
צוואנג איך, דריק
גארגל מיינעם,
בויך — פאַרלאנגען,
ווארג איך, שטיק: —
„מאמזער, ס׳איז ניטאָ צוריק!
טויט צוריק!"

בראט מיין צאָרן אויף מיין לייב,
און איך נויקעם זיך אין מיר,
שמיץ איך שטיקער פון מיין לייב:
בלוט און גלוט,
און קינד און ווייב
און שטיקער פרייד,
כ׳קרעמפּ מיין הארץ ביז בלויען קלעם
און טו זיך אָן געברענטע לייד, —
ווען סע שלוקערצט אין מיין בויך אַ וואָרעם...

11

איינגעשפּאַנט אין גרויסן כאָרעוו,
גיי איך אין דעם שפּאַן דעם שווערן
אף די הרודעס מארך, געהירן, —
איז דער וויסט אף מיר פארלאָפן,
האָט אין האַרצן מיר געטראָפן,
און גענומען וויסטן, פרירן,
און באַכראַקעט,
און באַשטיינט. —
וואָס-זשע, ברודער,
כ'האָב געוויינט?

... כ'זע ווי מאמעס
שלעפן שטיקער פראכט,
שטיקער הייליקייט געהילט אין קרעפּ.
שלעפן מוטערלעך
געטויטע זין,
בינדן צו די זין
צו זייערע צעפּ,
שלעפן איינגעשפּאנטע זיי צונויף,
שלעפן איינגעשפּארטע
אויגן סטאָרטשען גרויס,
לייגט מען זין אין שטיקער פּראַכט,
צערטלט מען די ליבע קעפּ,
פּאַקט מען אף א וויע א טרער,
ווארפט מען זיך ארויף,
לעקט מען אויס...

קומט מיין פרייהייטס-טרוים פון העלע ענדן
איבער די צעשמיצטע מויערן,
קומט מיט בלענדן,

מיט באציר,
ריגלט אויף פאר מיר
די מאָרגן-טויערן
און ווייזט אריין אין זייער ווייט:
אַלץ פאר אייך,
אַלץ פאר אייך!

12

ווען מיין ברודער האָט
אַ רעגע רו, —
טרעט דער ווייטיק צו,
ווי פון ערד פארלאָזטער:
ווי פון פעלדער-פוסט, —
פליסט,
גיסט,
זעצט זיך אָפּ ווי שווערער וויסט
אין ברודערס רו.
און גריסט
פון טרוקן פעלד, וואָס דאַרט,
וואָס וואַקסט אין גרויען צאָפּ אריין,
שפייט מיט גאל
און ווארט אף גליק,
וואַרט...
טרינקט מיין ברודער וויין!
שיין!
שטראָם!
בלייך
קלאפט ער זיך מיט קולעקעס אין ברוסט:
„כאַם, נישטאָ צוריק!
טויט צוריק!"

13

ווידער אַ הויב זיך איניינעם!
מיר רייסן ארויס
לונג און לעבער פונם בויך,
פון דער אָגגעפרעסטער
אַזש־צעזעצטער
זוינע־גאס!
מיט די ביקסן קלאַפּן אויס
אף דער גאַס,
פוסטער פאַס —
קלאַפּן פאר דער וועלט דער ויסטער
ווידע אויס:
באָך! באָך!
וועלטן - פּעטס
קריכער - קרעץ,
אפן פּלאַץ!
אָפּ דער פּוס!
אָפּ די האַנט! —
ווייזט די שאַנד!
ווייזט די שאַנד!

פּויקער, פּויקער,
זעץ די טאַץ,
זעץ אַרויס די קרעץ פון נוס!
אָפּ די האַנט!
אָפּ דער פּוס! —
וועלט,
די אויסגעלאָזטע זוינע - וועלט
אפן פּלאַץ —
ווייזט איר שאַנד!
קוקט די שאַנד!

14

טונקלט, טונקלט,
טויט די שטאָט
אָן דעם אָפּגאָט
אָן דעם גאָט,
נאר א פליגל גרויס און פינקלט
איבער קאָפּ
היט זי אָפּ.
גייען מיר צו אונזער גרויסער היים אף נאַכט.
אַלץ געבראכט:
איינס,
צוויי,
ברויט.
טיי.
זייד,
ליין,
ווייז.

15

זיבעטע הויט פון זיך
פון ערד —
אָפּגעברענט.
דאָס אַלטע בוך מיט טויטע פליגן
ווערט פאַרלענדט, —
גייט א נייער!
איר, אויפגעהויבענע פון שטויב,
איר שלאַנגען־רויב,
וואָס שלעפּן פון דער שווארצער ערד דעם פייער
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,

דער וועלט אים געבן, —
איר ווערט פארשריבן!
איר ווערט פארשריבן!

16

אף די רויכעדיקע כורוועס,
אפן כערעם
אין ווארעם גאָלד,
וואָס הימל שיקט אַראָפּ, —
צעלייגן זיך די ברידער,
די כאווײרים,
רוט מען אָפּ.
שפּילט און גיסט זיך א האַרמאָשקע,
גיסט זיך, פלײטערט,
פליסט זיך, ציטערט,
כליפּעט,
ציפּעט
און צעשטראמט מיט גאָלד־געקלאַנג.

ליגט מען איין קוים אף די כורוועס,
ליגט מען איין נישט לאַנג:
שפּרינגען איינער נאָכן צווייטן,
שטילע,
בלייכע
און צעשפּרייטן זיך,
צעברייטן
אף צעוואַלעניש פארדרייטן: —
דרייען זיך
מיט שטיקער זון,
אף שטיקער גען,
אף שטיקער מי,

אף שטיקער קרענץ —
מיט האַוואַיעס און מיט טענץ

מאַכט אַ ווארע,
מאַכט א ווארע,
לאָזט, מיין ברודער גייט א קאָן:
אין די ווארמע, ווייכע פויסטן,
מיט פארדריקטע הארטע פויסטן
און מיט פלינקע עלנבויגנס
הויבט ער אָן: —
— טרוטא־טרוטאַ —
נאָכן קלענגל,
ווי א שלאַנקער
שלייף פון שלענגל;
ווי א ריזלדיקע שנירל
וואַסער־דירל
פילט א זעמדעלעס געלעג.
טרוטאַ־טרוטאַ־טאַ! —
אָט די פארבן,
אָט דאָס לעבן
אָט דאָס וועבן
מוזן שטארבן אין די טעג.
נאר מיר בלייבן, —
מיר, די וועלן,
וועלכע טרייבן
וועלט צו העלע
מאָרגנס שוועלן,
נאָר מיר בלייבן
אין די קארבן
הייביקס קארבן,
דאָ!

פליסט האַרמאָניע
אין פאַרב
אייביקס פארב,
פליסן מיר אין טראָפּ,
פליסן מיר צום גרויסן מאָרגנס קאָפּ:
„— מאָרגן!
מאָרגן! —
פאר דיין העל,
טראָגן מיר די לעבנס אָפּ.
לייגן מיר די קעפּ א וועק, —
פאר דיין שוועל
פאר דיין טיר
— — — — — — — — —
מיר...

ל. קוויטקאָ

ראסייאַ

ווער וועט אונז דערציילן, ווער וועט אונז באוואוסטיקן
פון געשעענעם און פון געזעענעם...
אָי, ראָסייאַ, קויטיקע און מיסטיקע,
ס'האָבן ניט פאַרשאַרט דיך
וועלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעלעך
אויסגעריבן און צעזייט אַף דיר בייזווילנדיק...
אָי, געדיכט צעזייט און אויפגעגאַנגען שיטערלעך
ניט דיך בייגעקומען, ניט פאַרטיליקט דיך.

מעג זיך וועלט נאָך אקשענען,
מעג זיך וועלט ניט רעכענען

ניט מיט דיינע עמעסן, ניט מיט דיינע ליידן, —
רויכיק, אָבער ליכטיק ברענען פּעסער פּעכענע,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אַף דיין גרויסן שייד-וועג.

ניט דער גיבער שימשון אין זיין לעצטן ראנגל
טרייסלט אויף די זיילן פון זיין פיינטס פּעסטונג —
דאָס האָסטו, מיין לאנד,
די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטייגן היינט פון דיינע גלאָקן-נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, איבער וועלטנס ענדן,
ניט קיין כמאַרעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן...
אָי, דאָס פליען אויף
און וויכערן אַף לענדער
פון דיין שוואַרצן אָדלער אויסגעפּליקטע פעדערן.

און פון פייער-בליצן שנעלער נאָך און פלוצלינגער,
ליכטיקער און פאַרביקער פון מענטשישע באַגערן,
האָט אַף ערדן אויפגעשיינט
דיין פינפשפּיציקער,
דיין ניצאָכנדיקער פייערדיקער שטערן.

א. קושניראוו

דער פאָן-טרעגער

פון בוך „ברידער״

1

רייסן ווילד זיך טעג און רייסן ווילד די נעכט זיך,
און אַף מידע בערג — באַגינענס רויטע אויפגייען;
— האָבן זיך מיט בלוט געשוואָרן יונגע הערצער,
האָבן זיך מיט בלוט געשוואָרן די ווינטאָווקעס!

אָטעמען די בערג מיט אָפּגרונטן מיט אָפענע,
ציילעמען זיך בערג־שפּיצן דונערדיק צערעוועטע:
— מיר וועלן אייך מיט פרייד מיט שיקערער באַשלאָפן,
מיר וועלן זיך מיט אייך, ווי מיט יונגפרויען באַהעפטן!..

לאָז אייך העל די נאַכט זיין, העלער פון באַגינען,
לאָז אייך זיין צו פרייד — געאַרעם מיט די בערג,
און דער טאָג — אַ טויב זאָל זיין דיר, שלוימע־בער!

עס שלאָפן איין די בערג אין גאָלדן און אין גינען,
עס גלעט דער טאָג די לייבער בערגיקע פאַרמאַטערטע,
און ס'בענטשט זיי רויטע פאָן מיט אויפגאַנג און מיט פלאַטער!

2

רייסן ווילד זיך טעג און רייסן ווילד די נעכט זיך,
שטיקערווייס ווי פייער, שטיקערווייס ווי פעך,
— אַף די הערצער פּיקעס, אַף די פּיקעס הערצער,
— אַף די דולע הענט — דאָס אומרואיק געדעך!

הייס איז אין די הויכן, הייס איז אין די סטעפּעס,
העפקערדיקע פליגל סמאַליען זיך די ווינטן;
— קעפּ אף די באַפעלן. באַפעלן אַף די קעפּ איז:
— גיט זיך, שטאָלצע פעלזן, גיט זיך, שטאָלצע, אונטער!

שלוימע־בער אַף ווייטן, שלוימע־בער אַף ברייטן,
וויינגערטנער דערשראָקענע, פערשקעלעך און טויבן,
— וואָס איז דען דאָס הארץ אים טייערער פון טויבן?..

האָבן זיך די בערג די קרימער צעטרומייטערט:
— רעוועדיקע ווינטן, פלאַקערדיקע ווינטן,
— מיר גיבן זיך אייך אָפּ! מיר גיבן זיך אייך אונטער!

3

וואַנדלען אין די נעכט — אין ווינט און אין געראַנגל
הילכיקע געזאַנגען, קוילן ווי לעוואָנעס;
— וועט מען אַזוי מידע אין אַ שטאָט אַריינגיין
און מיט פרייד צעהענגען פלאַטערדיקע פאָנען!

אַ כוידעש נישט געשלאָפן. אַ וואָך זיך ניט געוואַשן,
מיט בלאָטע און מיט פרייד זיך שוימיקן די לייבער;
גלעטן אַלטע יידן קאַלטע פאַטראָנטאַשן:
איר זאָלט שוין ניט אַוועקגיין, — מיט אונז זאָלט איר פאַרבלייבן!

גייט מען פון אַ שטאָט אַזוי, גייט מען אין אַ צווייטער,
וואַנקע באַראַבאַנשטשיק, מאָטעלע טרומייטער,
שלוימע-בער דער פאָנענטרעגער — הינטן דאָס געווער.

און אַז ס׳טראָגט די פאָן כאַוועך שלוימע-בער,
זינגענדיק — מיט פרייד, מיט פלאַטער און מיט צויבער, —
— פליען נאָך דער פאָן נאָך פליעסקענדיקע טויבן!..

פ. מאַרקיש

בראָנעוויק „געוויטער"

פאַרטאָג האָט געפויקט מיט האַרמאַטן,
געפויקט פון די בערג, און פון טייך, און פון בריק.
און די שטאָט — אין פאַרטאָג און אין וואַרטן,
און פון שטאָט צו די בערג האָבן יונגע דעם יונגסטן געשיקט.

פאַרטאָג איז דער סוינע געלאָפן,
און זאַלפן צעשאָטן אַף בלעך און אַף שטיין, און אַף ווענט.

אין שטאָט זיינען יונגע שוין אַלע באַוואָפנט, —
— פון יונגע דער יונגסטער זאָל לויפן צום טייך און צום בריק,
און זאָל זען.

אַף די בערג האָט א פאָן זיך צעלייטערט.
אַ פליושענע פאָן איז פארטאָג אַף די בערג, און איז רויט.
— דאָרט רייטן שוין אונזערע רייטער;
זאָלסט זאָגן: די יונגע אין פארשטעט שוין אַלע באַוואָפנט און גרייט.

פון יונגע דער יונגסטער — אין גאַסן,
אַף שטיינערנע ברוקן — צעשאָסענער מעש און פאַרדאָרבענער בליי.
טאָג איז נאָך יונג אַפן וואַסער,
אַ נאַקעטער טאָג אַפן טייך איז אין שיין און מיט גאָלדענעם לייב.

דערווייל זיינען יונגע פון פאָרשטעט
ארויס אין די גאַסן מיט ביקס און מיט דאָרשט, און מיט פרייד,
באַוואָפנט און מונטער, און דאָרשטיק
דעם סוינע פון שטאָט מיט פארטאג און מיט זון, און מיט זאַלפן באלייט.

שרויפן האַרמאַטן די הויכן,
און פויקן אין בלעכן פון דעכער, און פייפן אַוועק צום וואָקזאַל.
פאָרשטעט און שטאָט איז אין רויכן,
און מיר זיינען יונג און באַוואָפנט מיט זינגען, מיט זון און מיט זאַלפ.

און יונגע צעהענגען די פאָנען,
אין גאַס — ווי אין רויטע יאָנטויווים — צעברענט זיך בא טויערן רויט.
פאר אונזערע — שטאָט אַ מאַטאָנע,
אַ שטאָט אַ פארפּוצטע אין פרי־יאָר, אין פאָנען, אין זון און אין פרייד.

אין גאַסן צעבּרענען זיך זונען,
און טאָג איז געפאַלן אַף שטאָט און אַף בּערג, ווי געפאַלענער שׂניי.
איז דער שאָליאַך דער יונגסטער געקומען,
דערציילן בּידושים פון טאָג און פון טייך, און פון רויטער אַרמיי.

— קיין רייטער האָבּ איך ניט באגעגנט,—
אַפן בּרוק אַ געפּאַנצערטער אַ ו ט אָ, אַף פּאַנצער — אַ בּלוטיקע שריפט,—
אַן אויפשריפט פון אַוטאָ צו וועגן:
„ג ע וו י ט ע ר".
„מ י ט ק ר י ג אַ ף פּ אַ ל אַ צ ן — אַ ף ג ע צ ע ל ט ן מ י ט פ ר י ד"!

מיט אויפשׂריפטן אַווטאָמאָבּילן!
און אונזערע קומען צו אונז פון די דערפער, פון שטעט און פון לאַנד,
אין שטאָט און אף בּערג איז שוין פרילינג —
צעפּוקעטע גרינס און צעגאָסענער פעלד אין געלייטערטן קאַנט.

איך בּין דער יונגסטער פון יונגע —
און טאָג אף די בּערג איז א זיידענע פאָן, און איז רויט און צעגליט.

כ'וועל אויפגיין אַף פאָנען צעזינגען:
— ג ע וו י ט ע ר!
מ י ט ק ר י ג אַ ף פּ אַ ל אַ צ ן — אַ ף ג ע צ ע ל ט ן מ י ט פ ר י ד.

ל. ר ע ז נ י ק

בּאַם דניעפּר

*

געקומען מיט שווערדן מיט בּלויזע טשעטשענצעס אַ מייע צום שטיבל, וואָס נעבּן דעם דניעפּר, צום פישער פון דניעפּר אַלעקסייעוו.

סע האָבן טשעטשענצעס געשלאָגן, אַזש טאַפּליעלעך האָבן גע-
קלונגען
— „אַלטער, וואו זיינען די יונגען? באַ רויטע געוועזן דיינע
יונגען!

געגאַן דיינע באָנים מיט פאָנען אַף גאַסן פון קיעוו!
גיב זיי אונז, אַלטער, די באָנים, אַף שפּיז און אַף טליע!..״
געוויינט האָט דער אלטער: — „צו מיר אַלעקסייעוו, דעם פישער,
צום הילצערנעם שטיבל באַם דניעפּר, באַ וואַסערן פרישע,
וואָס זייט איר, טשעטשענצעס, געקומען? וואָס ווילט איר, נאַ-
ראָנים?

האָב איך דען, אַלטער, צו שאַפן אף יונגען, אַף באָנים?
קאָן איך דען וויסן, וואו בלאָנקען זיי ערגעץ, די רוכעס?
ס'איז דאָך ווי ווינט אין א פעלד: „גיי, פּאַק עס, גיי, זוך עס!.״
מיט פויסטן מיט אייזערנע, קאַנטשיקעס בלייערנע, שאָמפּאָלן
שווערע
האָבן טשעטשענצעס דעם פישער דעם אַלטן צענערעגט.
סע האָבן טשעטשענצעס דאָס הילצערנע שטיבל צעבראָכן,
אַוועקגעפירט האָט זיי נאָך באָנים דעם פישערס אַ שאָכן:
— „ער וועט זיי, דער שאָכן, געפינען, ער וועט זיי דערקאָנען״ —
און — ר'האָט זיי געפונען און — מ'האָט זיי געפאַנגען, די באָנים...
אין זייטיקער קאַמער, אין הייפל אין שטילן, אין אַרבעטער-
געסל —
באַ אויפרופן, פּולווער און באָמבעס דאָרט זיינען די באָנים
געזעסן.
קריכט אָן טשעטשענעץ, פאַרלאָקערט און פליט ווי אַ וואָלף אָן.
סע האָבן די באָנים געשאָסן, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן.
זיי זיינען געבליבן פאַרכאַלעשט, אין בלוט און אין וואונדן
און מע האָט אַלע דריי זיי געכאַפּט און פאַרקניפּט און פאַר-
בונדן...
געזעען האָט ווינטער-פרימאָרגן, געזעען דער באַרג האָט,
ווי מ'האָט אַלעקסייעווס דריי באָנים, דריי רויטע געהאַרגעט.

אין בלאָטע צופוסנס דעם באַרג ביזן טאָג ביזן מיטן,
זיינען די באָנים געלעגן צעבראָקט און צעשניטן.
ווען זון קוים דערוואַרעמט די שטאָט און דעם באַרג און דעם
סטעפּ האָט —
האָט מען די באָנים צו ווײדלען פון פערד צוגעטשעפּעט.
„פליט, פערדעלעך, פליט" — און אוועק זיינען פערד מיט דער מאַסע,
אַוועק איבער קיעוו דער שטאָט, איבער גאַס, איבער גאַסן.
געיואַשן און אויפגעראַמט, ציכטיק און גלאַנציק און גלאַטיק,
אַ ליכטיק-קרישטאָלענער שפּיגל דער קיעווער קרעשטשאַטיק.
אַף קיעווער קרעשטשאַטיק אַ ראַש, אַ געלויף און אַ היץ איז:
גאָלד-עפּאָלעטן און שווערדן און פּריצים און פּריצעס.
אַרויס זיינען איידעלע טעכטערלעך, פּריצישע מיידלעך:
— „סע שלעפּן דריי רויטע, פאַרשאָלטענע רויטע, דריי פערדישע
ווײדלען!..."
אַף קיעווער קרעשטשאַטיק אין מיטן האַמוין, אין אַ צוקוקער-רייע
געשטאַנען באַ אַ סלופּ איז דער פישער פון דניעפּר — אַלעקסייעוו,
געקוקט אַף די פערד, אַף די זין, אַף האַמוין און אַף שטאָקן,
זיין גרייז-גראָע באָרד האט זיך קוים-קוים געטרייסלט, געשאָקלט:
— ער דאַרף ערגעץ גיין, ער דאַרף עפּעס אויפטאָן, ער מוז ער-
געץ מאָנען
דער פישער פון דניעפּר — אַלעקסייעוו, דאָס בלוט פון די באָנים!

*

דער דניעפּר איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... אַף יענער זייט בריקן
שטייען אין מעכטיקע מאַכנעס די זין פונם פּאָלק — באָלשע-
וויקעס.
— „וואָס דאַרפסטו"? — „דו, פריינט רויטאַרמייער, דו פיר מיך,
דו פיר מיך צום עלצטן, אַריינבערענג צו דיין קאָמאַנדיר מיך,
זאָג אים: פון קיעוו דער שטאָט איז אַ פישער אַנטרונען
און זעען אים וויל ער און שמועסן דאַרף ער פון וויכטיקן איניען".

דער דניעפּר איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרפֿרוירן . . . מע וואַרט, קאָמאַנדירן,
ס'זאָל אָנקומען פֿראָסט און זאָל נעמען דאָס וואַסער פֿאַרפֿרירן.
דאַן וועט מען דעם באַרגיקן קיִעוו מיט באָמבעס צעבויטען.
דאַן וועט מען צעשפּרייטן אויף קיִעוו די פֿאָנען די רויטע.
נאָר דניעפּר ווערט נאָך אַלץ ניט פֿאַרפֿרוירן . . . ס'פֿאַרציט זיך
און ס'דויערט . . .
קוקט קאָמאַנדיר אויפֿן פֿישער: — „וואָס ווילסטו דאָ, פֿויער?"
— „איך בין אַ פֿישער פֿון קיִעוו. זיי האָבן, טייוולאָנים,
זיי האָבן אין קיִעוו געהאַרגעט, געשענדט מיינע באַנים.
איך בין אַ פֿישער פֿון דניעפּר. אַלעקסייעוו מיין נאָמען.
בלויז איינס איז מיר איצטער פֿאַרבליבן: בלויז נעמען נעקאָמע.
איז וויסן זאָלסט איצט, קאָמאַנדיר, סע זאָגט דיר דער פֿישער:
פֿאַראַן איז, פֿאַראַן אויפֿן טייך איז אַן אָרט אַ געוויס'נער,
וואו לייכט שוין באַדעקט איז דאָס וואַסער מיט הייטל פֿון קריהע,
איך, פֿישער, איך נעם זיך קיין קיִעוו אייך איבערצופֿירן . . .
קוקט קאָמאַנדיר אויפֿן פֿישער. דער בליק זיינער בויערט:
— „דו זאָגט אויס דעם עמעס דעם ריינעם, דו נאַרסט אונדז ניט, פֿויער?"
— „באַ בלוט פֿון די יונגען, געקוילעטע יונגען, דאָ שווער איך.
גלויבסטו נאָך אַלץ ניט? דו דאַרפֿסט, קאָמאַנדיר, דען נאָך מערער?"
האָבן געלאָזן דעם פֿישער דעם אַלטן די „גרויסע"
ביז אויפֿן טייך וועט אַראָפּפֿאַלן נאַכטישער כוישעך.
אַז אין דער הויך אויפֿן טייך וועט זיך אויסלעשן שקיִע,
וועט ער, דער פֿישער, דער אַלטער, זיי פֿירן קיין קיִעוו! . .

*

. . . האָט אָפּגעברענט שקיִע אין ווייטן, איז פֿינסטער געוואָרן.
שטעלט זיך אַ מאַכנע אין רייען. ס'שטייט אַלעקסייעוו פֿון פֿאָרנט.
גייט מען. מע קומט אָן צום אָרט. דאָס אָרט איז דאָ קוים־קוים
פֿאַרפֿרוירן.

— „פריינט רויטאַרמייער, אָט דאָ און מיר וועלן אַריבער, אָן מוירע!.."
ציטערן לייבער באַם טייך: — אַ שפּאַן און דערטרונקען דאָ ווערסטו!..
לאָזט זיך דער פישער דער אַלטער אַף אייז, קוים פאַרשטייפטן, דער ערשטער.
גייט מען. אַ מענטש נאָך אַ מענטש. מע צעציט זיך אין קייטן.
סע פלאַטערט דאָס אייז, נאָר מע גייט, נאָר מע גייט צו דעם ברעג צו דעם צווייטן.
סע ברעקלט דאָס אייז זיך. אַ רעגע און — ס'וועט זיך צערייסן
נאָר מ'רוקט זיך און מ'רוקט זיך צו קיעוו דער שטאָט, אַף די ווייסע!
מיט ביקס אין דער האַנט און מיט האַרטן, פאַרגליווערטן צאָרן,
דער פישער דער אַלטער פון דניעפּר — אַלעקסייעוו — פון פאָרנט.
ס'צעפאַלט זיך דאָס אייז, נאָר מע גייט, מ'האָט דעם אָטעם פאַר-טאַיעט:
אין פינסטער, אַקעגן, אַף בערג דאָרטן דרימלט די כאַיע.
אַ שאָרך ט'זי דערהערן — מיט הילכיקע באָמבעס פאַרשפּייט זי —
ציט זיך אַ מאַכנע אין פינסטער... דער ברעג איז ניט ווייט שוין!
ס'צעשיט זיך דאָס אייז אונטער פיס. מ'הערט די וואַסערן רינען.
אַף פינסטערע בערג אַרום קיעוו ווערט גרוי אַף באַגינען.
ס'כליופּעט דאָס וואַסער... צום ברעג נאָך אַ ווײַלע, אַ ווײַלע...
דער ברעג... און אַף שאָמרים אַרויף!.. און פאַרשטאָפּט זיי די מײַלער!..
פון פינסטערע בערג, וועלכע האָבן דעם אומגליק פאַרשלאָפן,
אַרויס איז אַ קוויטשיקע באָמבע, אין אייז, וואָס פאַרביי מ'איז, געטראָפן.
אַף אייז, וואָס פאַרביי מ'איז, צעגיסט זיך, צעשטראָמט זיך דאָס וואַסער.

נאָר ס'פליט שוין אַף פינסטערע בערג אָן אין פרי־שיין אין בלאַסער,
סע פליט שוין אַף פינסטערע בערג מיט ניצאָכן-געשרייען
אַ מאַכנע מיט פאָנען, אַ וואָלקן מיט יונגען, אַ פאָלק רויטאַרמייער,
סע שטורמען שוין ברודערשע פאָלקן די אייזערנע בריקן:
— „הוראַ" און „הוראַ" און „פאַרנעם זיך דעניקין!.."
אין גרויסער בעהאָלע, אין ווייסטער מאַפאָלע, אין פאָלקן צעזייטע
די גאָלד-עפאָלעטן פון בערג אַרום קיעוו שוין מאַכן די פלייטע...

*

ווייען די פאָנען די רויטע אַף קיעווער קרעשטשאַטיק,
רוען אַף שטיינער פון גאַסן די זיגער די מאַטע.
אין מיטן די גאַסן קאַנאָנען — פאַרבלוטיקטע שטייען.
אין ראָד רויטאַרמייער אַף שטיינער פון גאַס — אַלעקסייעוו.
דעם קאָפ צוגעטוליעט צו אייזערנער וואַנט פון קאַנאָנע:
— ניטאָ שוין קיין הילצערן שטיבל, ניטאָ שוין קיין באָנים.
נאָר אַף שטרעקעס אף גרויסע צום קרעמל זיך טראָגט אַ יעדיע:
קרעמל, זיי ווייסן, גענומען איז קיעוו!!

ע. פינינבערג

אלי־בען

פאָעמע

1

אין אַן אַלטן אַאול באַ אַי־פעטרי
ניט ווייט פונם צאַרטן גורזוף
האָט נאָך קינדוויס אַלי-בען געקלעטערט
און געפאַשעט פרעמדע שאָף.

און מוסטאף — זיין אַלטער פאָטער
מיט זיין אַלטער מוטער מאַריאַם
טאָטערן ווי אַנדערע טאָטערן —
באַ ברעגן פון שוואַרצן יאַם.

איז אַלי־בען געוואקסן אין שטויבן
אין זון, אין בערג, אין קויט;
געגרייט פאַר פרעמדע — טרויבן,
געזייט פאַר פרעמדע — ברויט.

און פארנאַכט, ווען די זון פלעגט זיך זעצן,
פלעג נאָך דרימלען דער לעצטער פלאַם,
האָט גענומען אַלי־בען זיינע נעצן
און געגאַנגען צום שוואַרצן יאַם.

2

האָבן אין אַאולן פאַרשפרייט זיך קלאַנגען,
גרייטן זיך טאָטערן ווידער צו פיין
אינגיכן וועט קומען וראַנגעל,
פאַרנעמען שאָף און וויין.

רוישן כוואַליעס. הוידען זיך ברעגן.
יעדער טאָג איז גרויזאַמער און וויסט,
אַלי־בען ווייסט אין קרים אַלע וועגן
אַלי־בען האָט געניטע פיס.

רופט צונויף אַלי־בען אַ זיצונג
אין אַאול לעם צאַרטן גורזוף,
קיינמאָל ניט געבן די פריצים —
די בערג און די שאָף.

קיינמאָל ניט געבן, ניט געבן.
זאָל לעבן דער פּאַסטוך אַ ל י - ב ע ן.
אַזוי איז פאַרשריבן,
און אַזוי איז געווען.

3

ווען אַ ל י ־ ב ע נ ס פאָלקן שאַלן אין די טאָלן
שאָקלען זיך די פעלזן שווער און אַלט,
אין די ווייכע אָוונטן סוידען זיך אַאולן
שווימען קלאַנגען שווערע אום פון וואַלד צו וואלד.

אין סאַמעטענע שאָטנס דרימלען קיפּאַריסן
און דער יאַם איז טונקל, הוידעט זיך און וואַרט
וייסן אַלע טאַטערן, מ׳וועט שוין ווידער שיסן,
וועלן בערג זיך טרייסלען שוין אַ גאַנצע נאַכט.

אַף דעם באַרג אַי - פּעטרי רוען מידע וואָלקנס,
פונם באַרג אַי - פּעטרי פאַלן שווערע טריט.
ווען אַלי - בען גייט מיט זיינע שטרענגע פאָלקן
מעגן טאָטערן שלאָפן רואיק ביז גאַנצפרי.

4

אַ ל י - ב ע ן האָט טוטין זיך געטריקנט
האָט אַ ז ע זיך אַ טשאַדרע גענייט,
האָט אַזוי לעם ברעג זיך געוויקלט
אַזאַ הייסע און פראָסטע פרייד.

אַ ל י - ב ע ן איז מיט פאָלקן געגאַנגען,
האָט אַ ז ע אינדערשטיל געוויינט,
זיך געבלאָזן אַף פריצים און וראַנגעלן
און געזעסן פאַרנאַכט אינדערהיים.

איז די לעוואָנע מיט הערנער געשוואומען,
איז די לעוואָנע אַזוי קליין און ווייט.
ווער ווייס צי אַלי-בען וועט קומען
און זי קושן פֿאַרשייט.

אַלי-בען איז מיט פֿאַלקן געגאַנגען,
האָט אַזע אינדערשטיל געוויינט,
געשאָלטן די פּריצים און וראַנגעלן
און געזעסן פֿאַרנאַכט אינדערהיים.

5

געדענקט זי אים מיט פֿריילעכע מאַטראָסן,
געדרויכערט און פֿאַרביסן מיט שאשלעק;
און נאָכדעם האָט מען גאַנצע נעכט געשאָסן
און נאָכדעם פֿלעגט מען שיסן גאַנצע טעג.

וואָלט אַזע פֿאַרקעמט די שוואַרצע לאָקן.
איז די זון היינט טונקל און איז קאַרג,
לויפֿן שוואַרצע שעפּעלעך צעשראָקן,
אָן אַ פּאַסטוך, פֿונם הויכן באַרג.

זינגען כוואַליעס דאָרט באַ שאַרפֿע ברעגן
אַזאַ שטילן טאָטערשן געזאַנג,
און ניט ווייט אַף אומבאַקאַנטע וועגן
הערט אַזע אַזאַ באַקאַנטן גאַנג.

וועט ער מער ניט קומען מיט מאַטראָסן,
ווייט איז ער שוין, ווייט אין ווייטן וועג,
האָט מען ווידער גאַנצע נעכט געשאָסן,
פֿלעגט מען ווידער שיסן גאַנצע טעג.

6

גייען וואָלקנס אין די בערג, ווי שטענדיק,
שטילע וואָלקנס, ווי זאַטע שאָף;
האָבן דען בערג אַן ענדע
האָבן דען וואָלקנס א סאָף.

גוט איז, ווען רויטע פונקען
שטעפּן דעם לייוונט פון נאַכט;
געקומען אַ מענטש אַ טונקלער
פון ווייט א בריוו געבראַכט.

קומען מענטשן ווייטע פון צאָפן,
קאַלטע און הייסע, ווי פראָסט.
איז וואַנגעל פון קרים אַנטלאָפן
בערג און יאַם פארלאזט.

7

קומט פון וואַנען אָן אַ טאָג א בלויער
קומט פון הויך און פאַלט אין יאַמען-טיף;
קיינער ווייסט ניט פון אַזעס טרויער,
קיינער ווייסט ניט פון איר לעצטן בריוו.

„סעליאַם אלייקעם" — קלינגט אין לופט פארלאָרן
סעליאם אלייקעם, אַלייקעם און סעליאַם.
שווימען טעג אַזוי כאדאָשים און יאָרן,
שווימען טעג, ווי שלופּקעס אַפן יאַם.

קומט פון וואנען אָן א טאָג אַ בלויער
שטייען אויף אַאולן פונם שלאָף;
הויבן זיך אַף בערג אַלץ גרוי און גרויער
שטילע פאַסטוכער מיט זאַטע שאָף.

8

גיסט דער הימל זיך אין טונקעלע בערג,
זיינען בערג אי ווייס, אי גרוי, אי גרין;
גייט א היים אן אַלטער, אַלטער טערק
טראָגט אַ זאַק פאַרבליבענעם טוטין.

אינדערהיים שוין קיינעם ניט געלאָזט,
ערגעץ ווייט שוין זיינען זיינע זין;
איז געבליבן נאָר אין לייב אַ ווייסער פראָסט.
און דער זאַק פאַרבליבענעם טוטין.

פאַלן שאָטנס פון די טונקעלע בערג,
און פון אויבן פאַלט א ווייכער ווינט;
גייט א היים אַ הונגעריקער טערק,
גייט און גייט און בלאָנדזשעט, ווי אַ קינד.

לעם אַי־פּעטרי אַף אַ פעלזן־מיט
זיצן שטילע, גרויע מענטשן צוויי;
און פון ווייטן צייכנט האַרבסט שוין זיינע טריט,
און אַף הויכן דרימלט שוין אַ שניי.

9

ניט דער יאַם האָט גערוישט און געשטורעמט, —
ס'האָבן טאָטערן אַן אויפרוף געלייענט;
ניטאָ שוין קיין רייכע און אָרעמע,
ניטאָ שוין קיין גרויס און קיין קליין.

אַלע ווייגערטנער, סעדער און רינדער
אַלע הייזער, און בערג, און שאָף —
געהערן אַף שטענדיק די קינדער
פון טאָטערשן קליינעם גורזוף.

און אַלץ, וואָס איז נעכטן פאַרבליבן,
האָבן זונען פון דאָרעם פאַרברענט; —
דעם אויפרוף האָט אונטערגעשריבן
סעקפּאַרקאָם אַ ל י ־ ב ע ן.

א י. פ ע פ ע ר

יוינע לייעס

יוינע אין ערשטן אָקטיאַבער־יאָר

ווען ער גייט אַזאַ מין שיינער באָכער,
יוינע פון דער ראַקאָווקע
דער טאָקער־יונג פון „טרוד",—
אין די ברוין־פּליוש פּלידערן,—
אינם שוואַרצן פעלצל,
אינם שמויסן היטל,
ווען ער גייט אַזאַ מין שיינער באָכער
מיט זיין זיכער האַרטן שפּאַן
אַף אַ רימען איינגעפעסט —
הענגט זיך דער נאַגאַן
וויגט זיך דער קינזשאַל.
שטעקט די שפּיז אין שיידל
און אין בוזים־קעשענע
די קאַרטעטשקע פון מיידל,
און אַ לאַנגע שווערד —
ביזקל צו דער ערד.
ווען ער גייט אַזאַ מין ברייטער, פרייער ריז,
און סע רעדן שפּאָרן, שווערד און שפּיז,
און דאָס פּאָנים אַ פאַרברענטער, ברוינער שטאָל;

אויגן שוואַרצע אָן אַ גאַל;
ווען ער גייט אזא מין ריז — אַ פרייער,
גייט ער דעמאָלט
פונם באַרג,
פון דער שטאָט דער גייער,
צו דעם טאָל דער ראַקאָווקע,
צו דער מאַמעס הויז.

אונטער גרינעם באַרג,
אין טיפן טאָל,
אין טיפן טאָל
שטייען דאָרט קאַנורקעס אָן אַ צאָל.

און ביינער-ברוך פון קעץ און הינט,
און אַ שימל-ריטשקע רינט.

אַ דעכל פוילס, צוויי לעכער בלויז, —
און יוינע שטייט אין מאַמעס הויז.

איז די מולטער אומגעקערט, —
זעצט ער זיך אַנידער.
און די אַלטע שוועסטער-מויד,
שטייט אַקעגן איבער, —
פינטלט מיט די קרומע אויגן,
דרייט די דאַרע, קרומע הענט
און זי בלייבט אַזוי פאַרשעמט.

און די בלינדע מאַמענקע
רוקט זיך צו אים צו.
ברומקעט עפעס ברומבלדיקס,
נעמט זיך עפעס טאָן.

שפּיליעט אים די קנעפּלעך אָפּ
פונם אויבערשט העמד. —
נישטערט דאָרט מיט דאַרינקע,
ציטערדיקע הענט.

רוקט ער איר אַ שטריקל אונטער,
נעמט זי עס און האַלט:
ציצעס מיינט זי זיינען עס,
ווערט באַרואיקט באַלד.

טאַפּט אים דאָס געווער אַרום,
הערט זיך צו דעם צו:
„אַף קאַפּאָרעס דאַרפסטו עס,
באָכער איינער, דו!"

טוט ער באַלד אַ שטעל זיך אויף,
ענטפערט פריילעך אָפּ:
„קעגן וויסטן לעבן דעם
„גיי איך מיטן קאָפּ!

„אַלע וועלן פריי שוין זיין
„גליקלעך פון אַצינד. —
„טויטן די בורזשויען נאָר,
„אָט די פּעטע הינט!"

און ער טוט אַ שטעל זיך אויף,
ס'היטל כאַפּט אַראָפּ —
נישטערט אין די קעשענעס
און גיט דער מאַמען אָפּ:

„קאָך זיך דיר אַ יאַכל אויס,
„מאַמינקע, פון הון,

„היט דיר דיינע קויכעס אָפּ,
„וואַרעם זיך אױף זון".

— „ווי קען גוט מיין עלטער זיין,
„בעסער שוין דער טויט! —
„אז סע טוט פארזיצן גאָר
„אזא גאָלד א מויד . . ."

„— זארג ניט, ליבע מאמינקע,
„מאך ניט קיין געוויין,
„דו נאָך, אין די דייניקע
נאכעס וועסט נאָך זען!"

און ער רופט די שוועסטער אָפּ
נעמט ארויס א בילד:
„זע, דאָס איז זי, מיינע, זע, —"
זאגט ער צו איר מילד.

זעט די שוועסטער דעם פארטרעט,
און זי קוועלט גאָר אָן.
קרומט זיך מיט די קרומע אויגן,
ווייסט ניט וואס צו טאן.

מאכט זיך יוינע גיך צערעכט
רימען שווערד און שטיק. —
זאגט א גוטן טאג דער מאמען
און צום בארג צוריק.

*

איז די שטאט אזא מין גרויסע,
רויטארמייער, מעש - מוזיק,

טאנצט די זון אין אלע גאסן,
זאגט צו גליק, זאָגט צו גליק.

מיידלעך שטרעקן אויס דאָס שענסטע:
ווער די ברוסטלעך, ווער די קעפ,
ווער א פולס, א שטאלטנע פיסל,
ווער די לאנגע, פעטע צעפ.

אוי געפעלט ער מיידלעך, ווייבלעך, —
אזש זיי קריכן פון דער הויט.
נאר ער האט א פריינט — א מיידל —
זיין באשערטע ביזן טויט.

זי וועט ווארטן ביז צום ענדע,
ביז מ'עט אויסגלייכן די וועלט! —
נאָכדעם קומט זי צום געליבטן,
און זי בלייבט באם רויטן העלד!

לייעלע שלעפט זיך צום זון

וואוהין שלעפט זיך אונזער בלינדינקע,
לייעלע די אלטע?
ווער פירט זי אזוי ציטעריק?
ווער איז די פרוי די פולבלעכע?
ווי קומט זי צו דער אלטער?

ווי קומט זי דען אין טאָל אריין —
די דאמעניו, די הויכע?
ווי קומט זי צו דער קאַבצנטע,
וואוהין פירט זי די געהויקערטע —
די דאמעניו די הויכע?
די זיידמאן, די מאדאם?!

שוין ווינטערן און ווינטערן,
אף אויוון ליגט די בלינדינקע;
שוין זומערן און זומערן
אף פריזבע זיצט די בלינדינקע;
שוין יארן - לאנג און יארן - לאנג, —
זי גייט ניט פונם טאָל ארויס,
זיך איינגעשמעקט אין זאווערקייט,
אין קויטיקייט זיך איינגעווייקט,
דערנערט זיך און דערהאלטן זיך
אף וואסער און אף סעכערלעך, —
אַליין איז זי א סעכער שוין,
א הארטער, א פארגליווערטער,
ווער רירט אים און ווער דארף אים דען?
און איבער אים נאָך, טרייסלט זיך?

אַ בייז - וואונדער! —
פון די שטיבלעך
אַלטע בריעס, קליינע קינדער,
שטארק פארכידעשט,
טאָל דערהויבן
פון געמויזעכץ אויפגערודערט!

הערט מען שמועסן,
הערט מען רעדן:
— פאר די גווירים וואָס אין טורמע
זי, די אלטע, גייט זי בעטן
— זעט, די גווירטע!
— זעט די זיידמאַן!
— זעט, זי פירט זי!
— קוים זי רירט זיך!
— יענע שלעפט זי.

— זעט, זי מיעסט זיך!
— אונזער אלטע...
— איר געדיינט דאָך!
— דער מאדאם דאָך!
— איצטער, ווי איר...
— ווי און וויסט איר!
— אוי, זי מיעסט זיך,
נעבעך שלעפּט זי...
— עך, פאַרמאָגט נאָך
מער אונזביידע...
— געזונטער אויך'עט!
— זעט, ווי די שפּאַנט
און ווי די שפּאַנט!
— ד'אלטע סאָפּעט...
— אירע קויכעס?!
— באַרג ארויף דאָך!
בארג ארויף דאָך!
יוינע ט'פּאָלגן? —
— ווער קען וויסן!
— יוינע איז יוינע!
— גייט שוין גייט! — ר'האט ליב די מוטער...
— הערט שוין אויף! — ר'האט פיינט די גווירים...
— נו... בורזשויען!..
— יונע ט'פּאָלגן?!..

*

אז געקומען איז לייעלע,
צו יוינען אין רעווקאָם, —
האט יוינע זי ארייגגעזעצט
אין א פאָטעל פון כראָם.

און א רויט - ארמייער האט
דערלאנגט א גלעזל טיי. —
מיט גרויסן דערעכערעץ
געשטאַנען זיינען זיי.
— וואָס פאַרלאנגסטו, מאַמעניו? —
האָט יוינע זי געפרעגט.
איז דיר ניט שווער צו שלעפן זיך
אַזאַ מין ווייטן וועג?

— „דו, זונעניו, דערבארעם זיך...
„דו, יוינעלע, מיין קינד. —
„וואס האסטו צו זיי, באכער דו!?
„אוי ווי איז מיר און וואונד! — —

„ווען ניט די גווירים, נאַרישער,
„די ציידמאנס, זי און ער...
„ווער וואָלט זיך אף אונז אומגעקוקט,
„ווען ניט די גווירים, ווער?

„כ'האָב יאָרן-לאנג געדינט בא זיי, —
„איך וויים, ס'איז איידלע לייט!
„און איך אליין געוואַשן זיי
„דאָס וועש פון זייער לייב!

„די פאָלן דאָך געריי ניקט זיי,
„געקאַשערט, — אויך'עט איך! —
„האָבן מיך געפילנעוועט,
„געשענקט אן אַלט פאָר שיך.

„היינט, פון דער מאַדאמעניו,
„טראנטעס ווען א פאָר!

„אזוי האָב איך געלעבט פון זיי
„דאָך קנאפּע דרייסיק יאָר!

„די קינדער זיי געהאָדעוועט!
„די ציבערס זיי געשלעפּט, —
„ווי וואָלט איך אָן זיי, באָכער דו,
„גאָר אף דער וועלט געלעבט?!..

„און וואו וואָלט אַ בענאָק אַזאַ
„געוועזן שוין גאָר אַצינד? —
„שיין צאָלסטו פאַר גוטהערציקייט...
„אוי, ווי איז מיר און וואונד? —

„געטריי זיין דארף מען, דינען זיי,
„די איידלע, פיינע לייט...
„נאָר איך בין שוין אָן קויכעס, —
„אָן ק ו י כ ע ס פ אַ ר ד ע ר צ יי ט...

„סע רייסט דאָס האַרץ מיר קוקנדיק: —
„זיי בעטן מיך גאָר! — או! —
„כ'היים דיר, לאָז אַרויס זיי באַלד
„און מכילע בעט זיי, דו!"...

*

ערשטער שניי איז נאַס און קאַשיק,
קאָמסאָמאָלצעס פריש געוואַשן;
פראָפּאַריין נאָך פראָפּאַריין, —
אויכעט זקיינים גיין און גיין.

פול די שול, און אָנגעלאָדן,
יונגוואַרג, פאָנען, שטערנס. —

זיסער נאָך פון האָניק-פלאָדן! —
איז א כיעס יונגען הערן,
הערן אים היינט זאָגן!

*

ווי קאַמף, איז בראַנזיק הויכער שטערן.
פעסט ווי זיג, איז פעסט זיין רו, —
אַ קיל שטיק געזונט קומט צו אים הערן: —
„ — גובקאָם שטעלט אייך וועגן צו.
„דער פלאַן איז שטרענג און קלאָר, כאַוויירים,
„נעמט די בעבעכעס צונויף,
„אין כוידעש-צייט פאַרלאָזט דעם כערעם, —
„אלע אַפן באַרג ארויף!

„די רייכע הייזער, סעדער, גאַסן, —
„אייך קער אַלץ און מיטאַמאָל.
„סע ווערט אף קינד און געזינד צעמאָסטן. —
„פאַר בורזשויען לאָזט דעם טאָל.
„זיי זאָלן אָט אַהער זיך איבערקלייבן,
„לעבן אונזער לעבן דאָ,
„כאַלאָשעס מיט קאַדאָכעס רייבן, —
„זען צי האָט די נויט אַ דנאָ!
„איך ווייס ס'איז דאָ כאַוויירים שוואַכע
די מוירע נעמט זיי: „סוינע גייט!" —
„אָט די, באַדויערן מיר און לאַכן:
„בלייבט אין קויט דאָ געזונטערהייט!
„באַ אונז צו וועלט זען אַלע שליסל,
„סוינע ליגט אף אלע פיר.
„צום באַרג, צום באַרג! — מיט פולער שיסל
„וואַרט גליק אַף אייך, אף יעדער טיר!

זאָגט לייעלע די בלינדע מאמע:
„וואָס וועל איך זיך, אלטע, שלעפּן?
„יוינע־קינד, ניט ריר די נויט...
„ף'מיין מיסט בין איך פאָרט נאָך עפּעס.—
„איז פאַר מיר דעם ספּראווניקס הויז??

„ווי זשע וועל איך צוזען קענען,
„איך, בלינדער מענש, די גרויסע נויט,—
„אז די פיינסטע לייט, די גווירים,
„זאָלן קוואַסן דאָ אין קויט!

„פעלן מיר באם טיר מעכאבלים
„סטראַזשניקעס מיט וואָנצעס־לאנג?—
„און, ניט דאָ געדאכט, אין גאָלדן
„הענגט דער קייסער אַפן וואַנט!..

„גאָט צעטיילט ווער רייך און אָרעם
„און דו ווילסט איבערמאַכן, דו?!—
„שטעלסט זיך, יוינע, קעגן בוירע—
„הייזשע, יוינע! הייזשע־נו!!...”

ל. קוויטקאָ

יאַטן

1

דאָרט באַם גרעניץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.
קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

דאָרט באַם גרעניץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער אַ יאַט איז, דאַרף זיין גרייט
אי פּאַר טרויער, אי פּאַר פרייד.

ביקס אַף פּלייצע, שווערד אין הענט
אויגן שטענדיק ווייט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

שווער איז איצטער אונזער צייט,
ביקס אַף פּלייצע, ביקס באַ זייט.

ציטערט בלוט אין הייסן לייב
— „אדער שטיי דאָ, אָדער בלייב״!

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

2

שטייט אַ צוג. וואַגאָנען און וואַגאָנען
באַם אַריינגאַנג ליגט אַ מידע נאַכט.
כעוורע. מיידלעך. רייען. פּאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

קומט מען. שטייט מען. ביז מע וועט באַלייטן
אַף די פראָנטן כעוורע פון קאָמיוג;
נאָכדעם וועט אין סטעפּ אין קאַלטן און פאַרשנייטן
יאָגן ערגעץ ווייט אַ שווארצער צוג.

גוט איז דאָרט, וואו ס'ניטאָ קיין שוועלֿן,
גוט און פריי איז גאָר אין ווייסן סטעפּ.
קאָמיוגיסטן, בּיקסן און שינעלֿן
מיט בּודיאָנעס היטלֿען אַף די קעפּ.

לֿויפט אַ צוג. וואַגאָנען נאָך וואַגאָנען,
נאָכן צוג לֿויפט נאָך א מידע נאכט,
שרייען יאַטן. זינגען יאַטן. ווייען פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלֿאַכט.

3

שלֿאַכט אף פעלֿדער. שלֿאַכט לֿעם יעדן טויער.
הייזלעך פלֿאקערן די אַכטע נאַכט.
איז אין שטעטלֿ יעדער שטיין פאַרטרויערט.
יעדער טיר פאַרשלאָגן און פארשפארט.

אינם שטעטלֿ הוליען ראָצכים שכיינים,
צינדט מען, הענגט מען שוין דעם אַכטן טאָג.
זיינען שטויבּן בּלֿוטיק אַף די שטיינער,
זיינען פענצטער פינצטער אין קאָמיוג.

האָבּן יאַטן זיך צעשאטן און צעזייט זיך,
אומעטום צעווארפן און צעזייט.
ווער ס'האָט נעכטן אין קאָמיוג געפרייט זיך,
איז אין טפיסע, איז אין קעלער, איז אין קייט.

מאַמעס קלֿאָגן, טאַטעס וויינען, בּרידער לויפן,
ניט קיין נעכטן, ניט קיין מאָרגן, ניט קיין טאָג.
ראָצכים הוליען היינט אין אַלע הויפן,
זיינען פענצטער פינצטער אין קאָמיוג.

שטייט דער וואַלד, ווי שטענדיק, הויך און טונקל,
דרימלען בוימער שטיל און שטאָלץ,
טיף אין וואַלד אַ קאַלטער פייער פינקלט,
ווייט אַ סקריפּ פון לעצטע פורן האָלץ.

שלאָפט דער וואַלד אין אומעט פון אַ טפיסע,
פאַלן קלאַנגען אינם שטעטל: איינס און צוויי,
מ׳האָט געבראַכט אַ כעוורע אף צעשיסן,
ליגן אויסגעבונדן יאַטן אפן שניי.

ווײַנט דער וואַלד אף אומגליק פון זיין שטעטל.
יאָגן רייטער שיקער אַפּן בריק.
קאָמיוגיסטן קאָנען ניט באַ סאָנים בעטן.
וואַרט מען אף א קויל צי אף א שטריק.

שטייט דער וואַלד, ווי שטענדיק, אין זיין שווייגן.
קאָמיוגיסטן בלייבן שטענדיק שטאָלץ.
טאנצן שאָטנס שווארצע אף די צווייגן,
און פון דערפער פאָרט מען שוין נאָך האָלץ.

4

אַף דעכער אף הויכע אַ פינצטערער דאַך, אַ באַשפּריצטער מיט שטערן.
אין בוימערשע רייען אַ שליאַך, אפן שליאך א לאמטערן.

אין בוימערשע רייען א שליאך. אפן שליאך זיינען מענטשן געגאנגען,
האָבן קוילן זיך פלוצלינג צעבליצט און צעהילכט אין געמיש מיט געזאַנגען.

האבן גאַסן זיך פּלוצלינג צעיאָגט. האָבן מענטשן געיאָגט און
געפלויגן
מיט ווײ אין די קעפּ, מיט בלײ אין די הענט און מיט טויט אין
די אויגן.

האָט דאָס שטעטל געקרויזט און דאָס פעלד און די ווייט און
געהילכט מיט הארמאטן,
צו הילף איז פון דערפער געקומען אַ פּאָלק מיט קאָמיוגישע יאַטן.

געקומען פון דערפער מיט קאָרענע הענט און מיט האס און מיט
פולווער.
האט דער שלאכט זיך צעפלאקערט נאָך הייסער, נאָך שטרענגער,
נאָך ווילדער.

האָבן פויערשע קוילן געריסן די נאַכט און געצונדן די שטאנגען.
האָט דער פויערשער פּאָלק די הארמאטן איניינעם מיט סוינעשע
רייטער געפאנגען.

אַף דעכער אַף הויכע א פינצטערער דאך, א באשפריצטער מיט
שטערן.
פון אונטן אַף שליאַך ליגן רייטער אין בלוט און אין קויט און
אין בלוטיקער שיין פון לאמטערן.

זיינען שטיבעלעך ליימענע קאַלטע געשטאנען אין שאָטנס פארהילט
און פארדרימלט...

פון הויך האָט אן אַלטער, אַ מידער, אַ קאלטער געקוקט דער
פארויכערטער הימל.

5

ניין טעג, ניין נעכט, ווי יאָרן לאַנגע,
איז הימל שווארץ און זון איז קארג,

ניין טעג, ניין נעכט איז מען געגאנגען
פון ווייטע שטעט, פון אונטער בארג.

אַף צענטן טאָג איז מען געקומען
מיט באָמבעס, צייטונגען און בליי,
דאָס פעלד פארכאפט, די שטאט פארנומען,
איז ווידער גרינג און ווידער פריי.

ניין טעג, ניין נעכט מיט פייכטע אויגן
אין שרעק, אין קעלערס און אין נאַכט;
ניין טעג, ניין נעכט האָט זיך געצויגן
אין פעלד דער טרויעריקער שלאכט.

6

איבער געסלעך, איבער שטיבלעך, איבער שליאַך
שווימט אַן אלטע שטערנדיקע נאכט.

אונטער הייזלעך, אונטער שטעטל, אונטער באַן
פירן יאטן שיסן אַן אַלטן קאַפּיטאַן.

גייט דער אלטער, הינקט דער אלטער, קוקט זיך אום.
זיינען שטיבלעך פינצטער, זיינען געסלעך שטום.

גייט דער אַלטער, וויינט דער אַלטער, וויינט און בעט.
זאגן יאטן, שטרענגע יאַטן: „ס'איז שוין שפעט!"

ביסט געגאנגען, האָסט געהאַנגען, האָסט געברענט —
זאָלן פוילן דיינע ביינער אונטער ווענט.

איבער געסלעך, איבער שטיבלעך, איבער שליאך
שווימט אַן אלטע שטערנדיקע נאַכט.

7

איבער שטעט און דערפֿער גייען שוואַרצע וואָלקנס
פֿאָרן אַף די פֿראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

אַ ציגאַר אין ליפּן, אַף דער זייט דאָס היטל —
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פֿון דערפֿל און פֿון שטעטל.

פֿון דערפֿל און פֿון שטעטל, פֿון נאַקעט און פֿון כורוועס.
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

פֿון אַלע זייטן שפּאַרן וראַנגעל און פּעטליורע —
זיינען קאָמסאָמאָלקעס אַפֿן פֿראָנט געפֿאָרן.

וואַרעם זיינען הערצער, וואַרעם זיינען אויגן.
זיינען קאָמסאָמאָלקעס אַפֿן פֿראָנט געפֿלויגן.

וואָס אַ טאָג איז שווערער, וואָס אַ טאָג איז ליבער —
ליגן אויסגעוואָרפֿן יאַטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפֿן יאַטן, קאָמסאָמאָלקעס.
ערגעץ גייען פֿאָלקן, ערגעץ שיסן פֿאָלקן.

איז אַ יאַט געפֿאַלן. ליגט אַ יאַט אין וואונדן
מיט אַ ווייסן פֿאַרטוך וואונדן צוגעבונדן.

וואָס איז טאַטעס ווערטער, וואָס איז מאַמעס טרערן —
לענין, פֿראָנטן, קים און קאָמינטערן.

אַפֿן פֿראָנט געגאַנגען, פֿונעם פֿראָנט געקומען,
וויפֿל יאַטן הייסע, וויפֿל ליבע נעמען . . .

איבער שטעט און דערפֿער שווימען ניט קיין וואָלקנס —
פֿאָרן פֿון די פֿראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

8

האָבן לאנג אַף די פעלדער די שלאכטן געהודעט אין אויסמיש
מיט הודען פון שטאנגען
זיינען יאַטן פון שטעטלעך, פון מי און וואַרשטאַטן געקומען און
אויך אַף די פעלדער געגאנגען.

זיינען אַרבעטער יונגע געקומען און יונגען פון קלייטן, און שטויב
פון כאַדאָרים.
דעם זיידעשן פאַכאַד אַף פעלדער צעזייט און צעווייט און אוועק
מיטן שטורעם.

זיינען טישלער און שוסטער און רימער און שמידן אין זיידעשן
נעפל געוואקסן.
גאָר פריש זיינען אויגן און הויך זיינען קעפ און שטאָלץ זיינען
אַקסלען.

האָט דער שטורעם געיאָגט און געווייט און די שטיבלעך געדרייט
און די שטעטלעך געפאַנגען.
זיינען נאָך שטעטלעך אין נעפל פאַרוויגט און מיט אומעט באַזעצט
און מיט שטויבן באַהאַנגען.

גייען שוין קאָרענע יאַטן, וואָכיקע יונגען מיט האַמערס מיט
פלייצעס, מיט שטאָל און מיט גלויבן.
גייען שוין יאַטן אַף כורוועס פון יאָנטעוו, אַף וואַלגער פון ווענט,
אַף אַש פון צעדונערטע שויבן.

האָבן לאַנג אַף די פעלדער די שלאַכטן געהודעט אין אויסמיש
מיט הודען פון שטאַנגען
זיינען יאַטן פון שטעטלעך, פון מי און וואַרשטאַטן געקומען און
אויך אַף די פעלדער געגאַנגען.

9

שטיפן טעג באַם ראָג, ווי בלאָנדע קינדער,
קינדער הוליען היינט ווי בלאָנדע טעג.
זיינען טעג פון צוגן היינט געשווינדער —
גאנג איז גרינג און שטיל איז וועג.

טונקלע נעכט אַף האַרטע ברעטלעך
טונקלע שיין איז אומעטיק און קארג.
כאָלעמען זיך ווייטער אָפגעברענטע שמעטלעך
מיט אַ קלויסטער, מיט אַ מיטינג אין אַ מארק.

זיפּט דער הימל ווייסע קאַלטע שטערן,
זיינען פענצטער שלעפעריק און שטום.
לעקציעס פון קים און קאָמינטערן,
ווערטער, אייזן, מענטשן אומעטום.

זיינען טעג פון צוגן היינט געשווינדער
גאנג איז גרינג, און שטיל איז וועג.
שטיפן טעג באַם ראָג, ווי בלאָנדע קינדער,
קינדער הוליען היינט, ווי בלאָנדע טעג.

10

אַ בריוו, אַ בריוו, אַ קורצע און אַ ווייטע
פון די יאַטן, פון געוויטער, פון דער ווייט,
דאָרט אַף יאם, אף גרויסן און פאַרשייטן,
קלינגען לידער פריילעך און פאַרשייט.

דאַרף מען שיסן — איז געשאָסן,
דארף מען — היט מען אונזער שטאָט,
דארף מען — ווערט מען יאמישע מאַטראָסן
פונם ווייטן, פונם רויטן פלאָט.

אויב אין שטעט איז שימלדיק און שטויביק,
איז דער יאַם אי ברייט, אי ווייט, אי טיף.
זיצן יאַטן אַזוי שמייכלענדיק און גלויביק
זיצט מען, און מע לייענט דעם בריוו.

אַ בריוו, אַ בריוו, אַ קורצע און אַ ווייטע
פון די יאַטן, פון געוויטער, פון דער ווייט.
דאָרט אַף יאַם, אַף גרויסן און פארשייטן,
קלינגען לידער פריילעך און פארשייט.

11

אין רויכן פון שענקען, אין גלאַנץ פון וויטרינען
דרימלט אַ הארבסטיקער שטילער באַגינען.

אין שטויבן פון גאַסן, אין אומרו פון גייער
בלאָנקעט און בלאָנקעט אַ רויטער ארמייער.

פון ווייט איז דער רויטער אַרמייער געקומען —
איז פרעמד זיינען מענטשן און פרעמד זיינען שטימען.

אין רויכן פון שענקען, אין גלאנץ פון וויטרינען
קאָן דער ארמייער זיין היים ניט געפינען.

אין ווייטע, אין הארבסטיקע ווייסע פארטאגן
אַף פראנטן, אַף שלאכטן געשיקט האָט קאָמיוגנט.

געווען זיינען קלייטן פארהאקט און פארשלאָסן,
נאָר הימל האָט בלויקייט אַף דעכער געגאָסן.

אין יאָג פון מינוטן, אין פלי פון מעסלעסן
האָט רויטער אַרמייער זיין שטיבל פארגעסן.

אַף שליאַך גייען פרויען אין זיידנס אין שוואַרצן,
נאָר וואַרעם און גוט באַם ארמייער אין האַרצן.

דערמאָנען זיך האַרבסטיקע ווייטע פאַרטאָגן
בלאַנקעט ער, בלאַנקעט און זוכט די קאָמיוגנט.

אין רויכן פון שענקען, אין גלאַנץ פון וויטריגען
דרימלט אַ הארבסטיקער שטילער באַגינען.

אי. פעפער

וועבט

מיר
הויכע, האַרטע, פעסטע ווענט,
פאַרוורטיילטע הערן און שוימען..
טויזנטער,
טויזנטער יאָרן מיר זיינען געהאָרכזאַם געווען:
געהערט און באַנומען!..
און שווייגנדיק
אין זיך דעם מורמל פון דרויסן געשטיקט...
נאָר מער,
מער וועלן מיר שוין ניט שווייגן...
מיר הערן:
אַ שטייגן,
אַ גרייפן,
אַן אָפקלאַנג
פון שווערע,
פון שטייפע,
פון אייזערנע טריט...

ס׳גייט א גרויסער, א מעכטיקער,
אַלץ, וואָס ערשט נעכטן
געװערשט האָט,
ווי פעלז,
ווי גראַניט, —
פאלט פאר אים, קניט
מיט ציטער און גרויל...
— גיט אונז א מויל!
באקלעפּט און באַהענגט אונז
מיט מענגעס אַפישן, פּלאַקאַטן און בלעטער...
מיט זיי,
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גארגלען,
וועלן מיר שרייען:
מיר הערן —
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!..

א. קושניראָוו

עקראַן

הערט אויס!
דאָס רעדט מיט אייך איך —
עקראַן.
טאַשמעס פון סאמעט
און ראַמען געגילדטע
האָבן לאַנג מיך געהאלטן געפאַנגען.
באַצירטע מעכיצעס — ווענט און צאמען —
האָבן אונז שטענדיק געזונדערט,
און רוף מיינעם הערן

האָט מען פאַרביטן
מיט קרומע געשרייען פון שילדן...
היינט
האָב איך צו ווענט זיך געווענדעט:
— צעגייט זיך!
אויס דעכער,
אויס דילן!
באַפרייט מיר די רוימען...
אַהער...
אַלע קעפּ,
וואָס צוזאַמען דאָ שאַפן די יאָמען פון קעפּ.
פאַר אייך בין אַנטשטאַנען,
פאַר אייך בין געבוירן...
ברייטער די סטויפּעס אף מיטן פון פלעצער!
איבער שלונגען פון שלענגישע גאַסן שטעלט אויף
מיין באַלעמער...
מיין זוים וועט זיין — הימל!..
מיין רוים —
דער פילטויזנטער בליק פון האַמוין!..

א. קושניראָוו

אַזוי פאַרשניידט זיך וועג אין פעלדער...

1

אַזוי פאַרשניידט זיך וועג אין פעלדער,
אַזוי פאַרוואַקסט די ערד מיט טריט,
געטריי איז ביקס אין האַנט פון זעלנער,
געטריי איז נאַכט דעם טופּ פון טריט...

איין פינצטערניש פֿאַרקלעפּט אונז אַלע
און גראָוו איז יעדערנס שינעל;
לעוואָנע בויגט זיך שוין פֿאַר אַלטקייט
אויף הימלשן פֿאַרוויסטן פֿעלד.

איינע איז די שטים, וואָס מונטערט,
ווי דונער זעצט אַף דעק פֿון נאַכט;
אַ הונט אַ ווייטער האַלט זי אונטער
אַ הונט פֿאַרגייט זיך אין דער נאַכט...

און מיר אָן אויפהער גייען, גייען
און שיטן טריט אַף דאַרער ערד...
מיר וועלן אומעט דאָ פֿאַרזייען
וועט אויסוואַקסן אַ שאַרפֿע שווערד...

אַזוי פֿאַרשנײַדט זיך וועג אין פֿעלדער,
אַזוי פֿאַרוואַקסט די ערד מיט טריט.
געטריי איז ביקס אין האַנט פֿון זעלנער,
געטריי איז נאַכט דעם טופּ פֿון טריט...

2

נאַכט איז טיף און רעדט צו קיינעם,
גייט א מאַכנע אַפּן שליאַך,
און באַם זייט גייט ווער אליין אום
שלאָגט א וועג אויס אין דער נאַכט...

— העי, ווער גייט עס דאָרט אליין אום
מיט זיין בלינדקייט אַפּן שליאַך? —
עמעץ גייט מיט זעקל שטיינער
איין אליין אין מיטן נאַכט...

— בלינדער, בלינדער, וואָס באַגערסטו
אַף דעם אומעטיקן שליאַך?
נישט פאַר בלינדע איז באַשערט דאָ
זוכן וועגן אין דער נאַכט...

פון אנטקעגן ענטפערט קיינער,
בלינדער שווייגט ווי שטומער שליאך,
נאַכט איז טיף און רעדט צו קיינעם,
גייט א מאכנע אין דער נאַכט...

3

ווען ערשטע שמאָלע פאסן גרויען זיך
און טאָג צעיאָגט שוין ראָד נאָך ראָד
דערזעען מיר פון ווייט די טויערן,
פאַרקלעמטע טויערן פון שטאָט.

מיט אויגן צו דער שטאָט געווענדעטע
מיר וויזן אלע מיט דער האנט:
— אַף זיבן בערג ליגט אַ געשענדעטע
און קיינער דעקט ניט צו איר שאַנד!

ניין, נישט קיין קלאלע פאַר באדריקער דאָרט
און נישט קיין מורמלען אין דער שטיל,
נאָר פויסטן קרעפטיקע וואָס דריקן זיך
און ביקס געריכטעטע אין ציל...

פאַר זינד, פאַר היינטיקע און נעכטיקע,
פאַר אָפגעלעבטע לעבנס פיין,
מיר קומען זיך מיט אייך צערעכענען
באַ ערשטע שמאָלע פאַסן שיין...

4

אַף אַ פעלד פון שטילן האָבער
האָט געפייניקט אונז די רו...
יעדער האָט אַ גרוב געגראָבן
און געלייגט זיך אין דער גרוב...

איז דער באָדן קיל און ליימיק,
קלעפּט זיך ווי צו אונזער לייב...
— ערד, דו ערד, ביסט ליב און היימלעך
זאָלסט אונז היינט אַ מאַמע זיין!

אונזער גאָט איז שוין צעבראָכן,
טאַטעס קלייבן אים אין מיסט...
נאָר די אויגן זוכן, זוכן...
און אַ טפילה רינט אין ברוסט...

בעטן מיר דיך: מאַמע, מאַמע,
שטעלט אונז נישט אין לעצטער שאָ! —
וואַרף דיין לייב מיט אונז צוזאַמען
אַף דער שאָקלהאַפטיקער שטאָט!..

אַף דעם פעלד פון שטילן האָבער
ברענט שוין אויס די לעצטע רו... —
יעדער האָט אַ גרוב געגראָבן
איצטער וואַרט ער אין זיין גרוב...

5

אַז ס׳ליגן די קריגער
צעשפּרייט אַפן פעלד,
אַפן עלנטן פעלד,

זינגט יעדער אַ ניגן
פאַר ווייט און פאַר קעלט
און ס׳וואַקסן געזאַנגען
ווי פרום־גראָז באַם וועג,
איז ווער וועט זיי זאמלען
פאַר העלערע טעג?..

און רופט מען צום פייער
און שאַלט דער טרומייט,
דער שטרענגער טרומייט,
ווערט וועלט אַזוי טייער
אַף אַקסלען פון טויט
און ס׳ווילט זיך נאָך ליידן
און בויען אַ טרייסט,
איז ווער וועט פאַרשניידן
מיט שטאָלענעם פויסט?..

און וואַרפן זיך קריגער
אין פייער אריין,
אין פייער אריין,
ווערט ערד שוין פאַרשיקערט
פון בלוט, נישט פון ווייך
און ס׳שיטן זיך לייבער
ווי מיסט אַף דער ערד,
איז גוער וועט זיי קלייבן
פון ביקס און פון שווערד?..

6

אין בלוטיקע רויכן און שוימען,
אין שליידער פון פיס און פון הענט

איך כאַזער און כאַזער דיין נאָמען
און טראָג דיך אף וואַרעמע הענט...

פון קנאַלן און קנוילן אַף ראָגן,
דיין נאָמען, דיין נאָמען — אַגיי! —
דיין לעבן האָט היינט מיך פאַרשוואָרן:
אַן איידעס פון לעצטן פאַרגיין.

דאָס שלאַכטפעלד פון פעלדער איז צייטיק,
פאַרכאַסמעט איז מידער געשריי,
און טראָג איך אלץ ווייטער און ווייטער
דיין בלוטנדן קערפּער, אַגיי!

אין לופטן דער הילכיקער שוידער
פאַרטויבט מיר דיין צאַפּלדיק וואָרט,
איך גלעט זיי און גלעט דיינע גלידער
און קוש די צעפּאַטלטע האָר...

ווערסט מער שוין דאָ נישט פאַרזאמען,
דיין לעבן רינט אויס דורך די הענט,
איך כאַזער און כאַזער דיין נאָמען
און טראָג דיך אף וואַרעמע הענט...

7

מיט לעצטן גרוס פאַרנאַכטיקן
איז לאָמער טאָג אראָפּ אין טאָל...
דאָס פעלד טוט אָן זיך נאַכט-קליידער
און זוכט אַ שטיין פאַר מידן קאָפּ...

נאָך טאָג פון בלינדער זידעניש,
פון הייסן בלוט, וואָס קילט די ערד,
פאַרקלעמט אונז שוין די מידיקייט
און יעדער אייוועך איז אונז שווער.

און שווערער נאָך איז פינצטערניש
וואָס וואַקסט אין אונז ווי ווילדער וואלד . . .
און יעדער איבערוף פון מונטערקייט
צעשלאָגט זיך אָן דער נאַכט און פאַלט . . .

און נאַכט די נאכט וועט רעגענען
מיט פייער און מיט טויט . . .
וואָס זשע גייט ער אונז באַגעגענען
דער אומעט מיט זיין קאַלטער קייט ?

וואָס לייגט ער נאָך זיין האַנט אַף אונז
און בויערט אונז מיטן רויטן אויג ? . .
אָ, שאָ פון שווערער בלענדעניש ! —
אָ, וואַנט באַשריבענע פון טויט ! . .

8

געקומען איז דער טאָג — אַ גיבער
מיט גארבן פרייד און קלאָרע רייד,
און האָט געפונען אַלע קריגער
גרייט . . .

און אויפגעעפנט האָט זיך ערד־מויל
און הימלען לויטערע פאַרמאַכט,
און האָגלען וואָגלענען אַף ערדן :
שלאכט ! . . — —

אין ווילדן דונער פון הארמאטן,
אין ווייכן פאַל פון יונגן קאָפּ
וועט לעצטע שלאַכט אונז היינט געראָטן —
קלאַפּ ! . .

אויב בלוט — איז ביז דעם לעצטן טראָפּן
אויב אָטעם — ביזן לעצטן טראג,

און ליגט דער סוינע שוין צעטראָטן —
יאָג!...

און שטייפע טויערן שוין אויפגיין,
און אונזער גאַנג איז טראָט נאָך טראָט,
פון הינטן פעלדער מיט האַרוגים,
פאָרויס — די אויסגעלייזטע שטאָט...

מ. שאפירא

מינסקער בלאָטעס

ערשטער טייל

1

אַרום יעדער שטאָלצער גאַס — צו הונדערט שטילע געסלעך
מיט הייזלעך נידעריקע, ווי שעפסן אונטער באַרג...
ס׳האָט מינסק אָן זיי, אָן אַלעמען פאַרגעסן,
און אַלע וועגן פירן נאָר צום מאַרק...

און דאָ אין טיף, אין וואַרעמקייט פון בלאָטעס,
אין הייזלעך הילצערנע שוין אויסן שטאָט פאַרשאַרט,
גייט אויף א ווייטיק זאפטיק און געראָטן
און ס׳ציטערט אויף אַ פויסט אין יעדער קאַדיש האַרץ.

מע האָט דאָ ניט פאַרפלאַנצט קיין בוימער און קיין פאַרקן, —
שפּילט מען זיך דאָ הוליַנקע אין שטויב...
און ס׳גיסט זיך אָן א פויסט אַ יונגער און אַ שטאַרקער,
און ווען עס איז וועט ער אַ זעץ טאָן אין א שטויב.

ווען עס איז א האס אַ שפּאר טאָן דורכן זינען,
און שטרענג און שאַרף א שניט טאָן איבּער האַרץ...

— — — — — — — — — — —

שפּילן זיך די קינדערלעך, שפּילן זיך דאָ פּיניעס
און קייקלען זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד.

2

אין יעדער הייזעלע, אין יעדער קאמער
רעדט אַ ניי-מאַשין, א הובּל, צי א האַמער.
נאָך קליין איז דאָ, נאָך שטיל איז דאָ דער רויש פון די מאשינען,
נאָר יעדער איינער מידט זיך דאָך ביז נאַכט און פון באַגינען...
אין הייזלעך הילצערנע ווערן אומרואיק די גלידער,
אין הייזלעך הילצערנע ווערן אומרואיק די לידער...
באַם בויערן, באַם הובּלען, באַ דער דראַטווע, באַ דער נאָל, —
זינגט מען הויך און זאָגט מען הייס, און אַלע מיט אַמאָל:
— „אַי-אַי-אַי, — יאָשקע פאָרט אַוועק" — — —
לאָמיר זיך געזעגענען — דער פּאָיעזד גייט אַוועק"...
דורך טעג אַזוי, דורך נעכט אַזוי, דורך קיילעכדיקע וואָכן...
אַז וואו איז נויט און וואָס איז נויט באַ פּראָסטע באַלמעלאָכעס.

3

איז פּיניע דאָ געוואַקסן ניט געכאוועט.
ווי טויזנט אַנדערע פארלאָזן אונטער זון...
וואָס וויים אַ יונג פון אויסגעקרימטע געסלעך,
אויסער מאיסעס פאָרכטיקע פון „בּונד".

און שווערע טעג און נעכט אָן טאַטע-מאמע
מיט הארטן פויסט און עלנט אונטער קאָפּ —

נאָענט איז א שטאָט אַ ליכטיקע פאראנגען,
גייט אַהערצו קיינער ניט אַראָפּ.

מינסק — ווייסרוסישער פאַרקלערטער טרויער
מיט בעטלערישער אויסגעקרימטער האַנט,
פאַרוואָס איז דאָ באַ דיר אַף יעדן שטאלצן מויער
אַזוי פיל קעלערן פאַראַן...

4

איז גוט אַזוי אינמיטן נאַכט,
ווען הייזלעך ליגן שוין פאַרמאַטערט...
ארויסגיין שטיל, ארויסגיין שאַרף,
אין אַלטע אומרואיקע שמאטעס.

זיך לאָזן לויפן גיך־און־גיך,
אַ געסל נאָך אַ געסל,
און אָט — ביזטו, און אָט — בין איך,
און לאָמיר זיך פאַרגעסן.

אַ דאַיגע אונז, א דאיגע איצט, —
מיר דאַרפן איצטער לויפן...
און ס'שלאָגט א האס, און ס'שלאָגט אַ היץ
אין האַרץ און אין די שלייפן.

און אומדערוואַרט, און אומגעריכט
מיר בלייבן שטיין און — באַסטאַ!
— פאַרוואָס איז דאָ אַזויפיל ליכט
און יאָנטעוו אַף די גאַסן...

ס'איז העל און הויך דער הויכער מארק
און עטאָלצע זיינען מויערן —

— מויער, מויער, דו ביסט שטאַרק,
ביזוואַנען וועסטו דויערן...

און ס'פּליט אין שויב אַ שאַרפער שטיין:
— אַ גרוס אייך פון די בלאָטעס...

— — — — — — — — — — —

מע איילט צוריק, מע לויפט אַהיים,
עס איילט און ס'פּירט דער אָטעם...

5

אַף אַלטע קראָמען הענגען אַלטע שילדן,
נאָר מיט אַלדעסגוטס זיינען זיי זאט און פול.
— גיכער, — גיכער, — אַ מעציע פאַר אַ גילדן:
— ווער עס דאַרף און ווער עס וויל!

גרויס און הייס איז דאָ אַ גאַנצן טאָג די לייזונג,
קרעמער קומען און מיט דריי און מיט געשריי...
פּיניע, פּיניע, דאַרפסט איצט נייע הויזן? —
קראַנק ביסטו צו שלעפן זיך אַזוי...

אך, איז דאָ אין שויב אַזוי פיל גוטע זאַכן,
און אין מויל ווערט הונגעריק און זיס.
העי, ווער וויל דאָ וויינען, העי, ווער קען דאָ לאכן.
— ווייבער,
— ווייבער,
— א מעציע — פיש!

אַף אַלטע קראָמען הענגען אַלטע שילדן,
נאָר מיט אַלדעסגוטס זיינען זיי זאַט און פול.
אַך, וואו נעמט מען איצט אַ פּראָסטן גילדן,
מיט ברויט מיט וואַרעמען — אַ פולן מויל...

6

ס'איז פיניען גוט צו זיין א יונגער בלעכער,
הויך און הילכיק לאכן איבער דאך.
עס רייסט, עס ציט און ס'ווילט זיך הויך און העכער,
אַהין, וואו עס רוט דער טאָג, אַהין, וואו עס רוט די נאכט...

שוין הייס די בלעך און פייכט איז נאָך דער הימל,
די זון איז נאָענט: נעם און כאַפּ זי אָן...
און אונטן דאָרטן דרייט שוין א געווימל.
שילדן קרעכצן און אומרו הויבט זיך אָן.

קרעמער, אייל זיך, ווי קליינע פלינקע פייערן,
הערצער רייסן זיך און ס'פלאפלען הענט...
פאַרווילט זיך דאָס אזוי פון טיפן הארץ א שפּיי טאָן:
— אַי, ווערט פארשוואונדן און פאַרברענט!

ס'איז פיניען גוט מיט הילכיקן געלעכטער,
לאַכן — לאַכן הילכיק איבער שטאָט.
עס רייסט, עס זינגט און ס'הילכן לייכטע בלעכן
און טיף אין הארצן שטראַמט און שטראַמט...

7

שוין קיל די בלעך און שטיל איז שוין דער הימל.
אַלע שטערן זיינען רואיק פייכט.
טראָגט זיך איבער דאך אַן אָוונטיקער הימן
און אַלע הערצער ווערן קוועלנדיק און רייך...

מע האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט — ביז נאַכט און פון באגינען,
זיצט מען איצטער אף די בלעכן מיד...

זינגט דער פעטער פיניע זיין פלימעניק פיניען
יעדער אָוונט, יעדער נאכט א ליד.

— — — — — — — — — — —

— „...איצטער לעבן זיי אין קייטן און אין שניי,
איצטער זיינען זיי שוין ווייט אזוי,
אך, איז דאָך א צייט אזאַ געוועזן —
אין וואַרשטאַטן האָט געפיבערט און געוועקט...
שטרייק, — און בלוט, — און פרייד פון מארסעליעזע,
אַז וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו, שנעק:

האָט מען זיי אַלעמען אזעלכע האסטיק־הייסע
גענומען און פאַרוואָרפן קיין סיביר,
ווען, אָ ווען, וועט מען אַ נעם טאָן אָט דעם קייסער
און שווערערהייט א בראָך טאָן דורכן טיר...

און גרינג, און גיך א נעם־טאָן יענע ברידער.
גרינג און גיך אַ טראָג־טאָן ביז אַהער”.

— — — — — — — — — — —

יעדער אָוונט זינגט דער פעטער פיניען לידער,
יעדער אָוונט ווערט דער דאַך פאַרקלערט...

8

און אַלע נאַכט אַף שטילקייט פון געלעגער
דערהער איך שטיל, אַזוי ווי דורך אַ ווינט, —
ס׳קלאגן קייטן עלנט אף די וועגן,
און זיי, פארווייטע, קוקן שטיל אף מיר...

אַזעלכע הויכע קרעפטיקע און ווייטע,
ס׳מוז יעדערער פון זיי דאָך זיין א ריז,
ווען כ׳קען כאָטש איינמאָל נאָר אַ קוק טאָן פון דערווייטן
און שטילערהייט אַ זאָג טאָן זיי: איך גריס...

נאָר סיביר איז ווייט, ווייט אזוי פונדאנען
און אונזער גרוס פאַרלירט זיך און פאַרפרירט...
מיר ווייסן: ס׳איז באַם קייסער א לאנד אזא פאראנען,
רופט מען זי — פארווייעטע סיביר.

צווייטער טייל

1

גייט אַרויס אַ האסטיקער דעקרעט
מיט ווערטער זיכערע, ווי פיילן, —
פון פרי ביז שפעט, פון פרי — ביז שפעט
איר דארפט שוין, קרעמער, זיך ניט איילן...

גיט אַ קוק מיט שטומען בליק:
דער מארק פארציט זיך אין א זשאַווער.
ס׳איז יעדער טאָג — א באָלשעוויק,
און יעדער באָלשעוויק — א כאַוער...

און מיר, אָט די פון נויט און וויי,
פון אַלטע שטילע געסלעך,
מיר וועלן אייך, ווי פוילע שטרוי,
צעטרעטן — און פאַרגעסן...

2

מיר, — גאַנצע געסלעך מיט פיניעס —
צו אלץ און צו גאָרניט געוואוינט,
מיר קלייבן אין הארצן א סינע,
און ס׳איז האס אונזער שטענדיקער ברויט.

אָי, ס׳איז גוט, אלץ איז גוט און צום גוטן,
וואָס דער ווייטיק צעוויגט זיך און שרייט...
ס׳ווערט געדיכטער און הייס אין די בלוטן,
און די הענט ווערן האַריק און שטייף...

שווערע טעג, שווערע יאָרן פון הונגער —
מיט ברידער, מיט פרייד און מיט לייז,
נו, צענעמט און דערהויכט אונזער יוגנט,
נאט — צענעמט, און צעלויכט, און צערייסט.

נאָר ס׳מוז זיין! און די צייט איז געקומען
אין שטורם, אין ליבשאַפט און בלוט.
מיר שטייען און הויבן דעם אומרו:
— ביזדאנען, — אראָפּ — און גענוג!

3

ס׳איז גוט אזוי, ס׳איז הייס אזוי
מיט שווערע שטיוול אף גארדינען,
ס׳איז גוט אזוי,
ס׳איז הייס אזוי,
מיט שווערע שטיוול איבער זאַל...
און יעדער אָוונט זינגט מען דאָ האסטיקע „דובינושקע”,
און יעדן טאָג, און יעדער נאַכט — דעם אינטערנאציאָנאל.

פון הויכן דאַך — ביז ווייכן דיל
איז איצט צעלייגט דאָ אונזער וואוינונג.
און ווער עס דאַרף, און ווער עס וויל,
פון הויכן דאַך — ביז ווייכן דיל...
די גאַנצע וועלט איז אונזער וואוינונג.

4

און ווען דאָס לאנד האט זיך צעברודעט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אָטעם, —

האָט זיך צעטראָגן דאָן אַן איילִיקער דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסק מיט אירע בלאָטעס...

יעדערער פון אונז — מיט אומרואיקן ווייטיק,
אין וועמעס לעבן עס האָט ארבעט שטרענג געשטראָמט..
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אַף אריין אין סאָוונאַרקאָם!
יעדער איינער — איז אצינד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאמען און פאַרייניקט — — — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און — עס לעבט — — — !

5

אין יענעם יאָר האָט קיינער ניט גערעכנט,
ווער ס'וועט בלייבן און ווער עס דארף פאַרגיין,
מען איז געוואָרן שטרענג, און אומרואיק און העכער,
און קיינער האָט זיך ניט דערקענט אליין...

אפן יעדן ראָג פלאַקאַטן און אַפישן,
אין יעדער הויז ברענט הונגעריק דער טויט.
און קיינער ווייס ניט, קיינער קען ניט וויסן —
וואָס איז בעסער: קאַמפער אָדער ברויט...

און שלאָגט אין קאָפּ א היץ — וועט מען די היץ ניט מעסטן,
אלציינס, אלציינס: עס וואַרט דער טויט אין טיר,
און ס'ציט אזוי אין גאַס, און ס'ציט אזוי צו מענטשן,
זאָל זיין פאַרמאַטערטע אין הונגער און אין טיף...

ווי קען מען נעמען איצט א לעבן און פארשטיקן,
ארײַנהאקן, פארשפּאַרן אין פיר ווענט...
עס גייט דער פּויל,
עס גייט דעניקין
געשמאק און הונגעריק האט זיך א לאנד צעברענט!

6

אַ לעצטע ברעט פון לעצטן פּלויט
האט אונז די אייוועלע דערוואַרעמט...
איז גוט אצינד — א שטיקל ברויט
איז אונז פארבליבן היינט פון וואַרעמעס.

ברענט אין רויך א דאַרער קנויט
און וועט נאָך ציען ביז באַגינען...
יונגערהייט און שטרענגערהייט
מע טאָר ניט שלאָפן ביז באַגינען.

אף יעדער ראָג, אף יעדער גאַס,
א שווערער אומרו וואַרט און וואַכט שוין,
עס רייסט, עס שלאָגט אף אונז מיט האַס
פון שווארצן יאַם ביז איבער וואַרשע.

7

וויקלט זיך א שטאָט אין אומרו און אין שווארצן,
אלע שויבן זײַנען היינט פארדעקט...
קלאַפּט א שרעק און וויגט זיך אום אין הארצן,
ס׳האָט אף שטאָט זיך אָנגערוקט א שרעק.

א גאַנצן טאָג האט זיך א לעצטער צוג געראַנגלט
און אָפּגעגאַנגען מיד נאָך אָרשע און סמאָלענסק,

שטיקט זיך איצט די שטאָט מיט אומרואיקע קלאנגען:
ווען מעס איז מען און אין ווען מעס הענט?

ווידער קען דער סוינע מאָרגן קומען,
ווידער „כלאָפּ“ און „פּסיאַ - קרעוו“,
אומרו, אומרו, אומרואיקער אומרו,
ס'וועט די שטאָט ניט אויסהאלטן די שרעק...

8

האָט מינסק אַוועקגעשיקט א צוג מיט הייסע יונגען,
האָט פּיניע אויך צווישן זיי געבערענט...
ס'האָט הינטער זיי קיין מארשן קיינער ניט געזונגען
און ניט געפּאָכט מיט יאנטעוודיקע הענט.

צו גרויס, צו גרויס איז אַפן פראָנט דער אומרו,
און ס'קען דער הימל פּלאַצן איבער מינסק...
און אויב מען דאַרף — וועט מען צוריק ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלייבן אונטער ביקס...

9

ווייס שוין פּיניע ניט, די וויפלסטע מעסלעס
האָט ער דעם שלאָף אין זאָטל שווער באַגעגנט,
דורך ווינט, דורך רויך — פאַרמאטערט און פארנעצט,
דורך ווינט,
דורך רויך
און זומערדיקע רעגנס.

ווערט שטיל אין פעלד. עס קלאפּן טלאָ נאָך טלאָ,
דער הייסער פערד גייט רואיקער אין אָווגט...
און ס'איז קיין ברויט ניטאָ, און ס'איז קיין היי ניטאָ, —
וואָלט ערגעץ כאָטש אַ דערפעלע זיין נאָנט.

ליגן דערפעלעך פארוואַרפענע אין שרעק,
און כוטאָרן פארברענטע און פארמאכטע.
אלע יונגען זיינען שטרענג אוועק
מיט קויל, —
אַף פויל, אַף פריצים און אַף שליאכטע.

ערגעץ צו אַ כוטאָר וועט ער שטיל אַראָפּ,
מידערהייט אַ קלאַפּ טאָן אין אַ טויער:
— העי, כאווײרים — ברידער, עפנט אָף, —
— אָן אייגענער — אַ רויטארמייער...

10

ניט קיין העלדן, ניט קיין האָריקע גיבוירים,
האָבן זיך דאָ ביינערדיק פארקלערט...
יונגע יונגען מיט יונגע אויגן
וויגן זיך פארמאטערט אַף די פערד...

ס׳איז איצטער שטיל, די נאכט איז פול מיט זומער,
מיט סאָסנע-וואַלד, מיט האָניק און מיט פעך.
ווער ווייס, און עפשער וועט מען שוין צוריק ניט קומען,
ס׳איז וואַרשע ווייט
— ברידער, עך!

לאָמיר זינגען, זאָל די נאַכט איצט פּלאַצן,
ס׳איז שטיל אַזוי, ס,איז שווער אַזוי!
— און הארטע טלאָען האקן זיך און האַקן
מיט יונגן פייף, מיט פאָך און געשריי...

און זאָל מען הערן, זאָל דער סוינע קומען
און מעסטן זיך דאָ שפּיז אָן שפּיז.
די נאכט איז הייס, די נאַכט איז פול מיט אומרו
און אומרו שרייט פון קאָפּ און ביז די פיס.

11

איבער דער בעריאָזע הענגט אַ שטרענגער בריק,
איילן עשאלאָנען, איילן איבער בריק.

און ווען דער לעצטער רייטער וועט דורכשניידן געשווינד
און שטרענגערהייט אַ זאָג טאָן: נו, כאַווײרים, צינד!

וועט דאַן דער בריק א בראָך טאָן, אַ פּאָך טאָן מיט די הענט
אַ בריק איז דאָ געהאנגען, געווען און ניט געווען.

וועט מינסק דאַן ווערן נעענטער, ס'איז ווער אַהין אריין,
— מינסק מיר וועלן קומען, מיר וועלן וו'דער זיין!..

12

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער ווייסרוסישע
ווער וועט היינט האלטן די וואַך?
— ס'וועלן היינט הערצער מיט פייער צעקושן זיך, —
היינט, אין א בלוילעכער נאַכט...

שטילער, פאַרמאטערטע, רואיקע, טייערע,
ווער וועט פארהיטן די רו?
ס'וועלן היינט ווינטן און רואיקע פייערן
שטיל מיט אייך ריידן אַף דו...

און ווער וועט היינט פאַלן, — וועט מוזן פאַרגעסן
אַ פאַרלאָשענעם קאָפּ אַפן ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך,
היים, — אונזער בלוטיקער מינסק...

איזי כאריק

טריפּאָליע

1

פֿאַראַן איז אַ שטעטל לעבן קיעוו — טריפּאָליע,
דאָרטן האָבן סטוגנע און קראַסנע זיך ברודערש געשלאָסן אין פֿליסן.
האָט עס אויסוואָורפֿן פֿיל בעראָש מיט דאַניעל טערפּילאָ,
גייען אויסוואָורפֿן — גאַזלענען, ברענען און שיסן.

הייסט טערפּילאָ — זעלענע: אַטאַמאַן דו זעלענע!
איז מוזיקאַ זיין פֿריינט — אַ גראָבער מעגושעמער פֿויער.
אַטאַמאַן וויל די פֿרייע אוקראַינער פֿעלדער פֿאַרשווענדן,
און אויף קיעוו און אויף גרויסע און אויף אַנדערע שטעט נאָך געלויערט.

*

וואָס וועט זאָגן קאָמיוג? וואָס וועלן טאַינען די ליכטיקע יונגען?
האָט אָנגעהויבן ראַטמאַנסקי דער עלטסטער און שענסטער:
— לאָמיר גיין באַלאַדן מיט ביקס און מיט וואָרט זיך דערקלינגען
און באַשיינען דעם דאָרפֿישן שרעקלעכן פֿינצטער.

זיינען ווערטער געפֿאַלן, ווי גרויסע און פֿייעריקע בלייערס,
האָבן ווערטער געקלונגען — אַן אייזערנע ריזיקע ווענדונג.
זיינען קאָמיוגישע הערצער צעפֿלאַמט און צעפֿייערט:
וועלן זיי גיין, וועלן זיי גיין אויף זעלענען.

2

אין קלוב

אין קלוב אויף פּאָדאָל
אַ שטאַרקער, אַ זוניקער טאָג.

.1919
יוני.
ס'איז רוישיק, ס'איז הייס,
און ס'איז ענג אין דעם צימער.
אַרבעטער - יונגען און אַרבעטער - מיידלעך —
קאָמיוג,
דער גאַנצער קאָמיוג איז געקומען.
אָט שטייט אין א ווינקל פּאָלאָנסקי,
גוזענקאָ — פארקלערט לעבן אים.
סע פלאַקערט אין רעדעס אראָנסקי,
אַ טומל, אַ זשום.
און אַנדערע, אנדערע
ליכטיקע פרייע,
און מאַמעס בא טירן
און טאַטעס און שוועסטער און ברידער.
ווער טאַטעס, ווער מאַמעס?
— זאָלן זיי גיין אַהיים.
קאָמיוג, קאָמיוג איז באלאדן מיט שטערן,
מיט רויטן,
מיט ביקס און באוואוסטזיין.
אָט שטייט אף דער בימע ראַטמאַנסקי,
אַ רעדע.
אַ לאָזונג.
פארנאַכט...
מע גרייט זיך,
מע קלויבט זיך אין וועג
אַקעגן דער באַנדע
פאַר פויערים אין ארבעטער - מאַכט.
געגאַנגען, געגאַנגען
אַף שווערן געראַנגל
אַרויס פון דער שטאָט.

*

ס׳איז זעלענע שרעקלעך, האָט ער ראָצכים כאַיעל
אונטער קיעוו, אונטער שיינעם. לעבן שפּילנדיקן דניעפּר.
האָט עס יונגען אָנגעצונדן מיט נעקאָמעריקן פייער
און צעוואָרפן פונקן אין די פּופּטערדיקע קעפּ.

ווערן יונגען ווילדער, גייען יונגען אומצוקומען,
ס׳איז זעלענע שרעקלעך און זיין כאַיעל שטאַרק.
אַפן דניעפּר שווימט א וואונדער־שיינער זומער,
עדער האַרץ פון יונג איז גרייט און וואַרט.

*

יוני כוידעש אף טריפּאָליע פּלאַטערט,
ליגן איינוואוינער פאַרשלאָסן אין די כאַטעס,
בלאָווער זומער אַפן שטעטל גיסט זיך,
קומען אָן פון נאָענט שוואַרצע גרוסן...
אַלע רייכע פּויערים אַנטלויפן צו זעלענען,
און דער דניעפּר אלץ העלער, און דער דניעפּר אלץ שענער.
זיינען נאָר געבליבן יידן און באַטראַקעס.
יוני כוידעש אַף די פעלדער פלאַקערט,
יוני כוידעש אין די בערג צעפלאַמט זיך,
איילן יונגען פון דעם שטעטל, ראָצכים אויסצוראָמען.
יאָגט דער יוני א צעפּאַליעטער, צעבליטער,
אוי, סע גרייט זיך, סע וועט זיין א גרויסע שכיטע!

3

פּאַראַט

באַ טריפּאָליע שטייען אוראַלטע קורגאַנען,
און די בערג דאָרט קוקן אויס, ווי גראָווע זקיינים,

מע קאָן דאָ הערן דניעפּרס וואסערשע געזאַנגען,
איןווילדע נעכט צו הערן זיינע רופנדע געוויינען.

ס'וועט קיינמאָל קיינער ניט קיין פוס דאָ שטעלן.
אַף זומער פלאַכעס פון טריפּאָליער געגנט,
ווען דניעפּר האָט העל געקלונגען מיט די וועלן,
איז געגאַנגען אַטאַמאַן דאָ עמיצן באַגעגענען.

און געטראָפן האָט ער דאָ דעם ראָש פון רויטארמייער
ביידע שפּאַנען אין דער נאַכט אַף הויכע ברעגן,
קיינער דאַרף ניט וויסן, אַז געטראָפן האָט מען זיך אין צווייען
זיך געדונגען, און געטאַינעט, און געפינקלט מיט די אויגן.

יאָגט די נאַכט אַף בערג מיט זומערדיקן אָטעם,
און דער דניעפּר צעגיסט זיך מיט א צאַפּלען אַף דער געגנט.
— זאָל זיך אָנהויבן פון דאָרטן, — האָט דער ראָש געראָטן,
און פארעטעריש געוויזן אַף די קעגנדיקע ברעגן.

4

אָ נ פ אַ ל

קומט באַגינען מיט זון און מיט זילבער אַף וואָלקן,
זיינען באַנדיטן אין בערג און אין טאָלן באַהאלטן,
ווערן זילבערער וואָלקן, ווערן וואָלקן שוין העלער,
סע קריכן, סע גרייפן און שטייגן זעלענער.
זיינען יונגען צעשטעלט אין אָרעמע פויערשע הייזער,
און הינטער דעם שטעטל קלינגט שווערד מיט פארזשאַווערטן אייזן
האָבן יונגען פארגלויבטע פארלאָזט זיך אַף עלצטע, —
אין פויערשע שטיבלעך זיינען אָפן די פענסטער;
קריכן אום די זעלענער אין טאָלן, אין בערג אָנגעלאָדן,
האָבן ניט פויערשע שטיבלעך קיין לאָדן.
ליגן יונגען געצוויקלט אין רו און אין דרימל, —

ס'איז שוין זעלענע הינטער שטעטל געקומען.
אין פֿויערשע הייזלעך שווייגן די ווענט,
זיינען יונגען געכאַפּט און פֿאַרקלעמט.
ס'איז די באַנדע, פֿאַרלאָפֿן מיט כאַשכעס און טומל,
און קאָמיוג ליגט געצוויקלט אין רו און אין דרימל.
זיינען רייטער פֿאַרבּרוינטע פֿאַרלאָפֿן מיט ביקסן אַף פֿערד,
איז געפֿאַלן דער הימל צו דר'ערד . . .

*

איז געגאַנגען אַ נאַכט אין כאַשכעס, אין אומרו,
איז געקומען א נאַכט פֿאַר די יונגען מיט בלוטיקן צאָרן —
ס'האָט נאָך קיינמאָל אזוי ניט גענעכטיקט דער זומער
פֿאַר אַלע זייגע לאַנגע זומעריקע יאָרן.

האָט מען ליכטיקע יונגען פֿאַרטריבּן אין קויטיקע שטאַלן,
האָבּן יונגען געבּלוט און דערהויבּן געליטן,
פֿון דער הויך האָבּן אָנגעהויבּן שטערן זיך שיילן און פֿאַלן
מיט שטילן מיט שטיענדיקן שטערנישן ציטער.

דאָס האָט גאזלען זעלענע מיט אויסוואורפֿן וויסטע
אף שאַנד און אַף שפּאָט הער געבּראַכט אָט די יונגען מיט זאַקרויב.
וועט ער מיימיסן זשידעס און וועט שינדן קאָמוניסטן,
ס'האָט זעלענע דער רויצייעך זיך צעבּושעוועט, צעפּלאַקערט.

רינט נאָך בּלוט אין דעם זעלענען פֿון זיין זיידן גאָנטע קאָזאַק,
מיט זיין גלייכן סטרוק, מאַרוסיע, סאָקאָלאָווסקע און אַנגעל.
אוי, ס'וועט נאָך טרעפֿן דיך, רויצייעך, א וויסטער און א פֿינצטער מאַזל
פֿאַר דיין ווילדן, פֿאַר דיין סטעפּישן געראַנגל.

איז די נאַכט א פארפלאַמטע — אַזוי ווי געקומען — אַוועק
אַף די סטעפּעס.
ווער קאָן דערציילן פון ווייטאָקן יונגע אין בלוטיקן זומער.
ס'האָט צווישן די בערג זיך געהוידעט דער בייזער, דער
אוראַלטער דניעפּר
און שווארצער געשלונגען די שטערן פון הימל.

5

ראטמאַנסקיס טויט

אַף יעדער הייזל איז אָנגערוקט איבער אויערן
אַ שטרויענער דאַך, ווי אַ יאָלעב אַ גרויסער.
ס'האָט נאָך ניט אויפגעהערט סוינע צו לויערן
און צעשאָסן — צעבויערטן דרויסן.

ווילן הינטערשטעליק יונגען ניט בלייבן:
אַ צענדליקל ביקסן נאָך שיסן.
זעלנער ניט קאָנען די יונגע צעטרייבן —
זעלנע און קאָמיוגיסטן!

אָט זיינען געפאַלן פון צענדליק דעם לעצטן,
זעלנע איז שטארקער, זעלנער צעטרייבן!
ס'וועלן נאָך פּרוואון זיך יונגען מיט קויכעס פארמעסטן
ביז וואַנען דער לעצטער וועט בלייבן.

פון יאַרן, פון טאָלן, פון טיפן, פון בערג און פון הויכן
זעלנער, ווי בלעטער, באַנדיטן זיך שיטן:
סע ברענגען יונגען אויס די שענסטע קויכעס
מיט דעם יוגנטלעכן און פארגלויבטן ציטער.

גיבן יונגען זיך ניט אונטער, זיינען יונגען ניט קיין שפּעטנע.
און טריפּאָליע פלאַקערט אין א העלער סרייפע,
אָט אָ דאָרטן, דאָרטן אַפן ווילדן דניעפּר
נעמען אָוונט־וואָלקנס אין גאַלאָפּ צו לויפן.

צווישן לעצטע איז ראַטמאַנסקי נאָך פארבליבן,
גרייפן סאָנים אף דעם אַקשן, אַפן דרייסטן,
וואלטן סאָנים אים אַף שטויב צעריבן,
ווילן סאָנים אים צעשינדן און צעשטויסן.

איז ראַטמאַנסקי פון די גרויסע פון די שיינע קאָמונאַרן,
דולער ווילדעווען און פלאַקערן די סאָנים.
ס'קאָן דער יונג א לעבעדיקער מער ניט אַרן,
און געשאָסן זיך אליין... אין פּאָנים...

וועלן בערג זיך לאַנג דאָ שווארצן און זיך גראָוון,
און טריפּאָליע וועט פארגיין אין א שווייגן,
וועט געדענקען לאַנג דער דניעפּר אָט דעם זומער־אָוונט,
אָט דעם אָוונט אפן דניעפּר אָנגעבויגן.

6

דער טויט פון א קאָמסאָמאָליעץ

ס'האָט אַ ווינט־מיל געוויינט מיט די פליגל,
און געדרייט זיך אף סטאַם און אף פוסט.
באם שליאַך איז א באָכער געלעגן
מיט אַן אונטערגעשאָסענעם פוס.

אין בלוי האָט מיט קוילן גערעגנט,
דער בלוי איז מיט רויך פארשטאָפּט,

סע פירן דאָ בלאָטיקע וועגן
צו גרויסער, פארויכערטער שטאָט.

האָט באָכער געצויגן, געצויגן
און שליאַכן געמאָסטן מיט וויי.
סע ווייסן קאָמיוגישע אויגן,
אַז זיי מוזן מיט שטארבן פארגיין.

און געקלונגען האָט ווינט-מיל מיט פליגל,
און געדרייט זיך אף סטאַם און אַף פוסט,
ס'איז דער קאָמיוגיסט א טויטער געלעגן
מיטן אונטערגעשאָסענעם פוס.

סע וואַלגערט אַף שליאַך זיך פארזשאַווערט
די שווערע פארלאָזענע ביקס. —
דער טרייערסטער ליכטיקסטער כאַווער
פון באָכער מיט בלאָטיקן פוס.

7

Тиха украинская ночь...

Пушкин.

שטייען בערג מיט פאַריסענע קעפ,
און פון וויטן טריפּאָליע פאַרסאַרפּעט.
אַף גראָוון צעהוידעטן דניעפּר
פאַלן שטראלן פון לעוואָנע היינט שאַרפּער.

איז ניט שטיל, איז ניט שטיל היינט די נאַכט,
נאָר די לופט איז העלער און ליטערער.
אף הויכן אף בארגישן דאַך
האָבן שאָטנס זיך שווארצע געהוידעט.

וואָס זשע הוידעט זיך דאָרט אפן פעלד
אין אזא העלן קרישטאָלענעם אָוונט?
ס'האָט דעם דניעפּר געוואָרגן אין האַלדז,
אָט דעם אלטן, דעם שיינעם, דעם בלאָוון.

וואָס זשע טוט עס דעם דניעפּר אַ וואַרג
און א קלונג און אַ שאָס און אַ ציטער?
פון דעם הויכן דעם פעלזיקן באַרג
האָט געצויגן מיט בלוט און רעציכע.

וואָס זשע טוט עס אַ שאָס און אַ קלונג
און פון וויטן אַ צאַפּלען און רופן?
דאָס טוט פאַלן אַ יונג נאָך אַ יונג,
געבונדענע צענדליקער גופים.

איז געלאָפן די נאַכט און געוואַרט
אַף גרינעם פאַרטאָגישן קומען.
אַף העכסטן אַף פעלזיקן באַרג
האָט שוין שטערן פאַרלוירן דעם הימל.

8

בלוטיקער שטערן

די לעצטע קאָמיוגיסטקע, נאָך איינע
אַ קאָמיוגיסטקע איז שטייפער פון שטאָל.
באַם דניעפּר צווישן פעלזיקע שטיינער
איז פאַראַן א טיפער טאָל.

געווען זיינען מיידלעך זיבן,
זיינען אלע געפאלן פון שווערד;

די איינע איז נאָר פאַרבליבן
האָט פאַרטראָגן דער שלאַכט זי אַהער.

איז קאָמיוגיסטקע געלאָפן, געלאָפן
צווישן פעלזן באַם ברעג פון דניעפּר.
פון ווייטן הילכט נאָך א קלאַפּן,
פון ווייטן קלינגען נאָך קלעפּ.

האָבן אויגן זיך אירע געצינדן,
אין דער האַנט האָט נאַגאַן געבריט,
סע נאָגן די שווערע וואונדן,
און סע פלאַמען אין ווייטאָק די טריט.

קאָמיוגיסטקע פאלט. זי איז פאַרמאַטערט.
מיט צעלאָזענע שוואַרצע צעפּ,
האָט ווינט זייער ציטעריקן פלאַטער
פאַרטראָגן אף ווילדן דניעפּר.

קאָמיוגיסטקעס קני זיך פאַרבויגן,
קאָם וואָס זי טוט זיך א שלעפּ.
אַף ליכטיק־דערהויבענע אויגן
צעפאַלן זיך פאַסעקלעך צעפּ.

פאַלן צו שוין איר וויעס מידע
און שטאַרקער פאַרבויגן זיך קני.
און פלוצים... טריט... אַ געדרודער...
... אין מויעך א בליץ און א ברי...

פון ערגעץ שיקערע זעלענער
וואקסן אויס אַזוי ווי אַ בארג.
קאָמיוגיסטקעס אויגן ברענען
און העכער קלאפּט איר דאס הארץ

קוועלן די שיקערע זעלענער:
— אַהאַ, קאָמסאָמאָלקא, דיווּס! *)
אירע אויגן צינדן זיך שענער,
נאָך בלייערנער זיינען די פיס.

ס'קאָן שוין די האנט ניט שיסן,
שליסן די וויעס זיך מיד.
לאכן באנדיטן וויסטער
און פארגיכן די שיקערע טריט.

שטייען זעלענער און טראַכטן,
און שיקרעס פארגיסט זיי די קעפּ.
שטייען באנדיטן און לאַכן,
און קוקן אַף ווילדן דניעפּר.

נעמען באנדיטן און רייסן
קליידער אַראָפּ פון איר לייב.
אַ מעסער בלאנקט און ווייסט זיך
בא איינעם אין האנט פון די לייט.

האָט מעסער אַף פּלייצע געשניטן,
פינף שפּיצן געשינדן געטריי.
אַ שטערן פון יונגע געבלוטן —
אַ שטאַמפּ אַף קאָמיוגישן לייב.

אַפן טייך האבן כוואליעס געציטערט,
און אַף שלינג אַף דעם שווערן געוואַרט,
ווי א שטילער אן אייביקער היטער
געקוקט אַפן פעלזיקן באָרג.

*) זע נאר, א קאָמיוגיסטקע.

האט גוף זיך געהוידעט, געהוידעט . . .
און דער בלוטיקער שטערן נאָך שיינט
פון שוואַרצן, פון שטיינערנעם שוידער
אין נאָענטן בלוטיקן היינט.

א. קאַהאַן

צום ביינטן יאַנוואַר

אַף רויביקע ערדן
פון הילכיקע שלאַכטן און רוישיקע נעכט,
היינט גייט מען שוין מער ניט אָן פאָנען, אָן שווערדן
ווי קנעכט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
צו טויערן הויכע מיט שטילן געבעט,
אַף פעלדער פון וועלפישע טויבע געוויינען
צערוישן זיך שטעט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
מיט גלויביקע אויגן צו הימל געווענדט,
און מויערן וואַקסן פון שטאָל און פון שטיינער
פון אונזערע הענט.

העי, פיטערשע וועגן,
און ברייטער און רוסישער טאָל,
מיר האָבן די פיינט אַף די פעלדער באַגעגנט
און האָבן פאַר אלעס באַצאָלט.

אי. פעפער

דער טריבון

ווי גראָבער שטאַם פון דעמבעס מעכטיקע און ברייטע,
וואָס זיידעס האָבן לאַנג אף זאַמל-פּלאַץ געהיט,
צווישן אונז א שטאָלצער אַקשן שטייט ער,
מיט אומבאַוואוסטער קראַפט אין זיך פאַרקניפט.

ער איז געוואַקסן זיך אף ענגע ראָגן,
אין געגנט ברודיקן, פאַראָסטעטן מיט אומרעכט,
וואו מענטש מיט פלוך געטראָגן האָט זיין קנעכטשאַפט,
פאַרשפאַרט אין טפיסע פון פאַרעלטערטע מינאָגים.

אין שווערער לופט פון טויטנדיקער אַרבעט, —
פלייצעס טיף געבויגענע, פּעני‌מער פון פאַרמעט,
און ס'טרעט ניט אָפּ די נויט פון דאַנען...
דאָס דויערט אַזוי לאַנג! און דויערט נאָך — ביז וואַנען!

און אָט — זיין שפרונג אין וועלט פון שטורעם און פון שטרייט
ווען פאָלק, פון צוימען פון אוראַלטע באַפרייט,
האָט פויסטן אויסגעשטעלט דעם גוירל אין געזיכט
און האָט פאַסאַדן גאָלדענע צעשמעטערט און פאַרניכט —
האָט שטיינערדיקן מאַבל אויסגעמישט מיט צאָרן,
לעשנדיק אין פענסטער דעם אָפּשיין פון די פייערן,
און האָט מיט גאָלד פאַרשאָטן טראָטואַרן!

זיין וואָרט איז דורכגעזאַפּט מיט בלוט,
אַ בינטל שלאַנגען גיפטיקע, איינס אף איינס צעדרייצט
זיין צאָרן, ליבע, פלאַם און גלוט,
רינג אין רינג פאַרינגלט דאָרשטיק
אַרום זיין אידעאַל פאַרקרויזט!
און ס'איז זיין אומרואיק געדאַנק,

ווי שווערדן - בלאַנק,
אינגאַנצן אויסגעשמידט פון ליידנשאַפט און ווילן!
זיין וועגדונג — ברויזנדיקער שטורעם,
וואָס וואַרפט אין הערצער פייערדיקע טרוימען,
ווי זייאונג בלוטיקע פון הימלען,
ווי ערשטער טוי אף פרילינגדיקע זוימען!
און הערשער איז געוואָרן ער פון פייערלעכן וואַנזין.
ער שטייגט און שטייגט אלץ העכער, אַלץ פאָרויס.
זיין קראַפט צעוואַקסט אַף גאַנצן לאַנד זיך,
ער האָט אַליין פאַרגעסן, וואו ער לאָזט זיך אויס!

ווי ס'וואָלט די גאַנצע וועלט אַף קומען זיינעם זיך געגרייט
מיט אים צוזאַמען אלע הערצער פלאַטערן פאַר פרייד;
ער איז — פאַרניכטונג, צאָרן, גרויל און טויט,
ער איז — רו און פרידן, קראַפט און פרייד;
אין אים — פון ווילן פון איינזאַמען דער סאָד,
וואָס שמידט די האַמערן פון גרויסן טאַט, —
און יענער שטאָלץ, וואָס ווייסן נאָר געציילטע,
מיט בלוט פון אייביקייט אין אים פאַרהוילן איז!

און אָט איז ער באַם סלוף, צום שיידוועג פון דער וועלט
געקומען,
וואו אַלטער וועג מיט נייעם איז צעשניטן,
אַהין, וואו יונגע זוכער האָבן שפאַנען זיך גענומען,
צום אומבאַוואוסטן אויפגאַנג פון פרילינג רויט צעבליטן!

און גרויס איז ער מיט דעם, ער גיט זיך אָפּ דעם ווילן,
מיט גאָר זיין האַרץ אַף קאָרבן גרייטער,
וואָס ער אַליין באַגרייפט ניט זיינע לעצטע צילן,
די בליצן פון דעם גורל אים פאַרטרויטע!
וואָס ער איז—רעטעניש דורכויס מיט ניטגעפונענער באַשיידונג.

וואָס מיט לייב און לעבן ער איז אין פאָלק פאַרטאָן,
און לעבט דורכויס מיט זיינעליידן,
און וועט שטאַרבן מיט זיין פאָן.

זאָל זיין אז דורכגעבליצט זיין וועג, ער וועט ניט ווערן,
פאַרשווינדן פון דער וועלט אין כאַרפּע צי אין טאָג פון פריידן,
און זאָל אים רום צי סינע בלויז באַגלייטן,
זאָל זיין די נייע שאָ געהערן וועט אַ צווייטן!
עס זיינען ניט די פריינט זיינע ביז לעצט געגאַנגען
אַף פלאַמענדיקן רוף פון זיין נעוויאַיש וואָרט,
און אויב ער איז פאַרשוואונדן — וועט ער צוריק נאָך קומען!
געווען איז זיין נעשאָמע אין מאָרגן, ווייטן, דאָרט.

זי איז אין טיף פון גאָלדן־יאַם געווען,
זי וועט דער אָפּפלוס ניט פאַרשוימען,
ניט באַגראָבן אַפן דעק!
זיין קראַפט פאַרגאַנגענע — פינקלט נאָך אַף שוימען,
ווי פאָספאָר־שיין אף כוואַליעס קעפּ,
און ס׳איז אין פלייש און בלוט אַריין דער ברען, פון זיינע טרוימען,
און אין אַלע הערצער הײנט זיין עמעס לעבט!..

עמיל ווערכאַרן
(יידיש ש. ראָסין)

איליטש

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קיִיוער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אזוי ווייט, און טאָג איז אזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אזוי פיל פראָסטער לענינסוואונדער
אין אונזער שטאָלענעם און ווייַנענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ פון אַלע...
אַן אַנדער ראַדיאָ, אַ צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אַלע און באַ אלע
אין אונזער הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס וועט אַ וועג אונז ווייזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן אַ צאָל.
ס'איז דאָ אַ לאַנד פון פעלדער און פון אייזן
אַ לענין-לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זייַנען אַלע דאָ.
מיר זייַנען קאָמונאַרן.
און הייס איז אונזער בלוט, און פעסט איז אונזער לאַנד,
אין דערפער און אין שטעט, אף פעלדער, טראַקטאָרן,
מיר זייַנען אומעטום
מיט לענינס פאָן אין האַנט!

א. פעפער

№ 224332 פאַרטייבילעט

פאַרשוואַרצטע אַרבעטסהענט אַ גאַנצע וועלט צעטראָגן,
די ערד צעשניטערן...

עס פעלט עפּעס אין הענט...

— דערצייל, פאַרטיי מיינע... וואָס זוכסטו דאָרטן, זאָג מיר!
אַ טרויערקאָל מיר ענטפערט:

— אַ פּאַרטייבילעט.

נאָר איין פּאַרטייבילעט... און האַרץ איז גרייט זיך שפּאַלטן
און ציטער פלאַקערדיק אין האַרצן זיך צעברענט...
ערשט נעכטן האָב איך אים נאָך אין די הענט געהאַלטן,
נאָר טויט געשלאָגן האָט —

געפאַלן דער בילעט...

העי, פּראָלעטאַריער, העי, קלאַפּט אין אַלע טירן!
צי דען איז ער ניטאָ, איז טויט גערעכט אַזוי?
נאָר איין פּאַרטייבילעט... אַ קליין בילעט פאַרלירן,
און מוירעדיק דער בלויז אין קערפּער פון פּאַרטיי...

כ'האָב די פּאַרטיי געהערט, איר ווייטיק בריט מיט פלאַמען,
נאָר ס'האָבן מוסקולן פאַרפּולט די האַנט מיט שטאָל:
— פּאַרטיי מיינע!

מיט דיר! מיט דיר בין איך צוזאַמען,

העי, הערסט פונם וואַרשטאַט דעם פּראָלעטאַריערס קאָל?!..

זאָל זיין, אז האַרץ פאַרשטיקט, און ווייטיק זאָל ווי שווער זיין,
איך שיק אַ הילף צו דיר — מיליאָנען — שטראָם צעברויזט!
אַ שטראָם פון אַרבעטער, מיט פאָן פון קאָמינטערן,
וועט אין פּאַרטיי פאַרפּולן מוירעדיקן בלויז.

און איך — דער ערשטער גיי, פון לאַנד פון די סאָוועטן.
— העי, הערסט פּאַרטיי, איך שווער! איין יאָר פאַרבייגיין וועט
און ס'וועלן הונדערטויזנטער פּאַרטייבילעטן
פאַרבייטן לעגינשן פאַרלוירענעם בילעט!

א. בעזימענסקי
(יידיש א. קאָוונער)

אין אַ ווינטער־נאַכט

באַנאַכט האָבןווינטן געוויינט און געווימלט,
מיט שנייען געדרייט און מיט שטויבן געשיט.
אַף פֿינצטערע ראָגן פֿאַרשאָטענע דרימלען
שאָמרים, מיט ביקסן אין הענט, ווי פֿאַרשמידט.

לויפֿט א פֿאַרשפּעטיקטער איילִיק א היים נאָר,
גיט א מאָטאָר מיט צוויי פֿייערס א בלענד, —
ס׳גיט ניט קיין ריר דעם פֿאַרנורעטן שוימער,
אים האָט דער פֿראָסט און דער דרימל פֿאַרקלערט.

שלייכט זיך ארויס פֿון די שנייען א שאָטן,
שלייכט זיך ארויס און צו שוימער דערנענט.
קנײלט זיך א שווערער א פֿראָסטיקער אָטעם,
דאַכט זיך דעם שוימער — ער הערט, ווי מע רעדט:

שוימער, א, שוימער, וואָס זיצסטו אין פֿראָסט דאָ?
צי דען האָסטו ווערסטן געמאָסטן דערויף,
אַף היטן אין ווינטערנאַכט שטאָט א צעלאָזטע
דורך נעכט צו באַוואַכן איר רו און איר שלאָף?

באַטאָג זיינען אָפֿן דאָ לאָדנס און קראָמען
מיט ווייכקייט פֿון סאַמעט, מיט צויבער פֿון גאָלד, —

דערויף האָבן רויטע געפֿלאַקערט דען פֿאָנען,
צי דען האָסטו שוימער דאָס אַלעס געוואָלט?..

עפּנט דער שוימער פֿאַרשנייעטע ברעמען,
גיט זיך א הויב, מיט דער האַנט גיט א מאַך:

זעסטו, אָט דאָרטן — די שפּיצן פֿון קרעמל,
עס זיינען די מענטשן דאָרט אויך איצטער וואַך.

און דאָרט, אַפן פּלאַץ, אונטער וואַנט אונטער אַלטער
אין הויכן געצעלט, אַף דער פּראָסטיקער בעט, —
דו ווייסט, ווער עס ליגט דאָרט א שטילער באַהאַלטן
אין גלעזערנעם אָרן מיט פאָנען באַדעקט?

עס פייערט נאָך הויך ניט פאַרלאָשענער שייטער,
עס פלאַטערט מיין האַרץ נאָך פאַרבאָרגענע פרייד,
פאַר טאָג, וואָס קומט אָן, פאַרן טאָג, וואָס איז צייטיק,
איז שוימער דאָ שטענדיק מיט ביקס זיינער גרייט.

און איצטער איז ווינטער, איז פראָסטיק און שנייאיק,
איז גיי דיר געזונט צו דיין ווייב און דיין היים,
און היט זיך: די נאַכט קאָן מיט שנייען פאַרדרייען,
איז היט זיך צו פּלאָנטען באַנאַכט דאָ אין שניי.

באַנאַכט האָבן ווינטן געוויִיט און געווימלט,
מיט שנייען געדרייט און מיט שטויבן געשיט.
אַף פינצטערע ראָגן פאַרשאָטענע דרימלען
שאָמרים, מיט ביקסן אין הענט, ווי פאַרשמידט.

מ. כאַשטשעוואַצקי

*

היינט וועט קיינער ניט פאַלן מיט קני צו דער ערד
פאַר נאָענטע, בלוטיקע טראָפּן...
יעדער וואָרט, — ווי א שניט, יעדער קרעכץ, — ווי א שווערד
איבער שטעין און אַף קעפּ פון אייראָפּע.

איינאונצוואַנציקסטער יאַנוואַר, פיראונצוואַנציקסטער יאָר
אַ געשריי און א שניט איבער לענדער —

אַ שטרענגער, אַ בלוטיקער וואָר
פאַרגייט אין א העלער לעגענדע...

וועט דורכגיין א טאָג און וועט דורכגיין א נאַכט,
וועט דורכגיין א דאָר, — א יאָרהונדערט
און וועט מען דערציילן — אָט־דאָ אף דער וואַך
האָט ער אַזאַ שטאָלצער געדונערט.

איזי כאַריק

*

אַף שווערער שוועל פון אונזער גרויסן יאָנטעוו,
באַ שווערע טויערן פון אונזער רויטן טרוים
האָט שוואַרצער טויט און טרויער ניט געשוינט אונז,
האָט שוואַרצער טרויער פאָנען אונזערע באַזוימט.

די שאַרפסטע פייל — וואו האַרץ האָט זיך גענעסטעט,
און אָנגעאָטעמט קעלט אַף אונזער הייסטן בלוט...
נאָר, טויט, דו וועסט ניט איינברעכן אונז, פעסטע,
און וועסט מיט ציטער ניט באַהויכן אונזער מוט.

ער איז געבראָכן אונזער פעסטער בויגן,
וואָס האָט אַף וועלט, ווי פייל פאַרמאָסטן אונזער דראַנג.
נאָר גאָרניט, גאָרניט וועט פון וועלט־געטרוימטער
ניט אָפּוועגדן דעם דאָרשט פון אונזערע אויגן
און גאָרניט וועט ניט אָפּהאַלטן געוואַגטן גאַנג
צו אונזער גרויסן יאָנטעוו.

א. קושניראָוו

לענינס קאַמף־ליד

אַרבעט, שאַל, אַרבעט, הילך.
אַרבעט, שאַל
אין טרומייט,
פייקל, פויק, קלאַפּ זשע פויק.
רוף צום קאַמף,
די פויק.

סוינע האט כוצפּעדיק דעם קאָפּ פארהויבן,
לעסטערט ער אונז, שמייכלדיק מיט גאַל.
העי, פּראָלעטאַרי, לאָמיר לויבן,
לויבן לענינען
און אויסוואָרצלען דעם קאַפּיטאַל.

ווייסן מיר — לענינס הארץ צעשפּרייט איז
אין יעדער אַרבעטער־מוירעד ער לעבט,
מיר וועלן נאָך זעען
לענינען און רויטאַרמייער,
וואס שפּיזט אין פּאָריצס
בויך א באַגנעט.

מיר וועלן אים זעען
אין טרויער־טפילעס
נאָך יעדער קעניג, וואס האָט פארלוירן קרוין,
אין יעדער שקלאַף,
וואס ברענט דאס גוטס און שטילקייט
אַף ציטערדיקער ערד אין שלאכטן־גרויל.

לענין לעבט
אין דעם סוינעס שלאַכטן,
אין יעדער שטרייק, אין יעדער גאַסן־קאַמף, אין קלעפּ,
אין יעדער אויפשטאַנד, אין שטייפקייט און אין הארטקייט.

און אומעטום
אונטער פאָן פון ר. ק. פּ.

ווען מע ווייסט — וואָלטן געקריגן כאַראַטע
אונטערלעקערס פיל ערשט אָטיצט.
אַך, ווי הילכיק ס׳האָבן זיך צעשאָטן
לענינס באָמבעס
געשליידערטע אין קאַפּיטאַליזם!
וויפל לענינס און וויפל באַקענטע,
וויפיל איליטשעס וועלן נאָך זיין.
אין אַלוועלטלעכע אונזערע רעוואָקאָמען
באַקעמפטע אָן רעדעס,
אָן פּיין.
איצט לעבט — לעניניזם — אין אַרבקאָרן,
אָדער אין פאַרקלענערטער פּרייז פון שיך.

קומט א טאָג:
און ס׳צעגיסן זיך זאָרגן
אין רעוואָלוציע־פרייד אף מיזרעך אָן שיר.
איצט לעבט ער אין שאפנדיקע טרעסטן,
אין יעדער קלייניקייט אין דאָרף און אין שטאָט.

קומט אַ טאָג:
און מיר בויען און מעסטן
אונזער גוטס, באזיגטע דורך בלוט.
איצט האט לענין מיט אימפּעט פאַרזאָמט זיך
אַף אונזער, אףווירטשאַפטלאָזן פראָנט.
מאָרגן איז ער — אין אלוועלטלעכן סאָוונאַרקאָם גאָר,
אין דר׳הויך מיט לענינשער פאָן.

העי, פּראָלעטאַרי, טרערן קלעמען?
קוקט אַהינצו!

א. בעזימענסקי

נ ײ ן!

פרילינג - טאָג פאַרטונקלט פינצטער האַנט —
אויסגעהאַנגען מעלדונג אַף באַזונטער וואַנט.
ניין!
מע דאַרף ניט!
קאָנסט באַפעלן דען אַ בליץ
ניט בליצן?!
ניין!
וועסט ניט באַליימען וויכער אַפן אָרט
אייביק וועט אַף יעדער קאַמף־פּאָזיציע
שמעטערן צעגלעקערט ל ע נ י נ ס וואָרט.

קאָן דען שווערע קרענק דעם דונער הייסן שטילן?
אוראַגאַנען - ברויז — אַ רעגע בלייבן שטיין?
ניין! עס וועט ניט שלאַפער ווערן ל ע נ י נ ס ווילן
אין מיליאָנען - ווילן פון ק אָ מ פּ אַ ר ט ײ!
האָט אַ הײך
אַ ז אַ
אַף גראַדוסן געברענט דען?
האָט א פולס אַ ז אַ סעקונדע ווען געוואוסט?
אייביק, אייביק וועט דאָס האַרץ פון ל ע נ י ן
שטורמען
באַ רעוואָלוציע אין ברוסט!
ניין! ניין!
נ־ײ־ן!
מיר ווילן ניט,
מיר גלויבן ניט דער מעלדונג אַפן וואַנט!
לויף אַוועק פון פרילינג־אויגן, שוואַרצע שאָטן - האַנט!

ו. מ א י א ק א ו ו ס ק י

סאַמי

1

א גוטער סאהיב באַ סאַמין, אַ קלוגער,
נאָר מיט זיין סטעק פלעגט די ביינער אים ברעכן;
אַ גוטער סאהיב בא סאמין, אַ קלוגער,
נאָר האָט סאמין פאר קיין מענטש ניט גערעכנט.
מיט איין אויג קוקט אַף אים אַלע מאָל נאָר,
קיין דאַנק פון אים קיינמאָל ער האָט ניט.
סאַמי וואַרעמט זיין טעצל צום גאָלן,
זיין פערד אף צו רייטן ער זאָטלט.
אַף א האָר נאָר ווען סאַמי פארזינדיקט —
אַלץ ווייסט סאהיב, צו ווישנו געגליכן.
זיינע פיאַטעס מיט ריטלעך מע שינדט אים
זייער שמערציק און זייער הילכיק.
נאָר סאַמיס טאטע ז׳געווען אין בעדושאפור
ניט אומזיסט אַלע יאָרן א לויפער,
מ׳קען דאָס יינגל אַף מאַרקן ניט כאַפן,
וואָס א יאָר — זיינע פיס גיכער לויפן.

2

אַף אַ יאָר ניט קיין גוטן דערוואַרט זיך —
גרויען רייטפערד אַ שלאַנג האָט צעביסן,
אַ גיפטיקע קאָברע אַ שוואַרצע.
אַ ניטגוטער האָט אין טעלעפאָן זיך געריסן.
איינמאָל סאהיב — פון בעט ניט ארויס נאָך —
געוואָלט לייענען די נייס פונם טאָג האָט,
צעפויקט גאַנג וועגן דעם מיט אַ גרויסקייט,
איז סאַמי מיט דער צייטונג ניטאָ גאָר.
דערוואַרעמען צום גאָלן דאָס טעצל

געמוזט האָט אַ צווייטן באפוילן איצט,
און ס׳האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט זיך:
ניט געהאָדעוועט אַרויס איז דער מויל-אייזל.

3

נאָך אַ וואָך האָט זיך אומגעקערט סאַמי,
ווי פון טשערעדע אן אָפּגעשטאַנען בעקל,
מיט צעדראַפּעטע פיס און צעדאַמטע,
אָפּגעריסן, דאַר ווי אַ שטעקל.
אַ בייל-בלויער אויפלויף אַף שטערן
האָט געשיינט, ווי אַ פּראָבע אַף גילדנס.
פלעגט זעען סאַה׳בס נאָר איין אויג. ניט מערער,
איצט דערזען האָט ער ביידע און ווילדע.
— וואו געוועזן ביסטו, מאַלפּע אָן ווײדל?
אין זיין הויד-שטול זיצט סאַהיב און פרעגט אים,
סאַמי ענטפערט פּראָסט און באַשיידן:
— כ׳האָב מוירע געהאַט פאַר דיין שטעקן,
כ׳האָב געוואָלט צו דעם הערשער אַוועקגיין,
וואָס איז גרעסער פון ראַדזשעס און בראַמינען.
האָב פאַרלאָרן אין טאָלן די וועגן
און פאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ קעצל א בלינדינקס.
ביסט געבוירן צו פאָלגן און הערן,
וואַרמע וואַסער גאַנצפרי מיר פאַרגרייטן,
ברענגען בריוו און די שטאַלן פאַרקערן
כ׳בין דיין הערשער, דו מאַלפּע אָן ווײדל.

4

איבער די שנייען, וואָס פירן צום הימל
ווי טרעפּ אַרויף, דאָרטן לעבט יענער
אין שטאָט מיט גרויסשטאָטישן טומל;
און באַ מענטשן זיין נאָמען איז לענין.

אַלע הונגעריקע נאָך ברויט צו אים קומען;
ער קען מענטש אין אַ כאַיע דערוועקן —
א גרויסער סאַהיב איז ער אונטערן הימל,
און ער שלאָגט זיך ניט גאָר מיט קיין שטעקן.
סאם שטאמט פון מארגראדזשער מישפּאָכע,
צוליב אים וועט ער ייכעס פאַרבויגן,
צום גאָלן וועט וואַסער אים קאָכן,
טראָגן בריוו, זיין פערד עסן פאַרלייגן.
פאַר זיין דינען געטריי וועט אים לענין
אזוי פיל אייצעס און רופּיעס באַווייליקן,
אז גאָרע וועלט האָט אַזוינס ניט געזען נאָך —
אַלע סאַהיבן וועט סאַמי פארטיליקן.

5

— פאַרפאַלענער, וואו׳סט׳ דאָס געהערט אַלץ?
און סאַמי געשמייכלט האָט שעלמיש:
— דאָרט וואו זיין איז פאר ווייסע געפערלעך,
אין אַרמריטסאר בא די מאַרקישע שטעלן.
ניטאָ קיין פאַרבאָרגנס פאַר סאָכרים,
וואָס בא סודר אפן זינען זיי ווייסן,
אין ראכילקענד פון פערד די מעקאָכים,
און דער לענין ס׳ארא כאָכעם א גרויסער.
— גיי אַוועק! — האָט געזאָגט באַלעבאָס אים;
און אַוועק מיט ניצאָכן איז סאַמי.
בא זיך האָט זיך סאהיב פארשלאָסן,
אַפילע עסן ניט אַרויס פון זיין קאַמער.

6

און סאמי געקניט אין א זייט האָט,
א קליינינקער, שטילער און בלייכער,

און געדאַוונט צו לענין דעם ווייטן,
וואָס ווייט איז, ווי יאָגי פון סייכל.
זאָל דערהערן זיינע קליינע פאַרלאַנגען
אין זיין שטאָט, וואָס צו איר וואָלט א פויגל,
וואָס פליט, אויך ניט שטענדיק דערלאַנגען,
ווען געשווינדער פון בליץ וואָלט געפלויגן,
וואָלטן אויך זי צעווייקן די רעגנס,
ס'וואָלט אן עלפאַנט פון לויפן געפייגערט,
סאהיבס וואָגן, אף די אייזערנע וועגן,
וואָלט פון שטורעמס אַף שטיקלעך צעפלויגן.

7

און דער לענין געווען אַזוי ווייט איז,
און באלד דערהערט האָט ער סאַמין.
מיט אויגן גרויסע און פייכטע
איז דאָס יינגל אף די קני נאָך געשטאַנען.
שטייט ער אויף אזוי גרינג, ניט ווי טאָמעד,
ווי מיט אייל מ'וואָלט באַשמירט זיינע גלידער,
און אף זיין טונקעלער שטאלט מיט בסאָמעם
האָט עמעצער אָונט געענדערט.
און געווען איז ער, ווי ניי־געבוירן,
און איצט שוין א מענטש, ניט קיין קנעכט איז,
ער האָט שוין פאר קיינעם ניט מוירע,
מער ניט שלאָגן וועט זיך סאַהיב דער שלעכטער.

נ. טיכאָנאָוו

(יידיש ל. רעזניק)

הויבן מיר אויף אנטקעגן א שטיין

ווי זון איז א זון און ווי ערד איז א ערד —
באָלשעוויקעס צו זיין איז אונז אלע באַשערט.

מיר קאָנען אנטוויינען און האבן אנטווינט —
די אייגענע שלאנגען און פרעמדע שלענג.

נאר הויבן זיי ווידער די סאָנים די קעפּ
אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך שטעט און נאָך סטעפּ

אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך אונזער געביין —
איז הויבן מיר אויף אנטקעגן א שטיין!

איז הויבן מיר אויף דאָס פלאמיקע לאנד!
און אלע די הענט, — איין געפּאַנצערטע האַנט!

אויב סוינע איז סאם, איז טויטלעכסטער סאם —
וועט אים צעטרייבן ווי רויך אונזער פלאם!

אויב קעפּ פון די שלענג — פון שטאָל און געשטיין, —
זיי וועלן צעקריכן אין אונזער געביין!

מיר זיינען קיין קנעכט, קיין דערווייליקע שיין, —
מיר זיינען געקומען אַף אייביק צו זיין!

מיר זיינען געקומען און ווייסן די גענג,
מיר ווייסן ווי זוי צו באגעגענען שלענג...

ל. קוויטקאָ

רויטע אַרמיי

דאָרט באַם גרעניץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

דאָרט באַם גרעניץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער אַ יאַט איז, דאַרף זיין גרייט
אי פאַר טרויער, אי פאַר פרייד!

ביקס אף פּלייצע, שווערד אין הענט,
אויגן שטענדיק ווייט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

שווער איז איצטער אונזער צייט,
ביקס אַף פּלייצע, ביקס באַ זייט.

ציטער בלוט אין הייסן לייב:
— „אָדער שטיי דאָ, אָדער בלייב!"

דאָרט באַם גרעניץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

אי. פעפער

דער היטער

איך בין ניט דער ערשטער און בין ניט דער לעצטער,
ס'ווייסן שוין וויאַרסטן מיין טראָט און מיין ליד,
באַ טירן צעקלאַפּטע, באַ פענסטער צעזעצטע,
שטיי איך און היט.
דאָ דאַרף איך שטייען,
וואו מ'האָט מיך געשטעלט,
דאָ דארף איך היטן
מיין שטאָט און מיין פעלד.

אין דערפֿער אין טונקעלע אַף פֿעלדער פֿאַרשנייטע,
אַ מאַכנע געגאַנגען, אַ מאַכנע פֿאַרבליט.
באַ מילן פֿאַרלאָזטע, בא וועגן פֿארדרייטע,
שטיי איך און היט.
כ׳בין ניט אַליין דאָ
אין שנייאיקער וועלט.
דאָ האָט מיך נעכטן
מיין פֿירער געשטעלט.

דאָ איז מיין לאַנד און מיין לאנד איז מיר טייער
אַף זוניקע כורוועס מיט יאַטישע טריט,
מעג האָגלען מיט שטיינער, מעג וויכרען מיט פֿייער,
שטיי איך און היט.
שטאָט איז צעשראָקן,
און פֿעלד איז פֿארשנייט,
דאָ בין איך שטענדיק
און דאָ בין איך גרייט!

א. פּעפּער

פּראָנט

פֿון דער פּאָעמע „איינע ווי אסאך אנדערע"

העכער, העכער קעפּ און שטיקעס
זאָלן פֿינקלען אַף דער זון.
אין אַטאַקע באָלשעוויקעס,
אין גאָטס מאַמען און איר זון.

ווער עס האָט פֿאר קוילן מוירע —
צו דער מאַמען אונטער קלייד

יענער איז קיין באָלשעוויק ניט
ווער ס'וועט שטאַרבן מיט זיין טויט!..

ווערן טעמפּער ווייסע פּיקעס
לייז און שוואַך די גראָבע דראָט
טראָגט מען בלומען באָלשעוויקעס
רויטע זיינען שוין אין שטאָט!

גייען רויטע אין שערענגעס
פוס אין פון און טראָט אין טראָט
און עס בליען אויגן שטרענגע
אי מיט פּיקעס, אי מיט דראָט.

אי מיט פּיקעס, אי מיט דראָטן
און מיט ביקסן און מיט פעלד
„צו נאַסע הייזלעך רו און פרידן"
היט זיך, מויער און געצעלט!

לאָזט אראָפּ די קעפּ און שטיקעס
זאָל ניט פינקלען אַף דער זון,
טרעטן אָפּעט באָלשעוויקעס,
אין גאָטס מאמען און איר זון.

העי נאָר, העי נאָר פרישער פּאָלגעס
אונטער פּיאַטעס ברענט די ערד
האָט דער סוינע פרישע פּאָלקן,
האָט דער סוינע פרישע פערד.

טיעקען, טיעקען פולעמיאָטן
וועמעס, אונזערס, יענעמס? ניין
ע־עך, וויפל קאָרן איז צעטראָטן
וויפל שווייס אין גיוועץ ט'גיין...

וויגט א זעלנערל א פויער
פארטרויערט וויגט דעם ווייסן קאָפּ,
גיט א טרייסל זאַנג באַם אויער,
„צייטיק, עך״ — און שלינגט אַראָפּ.

— העי דאָרט זאנגען, צי ניט זאנגען
אָט, מען זאָגט א פויערש פאלק!
— העי געגאַנגען, העי געגאַנגען
מיר דעריאָגן אונזער פאָלק!..

כאַנע לעווין

רויטע ארמיי

רויטאַרמייער, באָלשעוויק, —
פירט מילכאָמע קעגן קריג,
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
מיט בורזשוי און בירזשעוויק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.
ליד און בוך, ביקס און ברוסט, —
גאָר די וועלט באפרייט זיין מוז!

רויטארמייער, באָלשעוויק,
קעמפט פאַר פראָלעטאַריש גליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פאר די קינדערס פרייען בליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.
ליד און בוך, ביקס און ברוסט,—
גאָר די וועלט באפרייט זיין מוז!

מאַרש־ליד

טיפער אונזער אקער! ברייטער דער פאַרזיי! —
די זין די רויטע היטן אונז, — די העלדישע אַרמיי!

מיר שיטן בעסטן אָפּקלייב,
בעסטן ווייץ און גערשטן, —
אונזער לאנד דאָס פריידיקסטע, אונזער לאנד דאָס ערשטע!
טיפער אונזער אקער! ברייטער דער פאַרזיי! —
די זין די רויטע היטן אונז, — די העלדישע ארמיי!

מיר גרייטן ריינעם האָבער,
רייכן ריפּס און קאָרן, —
אונז אַ גרויס געדעטעניש, — דעם פיינט אין אויג אַ דאָרן!
טיפער אונזער אַקער! ברייטער דער פאַרזיי!
מיט זין מיט רויטע גייען מיר, — מיט העלדישער ארמיי!

און איבער אַלדע פעלדער,
פידלען ווינטן לינדע,
אָי, סע וואַקסן קינדערלעך, אָי, סע וואַקסן רינדער!
טיפער אונזער אקער! ברייטער דער פאַרזיי!
די זין די רויטע היטן אונז, — די העלדישע אַרמיי!

און אויב סע וועט זיך טרעפן,
אויב מע וועט באַדאַרפן, —
בייטן מיר דעם אקער-קלונג אף א שווערד א שאַרפן!
טיפער אונזער אַקער, ברייטער דער פאַרזיי!
מיט זין מיט רויטע גייען מיר, — מיט העלדישער אַרמיי!

ל. קוויטקאָ

רויטער פּריזיוו

ווי איך נעם געזעגענען זיך
מיט דער מאַמען,
לויפט די גאַנצע שטוב אַפגיך
זיך צוזאַמען.

„וואָס-זשע לויפסטו: העי, דו יאַט,
יאָסל שויטע?
ווילסט גאָר ווערן א סאָלדאַט
באַ די רויטע?

ס'פעלט די רויטע ניט קיין ביקס,
קיין סאָלדאַטן,
ס'וועט אָן דיר דעם באלשעוויק
גאָרניט שאַטן.

אויפגעשטאַנען דאַן בין איך
זיי צו זאָגן:
„האָדיע צו באַוויינען מיך,
האָדיע קלאָגן.

קעגן גענעראַל איך גיי,
כ'גיי זיך שלאָגן.
ס'וועט די אַרבעטער-אַרמיי
אים פאַריאָגן.

אַלע בלוט-זויגערס, ווי זאַמד,
מיר צעטרעטן,
בויען וועלן מיר דאָס לאַנד
פון סאָוועטן".

ד. בעדני

דאס ליד פון אכטן מארט

און דעמאָלט, מיין מאמע, ווי אנדערע אָרעמע מאמעס, —
פאַרוואָגלטע שאָטנס, ווי שאָף, אין די קיך־דאלעדאַמעס.

פריפּעטשיק און רויך,
פריפּעטשיק און רויך, —
הינטן וואַקסט אַ הויקער, פאָרנט וואקסט דער בויך...

סע האָבן געבליט אירע כאַסענע־שאָען אין ווייס און אין ראָזן,
געפרייט האָט עס אלעם, און קאַלע און כאָסן. —

נאָר שאָען — שמאַטעס, שאָען — נעפּל:
קאַלע בויגט באַלד אָן דאָס קעפּל
יונגס און גרינגס: — שוין ווייב, שוין דינסט!..

פריפּעטשיק און רויך,
פריפּעטשיק און רויך, —
הינטן וואַקסט א הויקער, פאָרנט וואקסט דער בויך.

און גרעסער איז פּיין ווי דעם מאנס! און סכאַר פאַר די דאָפּלטע
ליידן? —
אַ בענקעלע זיין צו די פיס, צו דעם מאַנס, אין גאַניידן...

און איצט, — די טעכטער באַ דער ארבעט,
ווי די מענער: וועבער, גאַרבער. —
ווי די מענער — גלייך אף גלייך!..

ל. קוויטקאָ

צו שטייער

בין איך אוועק אף קייווער־אָוועס
צו מיין לעבעדיקער מאַמען,
וויינט מיט אויסגעזופּטע אויגן,
וויינט אַף מיר מיין מאַמע שאָ־ווייס.
— אין וועמען ביסטו גאָר געראָטן!
ניט אין מיר און ניט אין טאַטן,
אין א גאָיע, אין א שיקסע
אונזער טאָכטער שפּילט מיט ביקסן!
— מאמע! לעבן זאָל די ערד!
קאָן איך אויכעט זאָטלען פערד,
ווי א גאָיע, ווי א שיקסע,
האָב איך געליבט זיך אין געוויקסן
ברענט די וועלט און מיידל ברענט
געבן מיר א ביקס א קאַלטע
און אַף מיר — צוויי הייסע הענט.

———

ווי אַ שייגעץ, ווי אַ גאָי
אפן פערד אין פראָנטן פייער
פרעג די פעלדער, וויאָרסטן פרעג,
געגעבן מיידל האָט צו שטייער
מיידל בלוט און מיידל פלייש!
מאמע! ווייסט ווי איצטער הייסט
דיין טאָכטער סימע —
Даешь товарища Максима!

כאנע לעווין

* *
*

לעניגס בילד האָב איך היינט אויסגעדרייט
צום וואַנט
איך בין צעבראָכן און געבויגן...
ווייבעריש האָב איך מיך היינט
צעוויינט
ווי זאָל איך קוקן גלייך אים אין די אויגן?..
מיין לאנד, מיין ראַטנלאנד,
פון טיל און טעל, פון הינטערגעסלעך
מיך האָסטו דערהויבן צו דיין הויך...
אין איינעם מיטן מאן
פון שווערד און ביקס
קאראמיעלעס געמאַכט
איניינעם פרייהייט עמערווייס געשעפט
פון טיפן ברונעם „זיג"
איז... האָב איך ליב מיין קינד,
נאָר... שווער איז מיר די וויג...

מיין לאנד, מיין ראַטנלאנד,
שטייסטו איבער מיר
אינגאַנצן גרויס. אינגאַנצן העל,
און אלע מאָל איך רייס אַראָפּ זיך
פון מיין שוועל
און מאמע האַרץ איך לאָז
אַף קליאמקע פון מיין טיר...

מיין לאנד איינגעוויִיט האָסטו א מענערישע הויך
אין ווייכן מאַמע גוף, אין מאַמע לייב...
מענעריש איך רייס זיך צו דיין בעל

מענעריש איך רייס זיך צו דיין שיין
און בלייב באַם שוועל
איך מוז נאָך מאַמע זיין
איך מוז נאָך זיין א ווייב...

כאנע לעווין

פערליאַשעז*)

יעדער שניט פאַרגייט מיט נייע הויטן...
יעדער בראָך פאַרציט מיט גראָז די ערד.
געווען אַמאָל אַן אויסבראָך און אַ ווייטאָק,
הילכט ער אָפּ, ווי העלער קאָל אַף בערג...

איך וואַרף אַריין מיין האַנט אין אָפּגעברענטן נעכטן
און נעכטן קומט אַרויף און העלט אויף, ווי אַ נעס...
ברידער — דאָס בין איך מיט אייך געפאַלן אַ גערעכטער
אַף שטיינער און אַף בלוט פון פערליאַשעז.

דאָס האָב איך מיט אייך אונטער הימלען פולע פייער
די וועגן צו פאַריזש מיט ברוסט פאַרשטעלט,
און ווידער שטייען מיר היינט הויכע און באַנייטע,
און אַקסלען טראָגן שוין די לאַסט פון נייער וועלט.

איזי כאַריק

---

*) פערליאַשעז — אַזוי הייסט דער בייסאַלמען, אַף וועלכן סע ליגן די מאַר-טירער פון קאָמונע.

18-III — 1871

... און נאָך אַ שאָס פון דעם פאַרעטערשן מאָנמאַרטר —
אַ לעצטער פייער-שפּיי, אַ דונער אַ געשטיקטער.
און אומגעוואָרפן און צעטראָטן ליגט ער —
פאַריזש פון רויטן אַכצנטן פון מאַרט.

עס וועלן קאָמונאַרן זיין נאָך האַרט און איינגעשפּאַרט.
סאַיווי איז שוין ניטאָ קיין אויסוועג, קיין צוריקער.
עס האָט ווערסאַל פון בלוט און זיגן שיקער
אַרומגעכאַפּט שוין גאַנץ פאַריזש מיט טויטן גאַרטל.

מ. כאַשטשעוואַצקי

קאָמיוג — מאַי

מיט מעסער-שפּיץ אַ שטאָך אין דער בעריאָזע, —
הויבט אָן וואַסער טריפן, טריפן, טריפן.
פון קעמפנדיקער ערד ביז בלויע טיפן, —
נעמט אַרויף אונז, פרילינג, אַף די לייכטע שיפן.

פון קעמפנדיקער ערד ביז בלויע טיפן, —
מיר זינגען קאַמף, מיר זינגען זיג-געזאַנגען. —
דער רוף צו קאַמף מוז יעדער לאַנד דערלאַנגען!
צו יעדער לאַנד איז גרוס פון זיג דערגאַנגען!

דער רוף צו קאַמף טוט יעדער לאַנד דערלאַנגען:
ער הויבט אין שטאָט דאָס שטאָל, אין דאָרף, — די פלאַקסן, —
מע גייט, מע גייט, מע גייט. מע גייט.
פון דערפער, שטעט, —
מיר וואַקסן!

ל. קוויטקאָ

ערשטער מאַי

מ'האָט די קינדער פֿאַרזאַמלט באַם סקווער. ס'זיינען קינדער געגאַן מיט מוזיק
פֿון דער שטאָט פֿון דער אַלטער, פֿון דער שטאָט פֿון דער נייער, פֿון יענער זייט בריק.
אין העמדלעך אין בלויע. פֿון הויפֿן פֿון שוואַרצע אין נידער פֿון שטאָט
איז געקומען אין מאַכנעס אין שטאָלענע דער מעטאַלן - זאַוואָד.

אין העמדלעך אין ווייסע, מיט קווייטן אַף העמדלעך, מיט פֿריילעכן בליק
זיינען געקומען די מיידלעך די יונגע פֿון טאַבאַק - פֿאַבריק.

האָבן קינדער געלאַכט, האָבן מיידלעך געלאַכט, האָט די מאַי - זון געוואַרעמט,
זיינען די רויטע אַרמייער געקומען צו גיין פֿון דער ווייטער קאַזאַרם,

מיט דער פֿלאַם - רויטער פֿאָן, מיט דער הילכיקער פּויק,
מיט דער גרויסער טרומייט.
האָט די שטאָט זיך אין רויטן געוויגט, זיך מיט שיין פֿרי געפֿרייט.

האָט מיט בליאונג מיט פֿרישער געבלאָזן, געאָטעמט פֿון פֿעלד
האָבן זיך קליינינקע קינדער אין סאַמע פֿונפֿאָרנט געשטעלט.

און דערנאָכדעם — פֿאַבריק, און דערנאָכדעם — זאַוואָד, אין אַ ריי נאָך אַ ריי
מ'איז צום גאָרטן צום טיפֿן אַוועק, צו די טייכן די צוויי.

אַף טייכן אַף קלאָרע, אין גאָרטן געדיכטן, אין זוניקער טיף
איך האָב זיך מיט קליינינקע קינדער אַף שיפלעך געשיפט,

אַ העל-טאָג, אַ יאָנטעוודיק גרויסן, ביז זון איז אין מאַירעוו פאַרגאַן
האָט גאָרטן געציטערט, האָט גאָרטן געקלונגען מיט אונזער געזאַנג.

אַ העל-טאָג אַ גרויסן, וואוהין נאָר אַ ווענד און וואוהין נאָר אַ קער:
די קווייט די צעפלאַמטע, דאָס קינד דאָס צעשפּילטע, דער האַמער, דער סערפּ!

ע. פיניננבערג

פייקלט, פויקן!

פייקלט, פויקן, העכער און שטאַרקער!
זינגען זאָלן שטיינער,
זינגען זאָל די לופט.
גרויסן פונם האמער,
גרויסן פונם אַקער,
זאָלן איבער לענדער קלינגען, ווי אַ רוף.
פייקלט, פויקן, ניט קיין ליד, נאָר פלאַמען!
סוינע זאָל דערהערן טענער פון זיין בראָך.
דאָרטן ווערגן טרערן,
און בײַ אונז — דער האמער
נייע זאנגען-פריידן שניידט פון יעדן פאך.
פייקלט, פויקן, ס'איז די שאָ געקומען!
סוינע האָט אף מיזרעך ווינד-און-וויי געזייט,

נאָר פון זיינע וואָרצלען בליען רויטע בלומען.
נייע,
נייע רינגען פלעכטן אונזער קייט.
גיפטיק פוילט שוין גאָלדענע נעווילע.
מיט אָקטיאַבר שמעקט איר יעדער מאַי,
פייקלט, פויקן! וועלט פון שאַנד און גזיילע
שלאָפן מוז אף קישעלעך פון בליי.
פייקלט, פויקן, העכער און שטאַרקער!
זינגען זאָלן שטיינער,
זינגען זאָל די לופט.
גרוסן פונם האַמער,
גרוסן פונם אַקער
זאָלן איבער לענדער קלינגען, ווי א רוף!

כאַים גילדין

דערשטיקט איז לי־טאַ־טשאַאָ—עס לעבט דער ערשטער מאַי

און ווידער קאָכט דער גייסט און רופט צום וואָפן
אַ שווידער לויפט אַדורך און פינסטער ווערט דער בליק:
דער סוינע האט געצילט, דער סוינע האט געטראָפן
אַף גאַסן פון שאַנכאַי, און אַף פעקינער שטראָף־פעלד
האט גאָר קיין אָפּשטעל ניט געוואוסט פאַרעטערישע ביקס.
און קאַלטע מערדער־האַנט האָט הענקעריש־געשיקט
אַף העלזער וואַרעמע פאַרצויגן שטייף די שטריק...
דערשטיקט איז לי־טאַ־טשאַאָ. עס קלינגט דער נאָמען פרעמד?
ניין, ווי אַן אייגענעם וועט אים שוין יעדער פאַרגעדענקען
דערפאַר, וואָס קעמפן האט ער אזוי האַרט געקענט,

װאָס העל אזוי האט ער אין קאַמף געברענט
ביז לעצטן אָטעם־הויך און הענט פון הענקער...
און איז א יאָנטעוו היינט. ניט רוען, ניט פארווײלן
די שטים פון די געקעפטע מאָנט און שרייט:
דערשטיקט איז לי־טאַ־טשאַאָ. און סאָנים שאַרפן פיילן.
דערשטיקט איז לי־טאַ־טשאַאָ. און צאָרנדיק ברענען מיילן.
דערשטיקט איז לי־טאַ־טשאַאָ — עס גייט דער לעצטער
שלאַכט.

מ. כאַשטשעוואַצקי

קאָמיוגישער גאַנג

איבער דערפער און שטעט
מיט קאָמיוגישן גאנג!
אַ ברעט צו אַ ברעט
און א שטאַנג צו א שטאַנג.

װער יאָמערט און בעט
מיט קאלטן געװיין?
אַ ברעט צו אַ ברעט
און א שטיין צו א שטיין.

איבער דערפער און שטעט
זיינען מיר ניט אליין.
אַ ברעט צו א ברעט
און א שטיין צו אַ שטיין.

ביז ס'לויפט נאָר די האנט
און די פיס קאָנען שטיין,

איז אַ וואַנט צו אַ וואַנט
און א שטיין צו אַ שטיין.

אַף כאָרעוון שליאַך
מיט קאָמיוגישן טראָט!
און גרייט איז א דאַך
און גרייט איז א שטאָט.

פון מאָרגן ביז שפעט
מיט קאָמיוגישן גאַנג.
אַ ברעט צו א ברעט
און א שטאַנג צו א שטאַנג.

א י. פ ע פ ע ר

ריווקע - קאָמיוגיסטקע

האָט גאַס מיט אויפרופן באַקלעפּט זיך,
האָט פּולווער אויפגעריסן לאַנד און וועג.
און אומגעדולד האָט שטיין און גאַס צעהויבן,
און אומגעדולד האָט אויפגעזאָטן איבער ברעג.

האָט אויסגעבראָכן, אויפגעצונדן מיט „געניג״
און יוגנט האָט פאַרמאָסטן זיך אין ריי,
ס'האָט ריווקע דאַן פאַרלאָזן טאַטע-מאַמע, —
לויט ערשטן רוף — אַוועק אין רויט-אַרמיי...

ציען וועגן אויפגערעגטע זיך אַף סטעפּ,
בייטן טעג און נעכט זיך איבער מיטן גאַנג און טראָג,
ווער סע שאַנעוועט די ברוינע יוגנט —
ריווקע שענקט עס מאָרגנדיקן טאָג.

אַלע קענען זי — די האָר געשאָרן,
אויגן — קוילן אויסגעשפּיצטע צוויי,
פון ערשטן טאָג א קאָמיוגיסטקע,
און קאַנדידאַטקע אין פּאַרטיי...

ר. פּיש

ע נ ג ע ל

(פון א פּאָעמע)

אַזוי פּאָשעט און פּראָסט.
דער גאַגאַן האָט געציטערט אין ארבל...
אַ געשריי און אַ שאָס ——
— פּאַרעטער, דאַרפסט שטאַרבן!

איז איינער געפאַלן אין גראָז,
ביז לעצטן טראָפּן זיין לעבן פאַרגאָסן...

— העקער פון וואַרשע און לאָדז,
— דאָס האָב איך דעם פּאַרעטער דערשאָסן.

— ס'איז מיין גורל ניט שווער און ניט גרויזאַם, —
אַלץ איינס מיר: אַ שטריק, צי אַ שאָס...

. . . .

געכאַפּט האָט מען איינעם פון טויזנט.
ס'איז געוועז אַזוי פּאָשעט און פּראָסט.

אין מיטן מינסק, אין מינסק פון אומרו און פון נויט
האָט לעקערטס בלוט געשריען פון זיין דענקמאָל...

און מיר זיינען געגאַנגען שטילערהייט,
געשוואָרן זיך: מיר וועלן דיך געדענקען.

האָט נאָך אַמאָל אין ווילנע דורכגעשיינט א שאָס,
האָסטו געשאָסן אַף באַנייס היינט.
ברודער מיינער, ניט באַשערט דיר זעען לאָדז
אין העק, אין בלוט, אין ליבשאַפט און אין פייער.

פון יענעם פאַרק וועט לאַנג נאָך ניט אַראָפּ
דיין לעצטער שאָס, אַ בלויער, אַ פאַרבענקטער...

. . . .

כאָטש ווען-עס-איז אַ קוק טאָן אַף דיין קאָפּ,
אַף קאָפּ פאַרקריצטן אין א דענקמאָל.

איזי כאַריק

קאָמיוגיסט

1

רעדט מען שטילער און ווערטער זיינען הייסע,
רייטער שווינדלען, רייטער אין גאַלאָפּ,
גענוג, גענוג ברודער־בלוט פאַרגאָסן,
זאָל ניקאָלאַי אַליין גיין אין אָקאָפּ.

וואַקסן טעג מיט שטורעם און מיט ווייטאָק,
נעמען ראָגן רייד פון פוליעמיאָט:
גענוג, גענוג געהאַט האָט פּאָריץ וואָילטאָק,
צו גרויע שינעלן געהערט שוין איצט די שטאָט.

אַ יאָר מיט אויפרייס און מיט קנויטן,
שטאָט צעשויבערט,
צעבושעוועט

און שיסט . . .
צינדט אָקטיאַבר — פלאַקערט אויף אין רויטן —
פלאַקערט אין מיר —
קאָמיוגיסט !

2

דער טאָג איז דאַן געווען אַ ניט באַמערקטער,
זון איז הויך געהאַנגען איבער בריק,
אַ באַפעל א קורצער האט דערוועקט זיך
אַ דרייסטער, ווי א רעדע פון א באָלשעוויק.

אַף געסל און אַף לאַנד
לייכט דער רויטער שטערן,
אַף געסל און אַף לאַנד
טריפט מיט בלוט אַ האַנט —
קאָלטשאַק, מאַכנאָ, דעניקין און עסערן.

יענע נאַכט האָב איך גענעכטיקט אַף וואָקזאַל,
האָט יענע נאַכט וואָקזאַל זיך שטיל דערמאָנט :
מאָרגן וועלן ווידער פוסטע שטיין די זאַלן,
מאָרגן פאָרט קאָמיוג שוין אַפן פראָנט.

לאָדן קאמיוגיסטן אָן די ביקסן,
קאָמיוגיסטקעס לאַכן פריילעך, ווי אַ שקיוו :
— יאַטן, יאַטן, איר זאָלט ניט פארגעסן,
ניט פארגעסן קושן אונז דורך בריוו !

י. ראבין

א ו י פ ב ו י

ווי שיין דערבײַ זײַן...

ווי שיין דערבײַ זײַן, ווען סע וואַקסן ווענט,
ווען שטיינער העפֿטן זיך,
ווען שווערע האַמערן אַף קלעצער האַווקען!
סע האָרעווען אַף שׂטעט, און קרעפּטן זיי
כאַדאָשׂים: יוני, יולי,
אַווגוסט.

בויער פּלינקע, פּלייסיקע,
פֿאַרשמירטע קלעטערן
צו שטייגנדיקע בראָנזענע פֿאַסאַדן.
ס׳וועלן זיך צום האַרבסט צו
נייע שׂטאָט-טיילן צעבלעטערן
אויפֿצונעמען מ י ־ ט ע ג און פֿאַראַדן!

אָט קומען שוין אין שטאָט צו אַלע טטעלעכער
די אָנגעלייגטע געסט,
די קאַוועגעס, די דיניעס.
פֿרישע פֿאַרבן פֿעלדישע אין שׂטאָט צעהעלן זיך
אין ברוינס פֿון הענט,
אין בראָט פֿון שינעס.

נאך וואס־זשע פרילינגס ציילן,
זומערס, האַרבסטן ? —
ליבקייט! אוי, מיין ליבס, ניט טרויער!
פון אונזער בלוט — קראַפט און געזאַנגעניש
האָבן מיר דעם נייעם דאָר א קינד געבויעט!

אָט גיי איך שטיל, נאר שטעל דיר פאָר,
פלוצים קאָן אין מיר א הודע טאָן
אַ מעכטיק קאָל, ווי בלעך, ווי שטאָל,
אַ נעם טאָן דעקן שטעט און דראָטעוועז: —
אוי, קומט א דאָר! אוי, וואַקסט אַ דאָר! אוי,
שטייגט א דאָר פון אונז
אַ דאָר!

ל. קוויטקאָ

צו אַלדע גוטע יאָר...

צו אלדע גוטע יאָר, — מע האָט קיין צייט ניט!
אומגעדולדיק קלאפט דער אַפּאַראַט פון טאָג,
אייליק פליען טעג ווי קורצע פרייטיקס
מע באַווייזט זיי ניט צו נעמען אפן האָק.

מע קען ניט, אוי מע קען קיין רעגעלע ניט ווארטן,
די דלאָניעס בייסן זיך, סע צוקט אין קני.
אַז וואו סע דאַרף פאַבריק זיין, שטעקט א פאַרקן
און וואו סע וואַקסן דערנער, קאָן גאָר ווייגשטאָק בליִ׳ן.

אף דאָרעם, — רוי־שטאָף; אַף צאָפן — די זאַוואָדן!
יונגע קאָלעקטיוון פעלט נאָך דאַך און טיר.

די מעטאַל — מאַיאָנטקעס, — אין פּאַזוכע באַם באָדן
אין די טיפענישן פרירן.

מ'איז פול מיט אומגעדולד. מיט אומגעדולד אף ריישן!
ר־ר־ר — טרייבט אונז טרייב-ראָד: — רירעוודיקער רירט! —
ווער האָט צייט אַף וואַרטעניש און געגעניש און וועגן,
אַז טון, טון, טון, מיט האָניק-נאַשן טריפט!

באַנאַכט איז שיין דאָס קלינגען פון פורגאָנעס,
קלינגענדיקער יונג-טשוהון אין נאַכט אַף שטיין, —
דאָרפס-גוטס האָבן זיי פאַרלאָרן אין וואַגאָנעס
איצט מיט שטאָט-גוטס פאָרן זיי אַהיים.

באַגיי זיך, ליד מיינס, אָן אַ פאַבריקמאַכער
אָן פודרע, אָן פּאָמאַדע און אָן שרונט.
קום מיט אונז אַריינצובויען געזונטע מארכן
אין אונזער טעגלעכקייט, אין אונזער גרונט!

ל. קוויטקאָ

אין שייער פון צוקונפט

פריילעך פּלאַפּלען די מאַשינען,
זינגען, זינג איך אומדערמיד.
מיט טשוהונענע אַקאָרדן די קאָוואַדלעס ווידערהאַלן
מיין פאַרשייטע ליד.

הענט צעפּלאַטערט ווי די פליגל,
קורץ און הייס דער אָטעם-צוג,
מיט אַ קלינגענדיקן זעמער

אַפן אייזן פאַלן העמער,
דזין, דזינע דזין, הוק
און הוק.

בלאס געזיכטער,
קוים געבויגן,
פעסט דער הויבל-שטאַנג אין האַנט.
ווי א לייכטורעם א העלער,
ווי אַ רודער צו די ברעגן
פון געגאַרטן טרוימען-לאַנד.

כ אַ י ם ג י ל ד י ן

פון דער פּאָעמע „זיבן"

1

קומט א טאָג פון גאָלד געגאָסן,
שטייף און לויטער איז הימל-בלוי,
לויפט דורך אַ ווינט אין געסלעך גרויע,
קלייבט מען זיך אין וועג קיין מאָסקווע.

פון שטעט, פון הויפשטעט אַהיים געקומען,
אַהיים אַף אַרבעט פון דאָרט געשיקט —
אוועק פאַרביי אַ גאַנצער זומער
און יוגנט גרייט איז פאָרן צוריק.

* * *

לייגט אוועק די זעגעלעך
און לייגט אוועק די האַק —
לויפט אַהיים זיך זעגענען,

מיר פאָרן אין אַרבפּאַק...
גיך פאַרביי דער זומער איז
מיט זומערדיקן טשאַד —
ווער סע פאָרט קיין מאָסקווע
און ווער אין לענינגראַד...
געקומען דאָ, געהאָרעוועט,
געהאָרעוועט גענוג —
פאַרזייט אַף גאסן כאָרעווע
אַ לידל פון קאָמיוג:
געטער פון די הימלען הויך
הערשער פון דער ערד —
אייך אַלעמען פאַרשימלטע
מיט בעזימער פאַרקערט.
און ס'טראָגט זיך איבער דעכער אום
און ס'גיסט זיך אָן דאָס האַרץ
מיט קראפט, מיט זאַפט מיט פעכיקן
מיט לויטערדיקן האַרבסט...

2

איז מאסקווע צעלייגט אין דער לענג, אין דער ברייט
אַף פאָרן און פאָרן און גיין נאָך צופוס.

גייט מען און גייט מען, ביז וואן מען דערגייט
אין איינעם א געסל צופוס.

און נאַכט און ניט נאַכט איז — ס'איז קיל און ס'איז בלאָס
בייסן זיך, מישן זיך מענטשן אין גאַס.

און נאַכט און ניט נאַכט איז — דער קאָפּ זיך פאַרדרייט
פון פאָרן, פון גיין און ביז וואַן מע דערגייט...

שוואַרצער שײַן און זיבן שטאָקן,
רויטע פאָן אַף זיבן שטאָקן,
שײַן און שויב אין אונטער גאָרן
שײַן און שויב — און ביז פרימאָרגן...
און אַף טרעפּ, און אַף טרעפּ און ביז טיר און ביז אײַנגאַנג —

געזאַנג:
אוועקגעלייגט די העמערלעך,
אַוועקגעלייגט די האַק,
יעדער אין קאָמקעמערל
מיט ארבעט איז געפּאַקט.
מיט ציצונגען, באַראַטונגען,
באַריכטן יעדן טאָג —
זיבן יאָר פון ראַטנמאַכט
סע בלענדט אַף יעדער ראָג...

ש. האלקין

פּאַבריק

אין מי און לויטערקייט, אין מי און לויטערקייט, —
איז זון א קאַמערטאָן:
דין - דאָן...

דער כאָר פון האמערן
מאַטאָרן קלאמערן
טראַנסמיסיעס, קעסל - זאָט
און מופטעס, פּרעסן - טראָט
און קלונג און קלאַפּ - געצייג!
אין לאנד געהויבענעם
נעמט נאָר דעם טאָן.

און נאָך דער אַרבעטצייט,
די פיזקולטורניקעס, מיט נאַקעט־מאַטאָוון,
אין שטרענגער פארבן שפיל,
אַף סטאַדיאָן
נאָך דאָרשטיק בענקעניש:
באפרייטע שיינקייטן!
נאָך קאַמף און פלאָגעניש:
אַ קרעפטיק טאָגעניש!
אַ טאָג אַ יאַטישן, —
אַף יונגן צאָן!

פאבריק־ליריק

1

מיין טרויער האָבן ציינדעלעך פון וואַליקעס
פאַרטראָגן הויך, וואו שטויב א ווייסער רוט.
שרויפן מיינע, שרויפן קאַליקע,
ווען איר פאָלגט מיך, איז אייך שטענדיק גוט.

ווען איר פאָלגט מיך פליט איר איילִיקע,
שרויפן מיינע, איך דערקען אייך בלינד.
ווען עס איז וועט איר צעביילן מיך —
שווער צו זיין בא אייך אַ טרייע קינד!

אַ טרייע קינד בא ציינדעלעך פון וואליקעס
בין איך געווען און איך וועל זיין.
שרויפן מיינע, שרויפן קאַליקע,
מיר איז עפעס שווער געוואָרן היינט.

2

זאָל זיין אַ שרייפּעלע אין ראָד,
זאָל זיין א בלעזעלע אין אויפגעשוימטער כוואַליע
פונלאַנג אָן איך ווייס דיין סאָד:
„עס קומט ניט אן צום ברעג אָן שוים אַ כוואליע״,—
כ׳האָב אויך א שטיקל גליק: אַ שרייפּעלע אין ראָד!

אַ שטיקל גליק איז אויך גענוג מיין ברודער,—
טאָ האלט אים שטייף אין פויסט און לאָז ניט אָפּ.
ס׳איז קאַרג די פרייד פון שטויביקן גערודער.
וואו ערשטער שוויס האָט מונטער איינגעצעט מיין קאָפּ.
אַ שטיקל גליק איז אויך גענוג מיין ברודער.

און ווען סירענען רופן הילכיק אין באַגינען —
איז שווער צעשיידן זיך מיט שטילן אינדערפרי,
ווען אלע שלאָפן נאָך. מיר שטייען בא מאשינען
און מידער דרימל ציט זיך נאָך אין קני,
ווען ס׳רופן הילכיק די סירענען אין באַגינען.

ס׳איז מיר גוט צו זיין אַ שרייפּעלע אין ראָד,
דערווייל — גענוג אַ בלעזעלע פון כוואַליע.
ניט אומזיסט האָסטו מיר אויסגעזאָגט דעם סאָד,
אַז ס׳קומט ניט אן צום ברעג אָן שוים אַ כוואַליע, —
טאָ לאָמירביידע זיין א שרייפּעלע אין ראָד!

3

כ׳האָב היינט דעם ערשטן מאָל, דעם ערשטן מאָל דערזען די זון,
א הויכע פרילינגדיקע זון אף דעכער;
האָב איך דערפילט אין זיך מיין בליאיקן געזונט,
ווען מיר גייען נאָך דער אַרבעט פון די צעכן.

דעם ערשטן מאָל, דעם ערשטן מאָל האָב איך
דערפילט די זון אין גאס.
אַ קוש אַ וואַרעמען אף קנעכעלעך און קני.
און זאָגט שוין ניט, אַז איך בין מיד, אַז איך בין בלאַס,
ווייל ס'האט מיך זון געקושט, געשמאַק געקושט אין גאַס.

און אף מיין האַלדז די ריטשקעלעך מיט שווייס
פאַרטראָגט דער ווינט צו פרילינגדיקער לופט.
אַרט דען ווינטל וועד דו ביסט און ווי דו הייסט.
אוי, דו ווינטל — דו געזונטע טרייסט!

לויב צו זון,
צו ערשטע פרילינגדיקע טעג
נאָך שטויב און שווייס
געבענטשט זיי, ליכט.
פון פאַבריק אַ קויטיק-שאטנדיקער וועג
האָט מיך צו זון אַוועקגעפירט.

4

אַלע טאָג, ווען כ'קום א מידער פון דער אַרבעט,
ווען כ'גיי מיר דורך די ראָגן רוישיקע פון שטאָט,
פליט א ווינטעלע אריין אין מיינע אַרבל
און ס'באַגלייט מיך ביז דער היים אַ שאָטן.

כ'קום אַהיים אַ מידער פון דער אַרבעט,
איז מיין היים מיין אייגענע ניט פרעמד מיר.
איך וואַרף אַראָפּ פון זיך די שטיוול און די פאַרבן,
וועלכע נעצן דורך מיין לייב און העמדל.

אַלע טאָג, ווען ס'קלינגט דער זייגער פיר,
איז הימל ריין אין בלויעכקייט פאַרקאַשערט.

טרינק איך אויס א קאַלטע בוטל ביר
און כ'וואַש זיך גוט ארום מיט קאַלטן וואַסער.

אַלע טאָג, ווען ס'פּוקט ארום סירען
אַ לעצטן דאמף פון אָפּגעקילטע קעסלען,
צינדט אָן אָוונט פייערלעך אַף ווענט
און עס ווילט זיך מיר אָן אַלץ פארגעסן.

טאָ זויג ארויס, קליין ווינטעלע, די מידקייט פון די קני
און צי ארויס דעם הייסן שטויב פון ברוסט,
ווייל מאָרגן, ווינטל, מאָרגן אינדערפרי
וועט מיך מאַשין באַגעגענען מיט אויסגערוטן גרוס.

5

פאַרמאך נאָך ניט, פארמאך נאָך ניט די לאָדן.
צי דען איז נאכט אַראָפּ אף אונזער גאַס,
אין קליינעם צימערל בא מיר אַף אלע מיינע בגאָדים
איז העלער טאָג שוין לאַנג געוואָרן בלאס.
פארפרי, פאַרפרי, ווען איך האב אויפגעעפנט מיינע לאָדן,
האָט שוין דער טאָג מיט מי מיין קאָפּ באַלאָדן.

איך האב ליב, ווען מיין פענצטערל איז אָפן,
ווען זי קוקט אף מיר ניט שטויביק-גראָ.
כ'האָב ליב צו זען, ווי ליפן גיריקע פון אָוונט
שלינגען איין אף שויב א לעצטן שטראַלן-ראָד.
און ווען דער טאָג וועט פאַרבייגיין מיינע פענצטער,
וועל איך אים פרעגן: ברודערל, דערקענסט מיך?

הויך אין הימל שטערנדיקער מאָן
פאַלט אַף שיין פון די לאמטערנדיקע קופּלעס,

פאַרוואָס־זשע נאָגט אין האַרץ —
ווי ס'נאָגט אַ ווערימל אַ ביינערדיקן צאָן —
ווען ס'קומט אריין א נאַכט אין לייכטע סאַמעטענע טופלעס?
טאָג, טאָג, מיין ליבער ברודערל,
ניט גיי אַוועק, ניט גיי אוועק!..

פון הויכע סלופּעס ווייסער פאַרצעליי
טריפט מיט קאַלטן טוי אף מיינע ברעמען.
ניט שטיי דאָ, יינגעלע, גיי דורך פאַרביי,—
וועט שוין דיין הארץ ניט ווייטאָקן, ניט קלעמען.
וואָס פלינקער טאָג אף דראָטן פארצעליי,
איז פלינקער־פלינק אדורך פאַרביי.

אַדורך פאַרביי... און וועסט אים ניט געפינען
מיין טאָג, מיין שווער־פארדינטע טרייסט,
אין הייסן צעך בּאַ שטויביקע מאַשינען,
וואו יעדער רעדעלע איז פלינק און בייז, —
צעשייד איך זיך מיט טאָג נאָך אין באַגינען.

6

שוין צייט צו שלאָפן, יינגעלע, שוין צייט.
גיי רו אויס דיין מידן קאָפּ אין בעט.
ס'וועט דיך איינוויגן פון דאָ ניט ווייט
אַ הייזעריקער מעשענער געבעט.
שוין צייט צו שלאָפן, יינגעלע, שוין צייט.

זיין געגוג דיר זיצן אין פאַרנאַכט.
דיין נאכט איז דאָך אַ פלינקע מייזעלע, —
אָט באַלד, אָט באַלד וועט זי אנטלויפן אַפן דאַך

און צעקושן זיך אַף הייזעלעך.
פּאַרוואָס - זשע שלאָפסטו ניט פאַרנאַכט?

זע. די אַלטע מאמע בעט דיך אזוי לאנג: —
לייג זיך שלאָפן, זון מיינער, שוין צייט.
הערסט פון קלויסטער מעשענער געזאַנג
רופט דיך שלאָפן שוין לאַנג.
גיי שוין שלאָפן, זון מיינער, שוין צייט.

זיין געגנוג דיר שרייבן דיינע לידער,
מאָרגן דארפסטו אויפשטיין אין באַגינען.
פון דער ארבעט קומסטו אזא מידער
און גייסט אוועק אַ מידער צו מאַשינען.
מיישינקע, ווארף אוועק די לידער!..

לאָז מיך, מאמע מיינע, לאָז מיך ליבע.
נאָך איין פערז איז מיר געבליבן צו דערשרייבן, —
אַלע אוונט פאַלט מיר אן אַ פיבער
און איך מוז מיט לידער אים פאַרטרייבן.
לאָז מיך, מאַמע מיינע, לאָז מיך, ליבע.

7

נו, איז וואָס, אַז האַלבע נאכט האָט שוין דער זייגער אָפּגעקלונגען
שטילע קושן, — ווייכע יאָדערלעך פון זיסע ניס.
כ׳האָב ליב פון שלאָס - געסל א וועבערן א יונגע,
ווי ס׳קאָן נאָר ליב האָבן א יונגער מאשיניסט.

און באַ דיין רעדעלע וועט קליינער פאָדעם זוימען
ניט נאָר דיינס, ניט נאָר מיינעס גליק.

דו הערסט, מיין מיידעלע, ווי ס׳קנאָספּן זיך די בוימער,
ווי זון לאָזט פילן שוין אירע ערשטן גלי.

און ס׳רוישט און ס׳יאָגט די וואַסער אונטער בריק,
עס ציען סטופּיקלעך אין טייך די אַלטע מיל.
און אינדערפרי האָט מיך באַם טויער פון פאַבריק
אַן ערשטער שטראַל באַגעגנט מילד.

נו, איז וואָס, אז האלבע נאַכט האָט שוין דער גייער אָפּגעקלונגען
שטילע קושן, — ווייכע יאָדערלעך פון זיסע ניס.
דו ביסט פון שלאָס־געסל א וועבערן א יונגע
און איך ווער אינגיכן שוין א מאַשיניסט.

8

ווען מידקייט נעמט ארום מיט אָנגעברענטע קלאַמערן
שלאָף איך לאַנג און רואיק אין מיין בעט.
נאָך דער ארבעט אין מיין קליינעם קאמערל
שרייב איך לידער שפּעט.

נאָך דער ארבעט אין מיין קליינעם קאַמערל
קלאַפּט מיר עמיץ אָן אין טיר.
לאָזט מיך אָפּעט הייסע קלאַמערן, —
ס׳קומט א פריינט צו מיר.

און מיר דוכט: פון אויסגעשניצטן רעמעלע
איז דער פריינט אראָפּ צו מיר.
נו, וואָס־זשע שטייסטו שעמעוודיק
הינטער טיר?

קום אַריין, מיין מיידעלע, און גאָר!
און זיי מיר ניט קיין פרעמדע אפן רעמעלע,

ווי גוט פאַרקאַמט האָט דײַנע האָר
אַ ווײַסער קעמעלע!

און נאָך דיר, — א נאַכט א מידע
קלאַפּט צו מיר אין טיר,
כ'האָב אין האַרץ אַפולע לידער
אָנגעגרייט פאַר דיר!

לאָזט מיך, לאָזט מיך, אָנגעברענטע קלאַמערן,
לאָזט מיך שלאָפן רואיק אין מײַן בעט.
נאָך דער אַרבעט אין מײַן קלײנעם קאַמערל
שרײַב איך לידער שפּעט.

מ. טייף

פאַרשפּעטיקט

הײַנט אהיים האָב איך
פאַרשפּעטיקט
זײַ ניט ברוגעס, ניט אין כּעס.

הײַנט האָב איך זיך
אָנגעזעטיקט
מיט דער ענגקייט פון דער גאַס.

ענג און גוט פון ברײַטע מויערס
איז מײַן האַרץ הײַנט איבערפולט
מיט א שפּאַגל־נײַעם טויער
האָב איך פאַרעדט זיך און
פאַרשפּילט.

ברענט אין מויערס ניט קיין פייער,
ביז דער סטעלע פעלט אסאך.
שרעקט מיך ניט — אַף װענט געסטאַיעט,
װעט שוין סטאַיען אַף א דאַך!

װעט שוין קלעקן דאָ אַף דעכער
און אַף פענסטער — ריינעם גלאז.
װאַקסן שטאקן עלף און העכער
שפּראָצט מיט גאָרטנס און מיט גראָז...

מויערס פרישע, גראָזן פרישע,
אַלץ איז פעסט און אלץ איז דין.
אין אַ גאָלדענער טראַנסמיסיע
האָט זיך היינט פאַרדרייט די זון.

װיל איך אויך זיין פרישער, יונגער
גיי איך היינט פון קלייט צו קלייט.
שפּילן זאָל פון מיר און זינגען —
איך מעסט צום פּאָנים זיך א קלייד!

מאַך ניט דיינע ליפּן שאַרפער
זאָגסט „ניט לאגיש" איז אזוי.
איך װיל זיין דיין ערשטער כאַוועד,
איך װיל זיין דיין ליבסטע פרוי —

האָב איך היינט אַהיים פאַרשפעטיקט
זיי ניט ברויגעס, ניט אין קאַס.
היינט האָב איך זיך אָנגעזעטיקט
מיטן אויפלעב פון דער גאַס...

כאַנע לעווין

אין דרוקערײַ

1. בײַ דער אַרבעט

האָט דאָ אין מאָרגן־לופט, אין בלײַיִקן־בלאַסער
דער וואַנט־זייגער נאָר אויסגעקלונגען אַכט,
און אַלע שטייען שוין געבויגן בײַ די קאַסטנס,
און אַלע שטייען שוין בײַ שטעלן אויף דער וואַך.
שטיל געטומל, פלינקע טריט און שאָרכן ווייכע,
אײַנדערלופטן — רונדער האַנט־געשוועב,
אָבער אַלע מאָל דאָ וועלן טאָן אַ שמייכל —
אויגן־פונקען פון אונטער די פאַרנויגטע קעפּ.
אָט פליִען ווערטער דורך ווי לײַכטע באַלן
און קלאַנגען קײַקלען זיך אויף ווערקשטעלן, אויף ווענט,
אָבער איינס דאָ ווייסן, דאָ געדענקען אַלע:
— די צײַט די טײַערע פאַרהיט און ניט פאַרשווענד...

2. האַנט־זעצער

דאָס האַנט־ברעטל — פון מעש. דער אָס — פון בלײַ,
און שטייט איז האַנט־ברעטל פאַרפרעסט אין לינקער.
די רעכטע שוועבט אַרום אין לופטן פרײַ
און שוואַרצע אויסיעס פאַנגט מיט גרינגער פלינקייט.
פון אונטן אַלעף, רײַש. און אָט איז וואָוו און יוד,
ער דאַרף מיט בליק שוין יעדן אָס ניט צילן.
און אָס צו אָס זיך קלײַבט און אָס צו אָס זיך בינדט,
און אויסיעס לייגן זיך אין שורעס שטילע.
דאָס האַנט־ברעטל איז מעש, די אויסיעס — בלײַ
און ס'שוועבן איבער קאַסטן פינגער־שפּיצן.
און בלײַענשטויב זיך וועבט, און בלענדנדיקע שײַן
לאָמפּן הענגענדיקע גיסן.

3. לינאָטיפּן

פליען גרינג אַף קלאַווישן די פלינקע הענט
און דינע מאַטריצן מיט האַרט געקלאַפּער פאַלן,
טראָגט זיי שמאָלער פּאַס אַף לינקס אוועק,
לייגן זיי זיך אויס אין ציטערדיקע שטראַלן.
מיט רעכטער האַנט — אַ דריק אַראָפּ, און פריי
זיך טוט א דריי די צאָנראָד אזאַ ווייכע —
גיסט זיך ערגעץ דאָרט פון קעסל הייסער בליי,
פילט ער אָן אין מאַטריצן די צייכנס.
דורך שטייפן מויל א ווייסע פליט אַרויס
אַ שורע, פאַלט און לייגט זיך אַף דער גראַנקע.
שורעס זיינען האַרט און זיינען הייס
און מיט זילבערשיין די שורעס בלאנקען...
און ס'פליט און פליט אַרום די פלינקע האַנט,
איבער קלאַווישן, אַזאַ געניטע גייט זי,
און עס לייגן זיך די שורעס נאָכאנאַנד,—
ווייסע, בלאַנקענדיקע, הייסע...

מ. כאשטשעוואצקי

*

אַזוינע קליינינקע
זיינען מיר אוועק צו די מאַשינען
פון געסעלעך, פון מאַמעס און פון פריינט.
פון דעמאָלט אָן אין אונז האָט זיך צעשיינט
אַף שטענדיק שוין א ליטערער באַגינען.

עס קער מיין מאַמע מיך אין וויטער שטאָט דערמאָנען,
ווען כ'גיי אין צעכן רוישיקע גאַנץ פריי;
כ'האָב ליב באַקומען רעלסן און וואַגאָנען

און כ'שענק מיט טויזנטער זיך רוישנדיקע מי.
דאָס געזאַנג פון טאָג איז ערגעץ צארט און לויטער.
מיר דאַרפן דאָ קיין צאַרטקייט ניט, איך ווייס, —
מיר זיינען אלע דאָ פאַרשמוציקט און פארקויטיקט
און טעג צעקלונגענע דאָ טרונקען אונזער שוויס.

אַזוינע קלייניקע
זיינען מיר אוועק צו די מאַשינען
פון געסעלעך, פון מאמעס, און פון פריינט.
פון דעמאָלט אָן אין אונז האָט זיך צעשיינט
אַף שטענדיק שוין א לויטערער באַגינען.

מ. שטורמאן

בוינע

ווי אַליאָנעס מאַן געווען איז אַפן בוינע דער געזונטסטער,
האָט אַן עקסעלע אַ יונגער אָפגעשטויסן אים די לונגען,
ליגט ער איצטער א געליימטער אין א ווינקל אין דער פינצטער,
ווילן הענטעלעך ניט רירן זיך, און פיסעלעך ניט אומגיין.

האָט די ערשטע צייט אליאָנע איבער אים אַזוי געוואָיעט,
און געהאַלדזט אים און געוואַרעמט, און געקושט די קאַלטע גלידער,
נאָר דער מאַן איז אַלץ געלעגן ניט באַוועגלעך, ווי אַ מויער,
ביז דערעסן איז אַליאָנען, און געוואָרן איז דערווידער.

האָט זי גלייך, ווי אַ סאָלדאַטקע, זיך פאַרדרייט און זיך פאַרהוליעט
מיט די שלעגער מיט די יונגען, אירע לאַנדסלייט די ריאַזאַנער.
ס'איז אליאָנע נאָך אַ יונגע, און אַ גלאַטע, און אַ פולע,
און די בעסטע פון די ווייבער אין דער זיבעטער קאַזאַרמע.

ווי מע האָט באַקומען סכירעס אין פאַרכאַסמעטע קאָנווערטן,
אין פאַפירענע טשערוואָנצעס און אין קלינגענדיקן זילבער,
איז אַרויסגעגאַן צום טויערל אליאָנע זיך דערוואַרטן
און באַגעגענען די שלעגער, אירע פריינטעלעך די מילדע.

זיינען פריינטעלעך געקומען אין א טומלדיקער בראַיע
און מיט טולער באַלאַלאַיקעס און מיט גלאַנציקע טאליאנקעס
און אין פעלצעלעך געפאַרבטע, אין געזיייערטע און נייע
און אין יעגערשע שטיוואָלעס, אין געשמידטע און אין לאנגע.

וואַסקע-פליאַס, דער ווערטל-שיטער און דער פירער פון דער בראַיע,
איז געגאַנגען פון די ערשטע מיט אַ לידל אַ פארשייטע,
און נאָך אים — די יונגע שלעגער און מיט שיקערע געשרייען
און מיט לידעלעך מיט דאָרפישע, געמונטערטע און ברייטע.

הוליע, הוליע, הוליע,
ס'איז נאָך געלט פאַראַן אַפולע,
ס'איז אַפולע געלט פאַראַנען
באַ די לוסטיקע ריאַזאַנער,
און אין קרעמעלעך באַ קרעמער
סאַמאָהאָנע פולע עמער,
פולע עמער סאַמאָהאָנע,
קום און נעם און גיס זיך אָנעט.

ווער צעטראָגן פערד און וואָגן
מיט די רעדעלעך צוזאַמען,
מירן ווי ניט איז דעריאָגן,
מירן ווי ניט איז דערשפאַנען!
מירן ווי ניט איז דערשפאַנען
אַף אַ פאָר אַעראָפלאַנען,
און אינערגעץ ניט פארפעלן
און אינערגעץ ניט פאַרזאמען.

הוליע, הוליע, הוליע, הוליע,
און צעקלינג אַף אַלע וועגן —
מע זאָל הערן אַזש אין טולע,
ווי עס הוליענען די שלעגער.
הוליע היינט און הוליע מאָרגן
און אַף גרייטן און אַף באָרגן,
הוליע, אַלע זאָלן הערן,
מירן אָרעמער ניט ווערן!

היי, מיטיאַ, מיטיאַ, מיטיוכע!
נעם צעפיר מיט ווײַן די יוכע,
ווּעסטו לוסטיקייט דערשפירן
אין דײַן ברוסט, אין די געהירן.
מוידן, מיידעלעך — אהערצו!
פוצט זיך אויס אין סאַראַפאַנעס,
לויפט באַרואיקן די הערצער
מיט די ייִנגעלעך ריאַזאַנער.

האָבן נײַגעריקע ווײַבער פון דער זיבעטער קאַזאַרמע
גיכער אויפגעפראַלט די פענצטער און פאַרבויגן זיך אינדרויסן,
און מיט אויגעלעך מיט פײַכטע זיך פאַרקוקט אַף די ריאַזאַנער
און פאָרויסגעזאָגט, אַז טרעפן וועט אַן אומגליק היינט אַ
גרויסער.

וועט אַן אומגליק היינט אַ גרויסער מיט אליאָנען די הולטאַיקע,
וואָס האָט ווי אַ צויג אַ יונגע זיך פאַרדרייט מיט אַלע כלאָפּעס
און האָט אויפגעהערט צו קוקן און האָט אויפגעהערט צו דאַיגען
וועגן מאַן אירן דעם קראַנקן און דעם אומגליקלעכן סטיאָפּען.

נאָר אַף גאַניקל געשטאַנען איז אַ לוסטיקע אַליאָנע
און די הענטעלעך פאַרלייגטע אַף די וויגנדיקע ברוסטן,
און אַ ראָזע און אַ שטייפע, ווי אַן עפּל אַן אנטאָנער,
און אַ יונגע, א צעבליטע, און מיט אַלעמען געגריסט זיך:

— ברויט און זאַלץ און פאַרגעניגן אייך, געערטע מיינע
לאַנדסלייט, —
האָט זי גאַסטפריינטלעך און האַרציק אירע פריינטעלעך באַגעגנט.
און מיט זינגענדיקע גלידער און מיט אויגן פייכט-צעגלאַנצטע
זיי פאַרפירט צו זיך אין צימער, אירע פריינטעלעך די שלעגער.

און אין צימער איז געלעגן א פאַרוקטער אין אַ ווינקל,
מיט אַ פאָרהאַנגל פאַרצויגן אונטער פינצטערע איקאָנעס,
אַ געליימטער און אַ שטילער, און אין טונקלקייט פאַרזונקען,
דער, פאַר וועמען ס'האָט געציטערט נאָך ניטלאַנג אַזוי אליאָנע.

האָט מען טיש און בענק צענומען און פאַרטראָגן אַפן בוידעם,
און די הילצערנע די דילן זיינען זויבערע און גלאַנצן.
האָט געשיקט אַליאָנע רופן נאָך די כאַווערטעס די מוידן,
זאָלן קומען אין קאַזאַרמע אַף א טרינקעלע, אַף טאַנצן.

זיינען מיידעלעך געפלויגן, ווי די באַבעלעך אַף פייער,
און אין גרייזעלעך פאַרגרייזלט און באַהאָנגענע מיט סטענגעס,
און אין בונטע סאראפאַנעס און אין שיכעלעך אין נייע
צו דער לוסטיקער אַליאָנען אַף א טענצעלע פאַרברענגען.

האָבן טולער באַלאַלאיקעס מיט אַ זילבערנעם געמורמל
זיך צעשאָטן אינדערלופטן, ווי מיט קייקעלעך קאַרעלן,
און פון שניידיקע טאַליאנקעס האָט פאַרציטערט דער אַרומעט,
גלייך כאַזיירים וואָלט מען לעבעדיקע אויסטאָן פון די פעלן.

איז אַרויס אין קרייז אליאָנע מיט אַ טיכעלע פאַרהויבן,
און פאַרשוואומען אין אַ דריידעלע אַ דאָרפישן אַ וואוילן,
אַזש געררויכערט האָבן דילן מיט אַ רויך פון גרויע שטויבן
און געגעפּלט ביזן באַלקן מיט געדיכטע רונדע זיילן.

איז אַנטקעגן איר אַרויסעט וואַסקע-פליאַס דער ווערטל-שיטער
און פאַרבויגן מיט א טאַנץ און מיט אַ קונציקן א צוזיץ,

און אַ כאַפּ געטאָן אליאָנען אין די הענט אין די געניטע
און פֿאַרדרייט איר און פֿאַרטראָגן, און געדריקט זיך צו איר בוזעם.

האָבן אויפגעבליט די בלוטן באַ די יונגען, באַ די מוידן,
אין די גליענדיקע גלידער די פֿארהאָרעוועטע, שטאַרקע.
ווי אַ שיף אין ראָד פֿון וואַלן האָט דער צימער זיך צעהוידעט,
און פֿאַרדרייט זיך א פֿאַרשיקערטער פֿון וויין און פֿון מאַכאָרקע.

און אין טאַנצנדיקן וויכער האָט זיך אומבאַמערקט פֿאַריסן
אינעם ווינקעלע דער פֿאָרהאַנג, וואו עס ליגט דער קראַנקער
סטיאָפּע;
האָט זיך אויסגעדוכט אליאָנען, האָט אליאָנען זיך באַוויזן,
ווי דער מאַן אירער וואָלט פֿלוצלינג פֿון זיין בעטל אראָפּעט.

איז דער אָוונט אַף א ווײַלע א פֿאַרלאָשענער געוואָרן,
און אין אָפּגרונטן פֿאַרזונקען איז דער צימער מיט דער בראַיע,
און פֿאַרשטאָרבן איז אַליאָנע באַ איר מיידן אין די אָרעמס,
און אַ פֿאָרגעפּיל א שלעכטער האָט אין האַרצן זיך פֿאַרטאַיעט.

האָט איר וואַסקע-פֿליאַס מיט ווערטער און מיט צערטלעכקייט
צעמונטערט,
און מיט לידעלעך צעשטרייט איר און מיט פֿריילעכקייט
געזיכערט.
און ווי גאָרנישט וואָלט געוועזן, האָט זי ווידער אַ געזונטע
זיך פֿאַרוואָרפֿן אין א דריידעלע א רוסישן א גיכן.

„עך, צעבערעכט מיר מיינע דילן,
דאָמאָוויקעס און פֿאַרכאַפּטע,
אין קאַמאַרינער קאַדרילן
רייסט אַף שטריקעלעך די לאַפּטיעס!

שלאַנגען, גלאַנציקע טאַליאַנקעס,
זויגט די הערצער באַ ריאַזאַנער

און צעוויגט אונדזער הוליאַנקע
מיט אַ סאָרמאָווער סטראַדאַניע!

עך, סאַמאַרע, פּאָמפּע־וואַסער,
ברייט צעגיסט זיך אונדזער וואָלגע,
מאַכט א וואַרע אין די גאַסן,
ס׳גייען רייען רויטע פּאָלקן,

ס׳גייען רייען רויטע פּאָלקן
אַף קאַזאַן און אַף סאַראַטאָוו,
ס׳איז אַמאָל געווען מיקאָלקע,
איצטער זיינען שוין די ראַטן!

מאַמע, מאַמעלע, איך פריר,
לויף און קויף א רויטע טיכל
און אַ מאַן א רויטאַרמייער,
וואָס קען לייענען אַ ביכל.

וואָס קען לייענען אַ ביכל
און קען רייטן אַף א טאַנקע. —
מיט אַזאַ צו לעבן איז זיכער
און מאַכט רייכער די געדאַנקען".

זיינען טיש און בענק פון בוידעם אפצוריק אראָפּגעשלעפּטע,
און באַלאָדענע מיט פּענכערס קלאָרן ווײַן פון ריינעם קאָרן,
און מיט עסנוואַרגן הייסע אין די רויכערדיקע טעפּלעך,
און מיט פליישן, און מיט פרוכטן זיס און זויער און געפראָרן.

און מיט זעמעלעך, געבעקסן אַלערלייאיקע פאַרגרייטע
און אַף זון־אייל און אַף פּוטער און געפּילט מיט לונג און לעבער,

און מיט אָפּגעהיטן האָניק אַף אַ האָפּן אַ געבראַיטער,
און מיט קנאָבלדיקן גליווער און מיט צינגעלעך פון קעלבער.

און אַ לוסטיקע אליאָנע האָט די פריינטעלעך געמונטערט,
און אין גלעזער ווײַן געגאָסן, און אין טעלערלעך געקלונגען:
— צו געזונט און צו געזונט אייך, עסט און טרינקט און לענט
אייך אונטער.
און צו יעדערן געשמייכלט, און צו יעדערן געוואונקען.

און אַליין האָט זי א ריס געטאָן דעם פאָרהאַנגל דעם גראָען
און ארויסגעשלעפט אינמיטן אף זיין בעטעלע איר סטיאָפּען,
איז מען לאַנג אזוי געשטאַנען באַ אליאָנען אונטער פענצטער,
אומגעלומפערטע, געזונטע, גרויזאַם, גוטמוטיק, ווי קינדער,
און מיט זיי — דער וויאַטקער גיבער. סטיאָפּעס פריינט דער
אָקסנשינדער,
דער געשטופּלטער אנדריושע, אין אַרטעל באַ זיי דער עלטסטער.

— ברידער, אלטגלויביקע קריסטן, צי איז רעכט אונדזער
באַשטימונג? —
האָט געשטופּלטער אַנדריושע זיך געווענדעט מיט אַ רעדע.
— „רעכט איז, רעכט אונדזער באַשטימונג" — האָבן פויערים
געטומלט,
און מיט ברייטע בערד געטרייסלט אין מיט דרענגעלעך גערעדערט.

איז אנדריושע פון די ערשטע אפן שוועל ארויפגעטראָטן
און פון שעפּסן-פּעלץ די היטל פונם קאָפּ אַראָפּגעריסן,
און פארבויגן זיך אין גאַרטל, מיט אַ קרייץ זיין ברוסט באַשאָטן,
און אַ רוף געטאָן אליאָנען מיט אַ שמייכעלע פאַרביסן:

— ווירטן האַרציקע, וואו ביזטו?
נעם אוף אָרנטלעכע קריסטן.
אָדער זעסטו ניט, עס וואַרטן
געסט געקליבענע געגאַרטע?

נעם אונדז אופעט, נעם אונדז אופעט,
ווי עס פירט זיך פון פאַרצייטנס,
אָדער זיינען מיר דיר פרעמדע,
אָדער שעמסטו זיך פאַר לייטן?

איז ארויס פון קרייז אליאָנע מיט פארלייגטע הענט אף ברוסטן,
און פאַרנויגט זיך פאר אַנדריושען, ווי דער שטייגער איז,
באַגריסט אים.
און אז אלע זאָלן הערן, האָט זי רואיק און מיט ווערדע
אים אַ ניכטערע געענטפערט, און אים אָפּגעקילט מיט ווערטער:

— אויב ווי פריינט זייט איר געקומען, וועט אונדז ענגער דאָ ניט ווערן,
ברויט און זאַלץ און פאַרגעניגן, און אַ באַנק אונטער איקאָנעס.
אויב ווי פיינט זייט איר געקומען און מיין פריילעכקייט צעשטערן, —
וועט עס גרינג אייך ניט אריבער, ווי מיין נאָמען איז אליאָנע!

מירן ברויט דיינעם ניט עסן
און דיין ווייַן איז אונדז דערווידער,
ניט צו דיר איז מען געקומען,
פון דיין פריילעכקייט געניסן.

נאָר געוואָר ווערן סטעפּאַנען
אונדזער פריינט און אונדזער ברודער,
וועמעס לעבן דו האָסט פארומערט,
וועמעס האַרץ דו האָסט צעריסן.

איר געענטפערט האָט אַנדריושע
און אַ טראָט געטאָן צו סטיאָפּען,
צו זיין בעטעלע דערנענטערט
און פארבויגן זיך אין גאַרטל.

און צורעכטגעמאַכט זיין קישן
און פאַרהויבן זיין צוקאָפּנס,
און געקוקט אף אים אָן ווערטער,
מיט אַ בליק אַזאַ פאַרשטאַרטן.

האָט אַ שטילקייט אַפּן צימער זיך צעלייגט מיט שווערע כמאַרעס
און פאַרשלאָסן מיט אַ שטומעניש באַ אַלעמען די מיילער,
אַזש דערהערט האָט מען, ווי סטיאָפּע — אַ פאַרצערטער און
אַ דאַרער,
האָט מיט פוסטער ברוסט געאָטעמט אזוי זעגעדיק און איילעק.

נאָר די איינציקע אליאָנע האָט די שטילקייט אופגעריסן
מיט אַ קעלעכל אַ שאַרפן, און מיט ווערטערלעך געשליפן,
און מיט שפּאָטישן געלעכטער זיך געווענדעט צו אַנדריושען,
וועמעס אויגן זיינען מערדעריש מיט בלוט אזוי פאַרלאָפן:

— וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ אידאָל, ביזט צו סטיאָפּען דאך
געקומען!
ווי אַ פריינט און ווי אַ ברודער הויב אים אוף און נעם ארומעט,
און ווי אַלטגלוביקע קריסטן אין די בערד מיט אים צעקושט זיך,
עפשער וועט אים ווערן גרינגער, עפשער וועט ער קומען צו זיך?

נעם דערוואַרעם זיינע גלידער
און מיט צערטלעכקייט צעמונטער,
עפשער וועט ער אופשטיין ווידער
אַ דערפרישטער, אַ געזונטער,
וועט דיין נאָמען אף דער גאַנצענער גובערניע זיך צעקלינגען,
און פון גאַנצענער ראסייע וועט מען קאַליקעס דיר ברענגען.

וועט מען קאַליקעס דיר ברענגען, צו די פיסעלעך דיר פאַלן,
און זיך בעטן מיט ראכמאָנעס: „א, דו הייליקער אַנדריושע!

נאַ דיר גאָלד, און נאַ דיר זילבער, און טשערוואָנצעס אימפּעריאַלן,
גיב אַ היילונג פאר די גלידער, פאַרן קערפּער אַ דערפרישונג.

וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ אידאָל, ביזט צו סטיאָפּען דאָך געקומען,
ווי אַ פריינט און ווי אַ ברודער, הויב אים אוף און נעם אַרומעט.
און אין באָרד מיט אים צעקוש זיך, ווי עס פירט זיך פון פאַרצייטנס,
אדער איז ער דיר אַ פרעמדער, אָדער שעמסטו זיך פאַר לייטן?

האָט די בראַיע זיך צעהירזשעט, ווי די פערד, מיט אַ געלעכטער
— היי, געשטופּלטער אַנדריושע, סאיז אליאָנע אַ גערעכטע,
בלייב שוין בעסער אפן בוינע, ווי געווען, אַן אָקסנשינדער,
ווּעסטו מערער געלט פאַרדינען, ווי פון הייליקייט און וואונדער.

האָט זיי אויסגעהערט אַנדריושע מיט פאַראכטונג אף די ליפּן,
און אין האַרצן האָט אַ צאָרן זיך צעקוואָלן ווי פון בראַנפן,
און אַ גיפט האָט זיך אין אָדערדיקע הענט באַ אים פאַרקליבן,
און פאַרבויגן זיינע פינגער און פאַרצויגן זיי אין קראַמפּן.

איז ער צוגעגאַן צום פענצטערל, די פליגעלעך פאַריסן,
מיט אַ פייף ארויסגעשניטן אין דער ווייסער נאַכט ארויסעט:
— היי, אַהער, אַהער אף גיכער, — האָט ער הילכיק מיט זיין שטימע
אין די פויערים געשליידערט, און גערופן זיי אין צימער.

האָט די זיבעטע קאַזאַרמע אַלע טירעלעך צעעפנט,
און אף שוועלן זיינען ווייבער מיט אַ בייזער פרייד געשטאַנען,
און צופרידענע געטאַינעט, אז דער אומגליק וועט שוין טרעפן
מיט דער לוסטיקער אליאָנען פאַרן מאַן אירן סטעפאַנען.

אז זי קען שוין ניט דערליידן, ביז דער טויט וועט אים
באַפרייען,
וואָס זי האָט מיט הינט אַזעלכע אופגעשמעקט זיך אַ פארשלעפּטע,
וועט עס גרינג איר ניט אריבער, וועט עס גרינג זיך ניט
פארדייען
אָ֗ן די נעכטעלעך הוליאַנקעס אין צעלאָזנקייט פאַרלעבטע!

אז ניטאָ אף איר קיין ציילעם און קיין ווייבערשער געוויסן
איז ניטאָ, ווער זאָל דערהאַלטן איר סטעפּאַנען באַ די קרעפטן,
און דער טויט, אז ער וועט קומען, ווער וועט אים די אויגן
שליסן,
און די הענטעלעך די קאַליע אים צום לעצטן מאָל באַהעפטן?

איז דער צימער פול געוואָרן מיט אַ טומל און מיט פרישקייט,
און מיט פעך־געדוך פון שטיוול, און מיט ווינטערדיקן דרויסן,
און מיט אופגעיוירטע זידל־ווערטער שאַרף אזוי און מיסטיק,
און מיט פויערישן אָטעם און מיט זויערקייט פון שווייסן.

ווי אן אופגעשוימטער צופלוס האָט די פויערישע מענגע
אָנגערוקט זיך אף דער בראיע און פארשפאַרט זי און פאַ־
רינגלט:

— שלאָג זיי, שלאָג זיי און צעטראָג זיי,
צייל די ריפּן, ברעך די קאַרקן, —
האָבן בערדיקע געשריען:
האַרגע, האַרגע, האַרגע, האַרגע!

האָט אַ וואונק געטאָן אליאנע
צו די יינגעלעך ריאַזאנער,
האָבן יינגעלעך ריאַזאנער
אפן וואונק איר באַלד פאַרשטאַנען

און פֿאַרוקט די הענט אין שטיוול
און אין פלודערן, אין גאַרטלען,
וואו געררוט האָבן די שעכט־מעסערס
אין שײדעלעך אין האַרטע.

האָט אַ קעלט פון בלויע מעסערס אַלץ און אַלעמען געניכטערט,
און אַ זיכערע אַליאָנע איז ארויסגעגאַן אינמיטן:

— היי, געננג אייך שוין צו שפּילן זיך, ווי ייִנגעלעך אין ריכטער,
ס'וועט די שפּיל זיך ניט פאַרענדיקן פאַר אייך אזוי צום גוטן.

אָט איז ווײַן און אָט פֿאַרבײַסונג,
טרינקט מיט מיר, און מיט די שלעגער.
ווער עס וויל מיט אונז צערײַסן —
מיט אַ טישטעכל די וועג אים!
אָט איז ווײַן און אָט פאַרבײַסונג,
ס'וועט פאַר קיינעם דאָ ניט פעלן,
ווער עס וויל מיט אונז צערײַסן —
אָט איז גאָט, און אָט די שוועל איז!

ווײַל מײַן הויז, זי איז מײַן פעסטונג,
און באַ זיך בין איך דיווירטן,
און אַ צײַט איז איצט אַ נײַע
און פאַר ווײַבער אַ דערוואַרטע!

הוליעט, הוליעט, מײַנע שוועסטער,
הײַנט איז קיין זאַך ניט פאַרווערט אונז.
קלײַבט זיך אויסעט פון דער בראיע
יעדע איינע איר געגאַרטן.

וואַסקע־פּליאַס מיין האַרצן־פּרעסער
אין מיין קלאָראָוויגיקער אָדלער,
איך בין היינט מיט הייסער יוגנט
און מיט ליבע אָנגעלאָדן!
נעם, פאַרצערטל מיך אַף טויט
אין דיינע פייניקנדע גלידער
אַף צעפּוקעניש די וויאַטקער
און דער גאַנצער וועלט דערווידער!

יאַשע זעלדין

האָט לענין געזאָגט

— „זאָל טאָגן אָ-דאָרט,
וואו ס'האָט נאָך ניט געטאָגט", —
מיט ווערטער מיט פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט
— „דאָס ליכט אַהין,
„וואו ס'איז שטענדיק נאַכט".

האָט לענין געזאָגט,

. . . .

פון שטעטלעך און שטעט
זיינען יונגען אַוועק.

פון דאָרף און פון וואלד
אַף די טייכן אַוועק
מיט גלויביקע אויגן,
מיט האַמערס און העק.

זאָל טאָגן אַ־דאָרט,
וואו ס׳האָט נאָך ניט געטאָגט —

. . . .

מיט ווערטער די פּראָסטע
האָט לענין געזאָגט.

ערשטע ליד פון די בויער

איך שטיי אַפן פלאַץ פון מיין נעכטיקער היים,
שמייכלט צו מיר יעדער ברעט, יעדער שטיין.
פון איין זייט אַ האַמער, פון צווייטער אַ זעג,
און קלאָר איז מיין אויסוועג, און קלאָר איז מיין וועג.
אין וואָכן פון אומרו, אין שאָען פון שרעק
זיינען שטעטלעך און שטעט מיטן פייער אַוועק.
אַדאָרט אַפן שליאַך, אַפן אַשיקן שליאַך
אַ דאַך אָן אַ שטוב און אַ שטוב אָן אַ דאַך.
פון איין זייט אַ האמער, פון צווייטער אַ זעג,
און דאַ איז מיין אויסוועג, און דאָ איז מיין וועג.
מיר וואוינען אין דרויסן, אין דרויסן איז וואָס?
א דאַך איז דער הימל, אַ בעט איז דאָס גראָז.
אָט ווארטן שוין ברעטער, אָט פירט מען שוין ליים,
אָט שטייט שוין אַ וואנט פון מיין אַלעמענס היים.
ס׳וויגט זיך אַ פענצטער, סע שמייכלט אַ טיר,
איך פיל זי די שפּראַך אינם שווייגן צו מיר.
וועט שמייסן אַ רעגן מיט האַרבסטיקן וויין, —
נישקאָשע, נישקאָשע, אַ שטוב וועט דאָ זיין!
כ׳בין שיקער פון אייך, מיינע ניכטערע טעג.
און ליב איז מיין אויסוועג, און ליב איז מיין וועג.

דאָס צווייטע ליד פון די בויער

אין זומער אין העלן
איז מערער נאָך פונקען
אין וואסערן אלטע
פון דניעפּרישן סטעפּ;
מיר זיינען געקומען
פאַרטרינקען די שוועלן,
די שוועלן פאַרטרינקען,
די שטיינערנע טרעפּ.

זיי זיינען געלעגן,
ווי שאָמרים, ווי אלטע
און האָבן געשוויגן,
און האָבן געהיט
די סוידעס די קאלטע
פון אוראַלטע טריט.

מיר זיינען געקומען
פון שטעט און פון דערפער
די אינזלען, די שוועלן
פארפלייצן, פארטרינקען,
און אלע, און אלע
געפונענע פונקען
צעשיקן, צעשיקן
אין כאַטקעלעך קליינע,
וואָס זינקען אין פּיין,
אין אלע פאבריקן,
אין ווינקעלעך אַלע,
וואָס ווארטן אף קרעפטן
און שיין!

דאָס ליד וועגן די הענט

הענט מיינע הענט, מיינע טויזנטער הענט,
צו אייך איז מיין ליד היינט געווענדט.
אַלץ איז באַזונגען און אַלץ איז שוין דאָ,
נאָר איר, מיינע הענט, אין געזאַנג זייט ניטאָ.
איר האָט די הונדערטער הייזער געבויט,
איר האָט פון פעלדער געבראַכט אונדז דאָס ברויט.
אַדאַנק, מיינע הענט, מיינע טויזנטער הענט
פאַר אַלץ, וואָס אין גאַנג האָט איר נעכטן פאַרברענט.
פאַר רואיקער פרייד הינטער רואיקן דאַך,
פאַר גרויזאַמער פרייד אַפן ראַשיקן שליאַך.
אומעטום, וואו איר שאַפט, אומעטום, וואו איר זענט,
צו אייך איז מיין ליד היינט געווענדט.

קלינגען גלעקער

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

אַפן דניעפּער, אַפן בלויען
שאָטנס ליבע זע איך שווימען,
און אָט־דאָ אין טעג פון בויען
שטיל דערמאָן איך יענע נעמען.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

קאָן איך זיי דען ניט דערמאָנען
„רויטע פּרעסניעס“, „האַמלער רויען“,

ווען איך ווייס שוין לאַנג פונוואַנען
שטאַמען זיי די טעג פון בויען ?

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

און מיר בענקען און מיר בענקען,
ווי די קינדער נאָך אַ טאַטע.
זיי וועט שוין געוויס געדענקען
יעדער לעמפּל, יעדער כאַטע.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

רוט דער האַמער

הענגט דער הימל יונג און צאַרט,
זינגען גראָבערס דאָ באַנאַכט.
שווימט אַ שטילע אָוונט־שאָ,
הערט מען זינגען דאָרט און דאָ.

ניט קיין בראָנפן, ניט קיין ביר,
ס'איז פון שענק פאַרהאַקט די טיר.

רוט דער האַמער, רוט די האַק
אין אַ ווינקל אין באַראַק.

און ד'יי גראָבערס זיצן שפּעט,
מע דערמאָנט באַקענטע שטעט:
— עך, האָט מען אַמאָל געיאָגט! —
האָט אַ גראָבער שטיל געזאָגט.

אַפן דניעפּר שלאָפט די נאַכט.
זאָגט אַ דייטש צו זיי פאַרטראַכט:
— „אין מיין לאַנד איז אַלעס דאָ,
„נאָר אַזעלכע העגט ניטאָ“.

גלאַנצט אין פעלד אַ נייע גאַס,
רוישט די סטאַנציע קיטשקאַס,
שטייען לאַפּעטעס פאַרטראַכט,
זינגען גראָבערס דאָ באַנאַכט.

קומען טעג אַף די טייכן

קומען טעג אַף די טייכן, אַף די גילדענע ברעגן,
פאַלט די זון אַף די כוואַליעס, ווי אַ בראָנזענער רעגן.

שטייען טויזנטער יונגען איבער שליאַכן און הויפן,
פאַלן האַמערס און טאַנצן, כריפּען זעגן און לויפן.

פאַלט די זון אַף די יונגען, ווערן יונגען נאָך יונגער,
פאַלן האַמערס נאָך שווערער, פליען זעגן נאָך גרינגער.

שלאָגט אַ גליאיקער אָטעם פון די היציקע זעגן,
פון די בראָנזענע קערפּערס, פון די הענט, וואָס באַוועגן.

שרייען סאָסנעס געפרעסטע אינם קלעם פון מאַשינען:
דאָס זיינען די וועלדער געקומען אונז דינען!

און פאַרלאָזטע זאַוואָדן מיט צעכראַסטעטע לאָדן
ווערן ווידער מיט אָטעם מיט שווערן באַלאָדן.

און אַף פלעצער באַוואַקסן מיט ווילדע בוריאַנען
וואַקסן נייע באַראַקן, פליען ראַשיקע באַנען.

צו דעם יאַם, צו דעם שוואַרצן פליען ווינטן און זינגען
וועגן נייע זאַוואָדן, וועגן קרעפטיקע יונגען.

שיפן

טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר, ברעגן דולע און פארשייטע!
פעלזן שווערע, פעלזן אַלטע, שטראָמען אומרואיקע, ווייטע.
שוועלן אַלטע, שטיינער גרויע ליגן רואיק און פאַרצאַמען
דיינע שטראָמען, דיינע דולע, זייער וועג צו ברייטע יאמען.
טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר! דיינע שטראָמען וועסטו שיקן,
דיינע שטראָמען וועלן לייכטן איבער דערפער און פאַבריקן.
זאָלן ריטשקעס טייכלעך קליינע לעם אַ וועלדל, לעם א שטילן
הוידען גראָזן אַף די ברעגלעך, דרייען שלעפעריקע מילן.
טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר, דו וועסט ליגן און וועסט זעען:
צו אָדעסער הייסע ברעגן שווערע שיפן וועלן גייען.
איבער ברעגן, איבער ברייטע, וועלן הענגען יונגע יאָרן,
שווערע שיפן וועלן פירן פולע זעק מיט ווייץ און קאָרן.
וועלן שיפן שווימען ווייטע; דאָרט, וואו וואָלקנס פרעמדע הענגען,
פרעמדע טראַקטאָרס און מאַשינען וועלן שווערע שיפן ברענגען.
איבער כאַטעס, איבער דערפער הויכע לאָמפן וועלן ברענען.
גרויע פעלזן וועלן קוקן און אוקראַינע ניט דערקענען.

איבער פעלזן האָרבאַטע

איבער פעלזן האָרבאַטע הענגט די זון א באַנייטע,
און פון ברעגן צו ברעגן יאָגן שטראָמען פארשייטע.
אונטער פעלזן האָרבאַטע ליגט און שלאָפט די לעוואָנע,
איז דער טאָג שוין צעהאנגען אף פאַרדרימלטע קליאָנעו.
און אין וועלדער קודלאַטע אף צעפּאַטלטע צווייגן,
אף צעפּאַטלטע צווייגן הענגען שטערן און שווייגן.
אף די ראַשיקע שטראָמען פאלט א שטויביקער טומל,
אף די ראַשיקע שטראָמען יאָגט אף שליופּקעס דער הימל.
און פון דערפער פארלאָזטע, פון פארגעסענע סעדער

קריכן אלטע בענדיוהעס אף צעפּאָרענע רעדער,
און בענדיוזשניקעס אלטע פירן סטויפּעס און זעען,
ווי די שטערן די לעצטע אונטער פּעלזן פאַרגייען,
ווי פון שטעט און פון דערפער אף א דולער מילכאָמע
איבער טייכן און ברעגן גייען מענטשישע שטראָמען.
און בענדיוזשניקעס אלטע פירן שטיינער און הערן,
ווי סע שרייען די שטראָמען, ווי סע וויינען די שטערן.
איז א פּאַכעד געגאַנגען, איז א אומרו געפלויגן
אף בענדיוזשניקעס אלטע מיט פאַרוואָקסענע אויגן.
גייען מענטשלעכע שטראָמען, יאָגן שטראָמען פאַרשייטע.
אַלע טאָג איבער פּעלזן הענגט די זון א באַנייטע.

הונדערטער זאַוואָדן

הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פאַבריקן,
אונזער בלוט און זאַפט,
הינטער אַלע שטעטלעך, הינטער אלע בריקן
וואַרטן אף דיין קראַפט.
אונזערע זאַוואָדן קאָנען שוין געניסן
אי פון גרויסן אומרו, אי פון גרויסער רו,
זאָל די נאַפט זיך צאַפּן, זאָל די נאַפט זיך גיסן
אין באַקו.
אין א לאַנד אזוינעם איז ניטאָ קיין שוועלן,
אייגענע מאַשינען דרייען זיך פאַרשייט;
איז די גרעסטע קויכעס פון די טיפסטע קוועלן
שיק זיי צו דער צייט.
וועט מען פלייסיק גיסן, וועט מען פלייסיק שיקן
אין ציסטערנעס גרויע פלייסנדיקע נאַפט,
הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פאַבריקן
וואַרטן אף דיין קראַפט.

אי. פעפער

דריי

1

מיין באבע האט געוואוסט דאָס טעפּל און דעם סידער,
און גאר א שמאָלן וועג: פון קיך אין שול.
די זיבן טעג אין וואָך האט זי זיך פעסט צעגל־דערט:
זעקס אף מי און זאָרג, און שאבעס — רו און שפּיל.

די יאָרן אויסגעלעבט, ווי גאָט האט איר געבאָטן,
טאנייסים אָפּגעהיט, נעדאָוועס מאָגערע געטיילט,
די עלטערן געפאָלגט, דאס אייגן האַרץ צעטראָטן,
און כאַסענע געהאט מיט דעם, וואס טאטע־מאמע האָבן אויסגעוויילט.

און אַז דער טאטע האט דערנאָך געהייסן מיטן מאן זיך שיידן:
דער מאַן, דער אַפּיקוירעס, רויכערט שאַבעס אַ ציגאַר! —
איז ווער וועט גיין דערציילן אים פון ליבע־ליידן?
שטילער, האַרץ, ניט זיי קיין נאַר!

א יונג־פארדארטער בוים איז זי געווען אין לעבן,
און קליינע קינדערלעך פאַר איר — אַ שווערע לאסט.
איז וואס איז דעמאָלט איר צו טאָן געבליבן? —
האָט זי די אויגן אויסגעוויינט בא טכינעס און געפאַסט.

איז בא איר געווען א ליבער גאָט אין הימל,
האט ער אָ טרייסט איר צוגעשיקט, א צווייטן מאן,
און ווידער האָט זי אין דער קיך געשימלט,
און שטילע וואָכן זיינען זיך געגאַן.

און ווי מיין באבע פלעגט ארומפליקן די גענז און הינער,
האט עמיץ איר געזונט ארומגעפליקט און כיין,
די הענט און פיס ניט זיינען מער קיין טרייע דינער,
און ניט באמערקט איז זי געוואָרן אלט און קליין.

האט מיין באבע זיך פאַרגרייט טאַכריכים,
אפן בעסוילעם אויסגעקליבן זיך אַנ׳אָרט,
און ס׳האָט איר ביסל טעג צום גרוב גענומען קריכן,
דאָס ווייטערדיקע — האט מיין באבעס גאָט באזאָרגט.

2

מיין מאמען האבן שוין די ווענט גענומען דרוקן,
צו אַנ׳אנדער לעבן האט איר הארץ געגלוסט,
האט זי זיך געפרואווט די ענגע ווענט צערוקן,
און אַ אָטעם טאָן מיט פולער ברוסט.

וועגן ברייטערע האט זי פאַר זיך געפונען,
האט דער ערשטער וועג געפירט אין שול, —
ניט אַהין, וואו שטילע טפילעס רינען,
נאָר, וואו יונגער סייכל ווערט געשטאָלט.

האט די וועלט זיך מיטאַמאָל געטאָן פאר איר אַ וואקל,
און אראָפּגעפאַלן איז א הייטל פון איר בליק:
שוואַרצע אויסיעלעך אף ווייס פאַפיר סאכאקל,
און עס נערט געדאַנקן, און עס קוויקט.

ווי אין כאָלעם קלינגען איר דער באבעס בייזע ווערטער.
זי פאַרמאָגט אן אייגענע, א נייע וואָר.
ווארט זי ניט אַז עמיצער זאָל ברענגען איר באשערטן,
ס׳האט איר הארץ מיט זיינעם זיך אַליין געפּאָרט.

— גאָט זיצט אין די הימלען און ער פּאָרט קעסיידער! —
זאָגט אַזוי די באבע און טוט א קרומען לאך.
ס'איז די פּאָר דער מאמעס אויך פון זעלבן כיידער,
טראָגט זיך אום מיט ביכלעך, ווי מיט א רעכטער זאַך!

ניט מע טראַכט פון טאַכלעס, ניט מע לעבט ווי לייטן,
נאַ דיר גאָר געשעפטן פאַר א יונג פּאָרפאָלק:
מע לערנט פרעמדע קינדער, מע מאַכט זיי טעל באצייטנס,
יאָ, מע וועט זיי ברענגען צו א פיינעם טאָלק!

און עס גייען יאָרן, קינדער וואקסן אונטער,
און די מאמע רייסט זיך צווישן שול און שטוב,
ס'איז דער מאמען טייער אי שול, אי שטוב באזונדער,
איינהיטן זיי ביידע האט זי זיך געפרואווט.

האט מיין מאמע גוט געוואוסט דעם טאַם פון עלנט,
איז זי דער מישפּאָכע, ווי א ביין אין האלז,
פילט זי זיך פאַרוואָרפן, ווי אף ווילדע וועלן
איינער אן איינאיינציקער אַפן יאַם אַ פעלז.

ס'איז דער וועג דער מאמעס אין אַ קרייז געשלאָסן,
ליפט אָבער דאָס לעבן אין אַ גרויסן קרייז,
און סע פילט די מאמע, ווי זי ווערט פאַרלאָזן, —
ניט פאר אירע קויכעס טאָן אַזא מין שפרייז!

ווערט די מאַמע עלטער, פאַר דער צייט געעלטערט,
ווערט די מאַמע שוואַכער, ווערט די וועלט איר פרעמד.
ערשט אין שפּאַן געגאַנגען צווישן ברייטע פעלדער,
פלוצים — שטיין געבליבן צעטראָגן און פארשעמט.

איז איר איינס געבליבן, נאָר די היים געבליבן,
האָט זי זיך באַהאַלטן אין די אַלטע ווענט.

קוים וואָס מע באַמערקט שוין צווישן ווייטע וועלן
יענעם פעלז דעם עלנטן, צו דער הויך געווענדט!

דער באבעס אייניקל, דער מאמעס טאָכטער — איך!
לאַנגזאַם גייען טעג, נאָר יארן פליען גיך.
אַ רינגעלע אַ דרײַס אין לאַנגער דוירעס־קייט,
און אַלע זײַנען מיר אין אייביקייט פארזייט.

שפּאַן איך אין מײַן דוירעס־ריי, געפירט פון אונזער צייט,
מ׳ איך מיך ניט בלײַבן שטיין, ניט אָפּגיין אין אַ זייט.
נאָר באַבע, אלטע באבעניו, ניט דײַנער איז דער וועג,
עס איז מײַן דאָר פון דיר פּאָרויס אף דוירעס פיל אַוועק.

עס זײַנען אויסגעלאָשן איצט די פייערן פון קיך,
געוואָרן זײַנען אירע ווענט צעלעכערט דורך און דורך.
אַרויסגעלאָזט די קאָטשערע איצט האָבן פרויען־הענט,
ס׳איז פרויען־אונטערטעניקייט אף פײַערן פארברענט.

מיט פען אין האַנט, מיט נאָדל אָדער צוואַנג,
מיט מענער גלײַך מיר שטייען יאָרנלאַנג.
עס וואַקסן ניט נאר האָר — דער מויען שלייפט זיך אויס,
און ס׳קומט אויך צווישן אונז אַמאָל אַ העלד אַרויס.

און ניט אין שטילשטאַנד נאָר מיר זײַנען לייטן גלײַך,
אויך שטורעמצייט דאָס אויג מיט טרערן ניט באַפייכט,—
מיט ברידער זײַנען מיר אַף שלאַכט־פעלדער געווען,
פארגעסן האָבן מיר די רו אין שטילע ווענט.

דײַן טכינע, באַבע, און דײַן גאָט זיך רוען אָפּ אַציינד,
און ווערן נאָר גערירט פון אָרט אין מאַיסע פאַר אַ קינד,
און עס דערזעט דיך אָט דאָס קינד אין נעפּלדיקער ווייט,
אין דײַן פאר אים אַזאַ מין פרעמדער, פרעמדער גרויער צייט.

און עס דערוואוסט זיך, אַז אמאָל דו, באַבע, האָסט געלעבט,
און אַז די צייט האָט דיין געשטאַלט מיט שפּינוועבס שוין פאַר־
וועבט,
נאָר האָסט געלעבט, און האסט געליבט, און האָסט געליטן אויך,—
און ס'ווערט פאר אים דיין בלייך געשטאלט מיט לעבנס־גייסט
באַהויכט.

א. פּיאַטיגאָרסקע

באבעלעך און אינטערנאַציאָנאַל

אף קני א באַבעלע אן אַלטע
וויגט און וויגט אן איינִיקל א ניט געמאַלטן...
בא וואַרעם ברוסט פון ציגעלע
מיט ראָזשינקעס און מאנדלען
ער זויגט און זויגט א שלאָף...
פארטשעפעט זיך שוין קליינינקער מיט הימלען
מיט אויגעלעך — צוויי פויסטעלעך ארוף
זי קוקט די באַבעלע אין אויגעלעך
קוקט מיט אויגן שוואַרצע
אף קויל פארברענטע פרייד...
און זעט גאָר ניט,
און הערט גאָר ניט
ווי ציגעלע פון ראָזשינקעס און מאַנדלען
פארבלאָנדזשעט ווי... פארגייט
און באַבעלע אינטערנאַציאָנאַל
אף רוסיש
זינגט יידעשדיק פאַרטרויערט
שטילערהייט.
דער נאָמען באַבעלעס איז סאָרע

נאָך די אימעס...
און אייניקלס, ווער ווייסט, וואס הייסט דאָס!
„קים״
נאָר צוגעווײנט שוין באַבעלע צו אים
צום נאָמען „קים״.
נאָך באבעלעך, נאָך גייע קומען אָן
מיט טריטעלעך, מיט רוישנדיקע שטרוי
שפּאַרן אויבעט קני, העננט קרומע ציען אויס
און ציילן שטיל די אָדערן אף זיי...
מען שעפּטשעט וואס פון טוואוע און פּאָגראָם
פון אײדעם... פון גובקאָם... און פון אַמאָל,
אמאָל.
האָגלענדיקער, ציטעריקער קאָל
איינס צו צווייטס, איינס צו צווייטס
נעענטער מען רוקט זיך אלץ,
האראבקעלעך, פארפרוירענע, פארשנייטע
אין לייבעלעך מיט גרויע איינס צו צווייטס
מע וואַרעמט זיך אף פריזבעלעך פון אַלטס...
און קומען באבעלעך, און באבקעלעך פארגייען
מיט אייניקלעך מיט „קימען״ ניט געמאַלט
הארעבעלעך פון פריזבעלעך פון אלטס
מע בענטשט און לוליעט טאָכטערס פרייד.
און ניט ווייסנדיק אליין
און שטילערהייט
ראָזשינקעס און מאַנדלען מע פארזייט
און אף די וויעלעך
פון פויסטלעך און שטראַל
מיט א פארטרויעטס,
א פארײדישט ניגון
און אף רוסיש מורמלען
„אינטערנאַציאָנאַל״.

כאנע לעווין

מײַן שטעטל

דאס שטויביקע שטעטל איז שווער צו פארגעסן,
סע שטייט פאר די אויגן מיט רויכן פארוויִיט.
איך ווייס, אַז די שטויבן אין אַלטינקן געסל
האָט פעלדישער שטורעם געיאָגט און געדרייט.
מײַן זיידע פלעגט האַנדלען מיט גערשטן און קאָרן
(מ'האָט דעמאָלט אין שטעטלעך נאָך האַנדלען געמעגט)
דער שטאָלענער צוג איז אין פעלדער פאַרלאָרן,
דער וועג איז פאַרוואַקסן מיט רויכן פון טעג.
אין לוואָניקע שטעטלעך מיט קרעמערשע הענט,
וואָס טוען זיי איצט נאָך, די קרעמערשע יידן?
ווער ווייס, וואָס פון שטעטל איז איצטער פאַרבליבן,
צי וועל איך גאָר טרעפן פארסמאַלעטע ווענט...
דרייען זיך פעלדער און לויפן ווי יאָרן,
ערד איז פון אונטן און הימל איז הויך.
דער שטאָלענער צוג איז אין פעלדער פארלאָרן
דער וועג איז באַוואקסן מיט טעג און מיט רויך.
איך געדענק אים, דעם שטעטלשן הימל, דעם בלאָוון
(ס'אַליגן, דער הימל איז דאָרט ניט פאַרוויסט!)
נאָר ס'קערן נאָך הויבן די העק די קאַצאָווים
און ס'קערן זיך שפּילן נאָך קינדער אין מיסט.
צי לעבן נאָך זאַטע און בײַכיקע יידן
(זיי האָבן מיך שטענדיק אין שטעטל געזוכט).
וואָס טוען דאָרט איצטער די שוסטער און שמידן
(זיי שרייבן נאָך ווינציק אין „עמעס" פון זיך).
צי דרימלען נאָך הײַזלעך אָן טיר און אָן טויער
מיט שטרויענעם ציטער פאר ווינט און פאר קעלט?
צי האָבן שוין הײַזלעך דעם הילצערנעם גרויער
אין האַרבסטיקן שטורעם פאַרלאָרן אין פעלד?..

איך געדענק זיי די מאַרקישע שטויביקע פלעצער
(זיי האָבן מיך שטענדיק אין שטעטל געזוכט).
ווי לעבן דאָרט איצטער די ברידער, די זעצער,
ווי לעבן דאָרט יאַטן, אַזוינע ווי איך?..
מיר פאָרן שוין צו צו דער סטאַנציע דער לעצטער,
איך געדענק די סטאַנציע פון ווייס ווייסע נעכט.
אַ קויטיקער וואָקזאַל מיט פענצטער אויסגעזעצטע,
מיט באַלעגאָלעס טונקעלע מיט מידע טונקעלע פערד.
ניט איינמאָל האָבן מיר פון דעם וואקזאל געשאָסן,
ווען באַנדעס פלעגן קומען פון דערפל לעבעדין.
און אָט איז שוין לעם מיר דער באַלעגאָלע יאָסל
און אָט איז שוין אַף מיר קאַרגע, קאַלטע זון.
ניט איינמאָל האָט מען מיך אַף בוידעמער באַהאַלטן.
און אָט איז דער בעסוילעם, און אָט איז דער שפיטאל.
א דאָרט האָט מיך אַמאָל פעטליורעס שטאַב פארהאלטן,
א דאָרטן מיך געפירט צעבייטן אין אַ טאָל.
די פערדלעך לויפן גיך און געסלעך קרומע פינקלען,
און אָט איז שוין פון טיקאטש דער דרימלדיקער ברעג.
ס'איז יעדער געסל ליב און ליב איז יעדער ווינקל,
און אומעטום האָב איך געלאָזט אַ בינטל טעג.
און אָט איז דער פלאַץ אין שטעטלע דער גרעסטער
און אָט ליגט דער אַלטער פאַראַקשנטער מאַרק.
וואָס טוען דאָ מענטשן? מיין טאַטע? מיין שוועסטער?
נו, יאָסל, נו גיכער אַראָפ פונם באַרג.
נו, יאָסל, דערצייל מיר, וואָס טוסטו, וואָס מאַכסטו?
ווי לעבן דאָ יידן? וואָס הערט זיך בא דיר?
— „דאָס ווייב וועט איינגיכן מיר שענקען דאָס אַכטע,
איך זע אָפט דעם טאַטן, ער וואוינט הינטער לעם מיר".
אַ טרייב און אַ פאָר און די פערדעלעך לויפן,
אַ שפרונג איבער בערגל און אַ שפרונג איבער גרוב.
אָט פינקלען באַקענטע פארשלאָפענע הויפן

און אָט איז מיין טאַטנס געיאַרשנטע שטוב.
אַ טרויעריק שטיבל מיט פענצטער צעזעצטע
געלאַטעט מיט ברעטלעך, געלאַטעט מיט ליים.
לעם שוועל ליגט די זון און דאָס אלטינקע קעצל,
איך קאָן זי, איך זע זי, אָ דאָס איז מיין היים.
איך גיי איבער געסלעך. אַלץ איז געביטן.
בליען פאַרגאַנגענע יאָרן אין קאָפּ,
דערמאָנט זיך מיר פּיניע, דער דולער פון שטעטל,
דערמאָנט זיך דער שטעטלשער איינזאַמער צאַפּ.
ניטאָ איז שוין פּיניע, דער צאַפּ איז געפּייגערט.
פאַרגעסן איז לאנג שוין אין כיידער דער וועג.
די זון הענגט אינהויך ווי א מעשענער זייגער
און ציילט די פאַרגאַנגענע ציגעגע טעג.
און יאַנקעלע קליינער — אַ צוצעק, אָ, זע נאַר,
דערקענען איז יאַנקעלען קליינעם שוין שווער,
געוועזן אזאַ שוואַרצינקער נעפּעש אזוינער
— „איך בּין סען א כוידעס א יונגער פּינער"...
ווי אַלץ איז פאַרגאַנגען און אַלץ איז געביטן,
אַ טאָג צו א טאָג, ווי א שטיין צו א שטיין.
אָט איז אין זון דער קאָמיוג פונם שטעטל
און אָט איז דער קלוב פונם נאָדל-פאַריין.
איך גיי איבער געסלעך. אַלץ איז געביטן,
מע גייט און מע רעדט און מע פרישט און מע בויט,
דערמאָנט זיך דאָס אלטע, דאָס שטויביקע שטעטל
מיט קלויזן, מיט ציגן, מיט קלייטן און קויט.
אָט זע איך זיי ווידער די שוסטעריס און באָנדערס
מיט ברייטע גוט-מאָרגנס און טונקעלע הענט.
איך גיי איבער סעטקעס פון איינעם צום אַנדערן,
זיי האָבן מיך אלע דערקענט.
אָט זע איך זיי ווידער די שניידערס און שמידן
פאַרוויייט און פאַרלאָפן מיט שטויב און מיט וועג.

די פּראָסטע, די האָריקע וואָכיקע יידן
מיט האַמערס, מיט שערן, מיט זעגעס און העק.
אָט זע איך זיי ווידער, נאָר לויטערע, אנדערע
ס'איז גרינגער דער טאָג און ס'פּרעסט ניט די לאסט.
און איך בין שוין מער ניט קיין שטענדיקער וואנדערער —
איך בין שוין אין שטעטל אין פרייען אַ גאַסט.
אָט זע איך זיי ווידער די שמידן און באָנדערס
פאַרגרויט און פאַרעלטערט, איך האָב זיי דערקענט.
איך גיי איבער געסלעך פון איינעם צום אנדערן
און דריק זיי די האָריקע, וואָכיקע הענט.
ביילקע פונם הייזל האָט א טאָכטער אַ בונדיסטקע,
האָט לאנג פאַרמאַכט דאָס הייזל און האנדלט מיט געניי.
און פוסט איז היינט איר שטיבל, ווי אירע דאַרע ברוסטן,
און ווייט איז איר בען-יאָכיד באַ רויטע אין אַרמיי.
און „קעצעלע" דער דאַרדעק איז געשטאָרבן פאַראַיאָרן
זיין טאָכטער איז אַנטלאָפן קיין מאָסקווע מיט א גאָי.
זיין טאָכטער האט דעם טאטנס אַלעפּבייס פאַרלאָרן, —
זיין טאָכטער איז אַנטלאָפן קיין מאסקווע מיט א גאָי.
און בערל דער בונדיסט — דער פיינט פון ציעניסטן
האָט לאנג פאַרלאָזט די בינע און געעפנט אַ רונדוק.
זיין זון האָט זיך געזעגנט מיט טאטנס גרינע מיסטן,
דער זון האט זיך פאַרשריבן צו יאַטן אין קאָמיוג.
אַ שטעטל—שטאָל און אייזן, מיט שליאַכן און מיט בריקן,
אַ ווינטער האָט געצונדן, אַ ווינטער האָט געבויט;
אַ שטעטל — שטאָל און אייזן, מיט קלייטן און פאַבריקן,
מיט ארבעטער, מיט הענדלער, מיט פויערים און ברויט.
דאָ פלעגן מענטשן טיאָפּען אין פינצטערניש פון האַרבסטן
און טאַפּן אין דער פינצטער דעם טרויעריקן וויי.
און גוט איז מיר אַצינד פאַרן שטעטל, פאַרן האַרציקן,
און וואויל איז מיר אַצינד פאַר אַלעס, וואָס איך זע.
שמילעק קאָנאַרעק, דער כאזן און טענדלער

איז פול מיט געשעפטן און רויט ווי קומאַטש,
איין טאָג א כאַזן און זעקס טעג אַ טענדלער,
ער האָפט, אז אינגיכן וועט קומען דער דייטש.
— „וואָס וויסן קויטיקע גראָבע כאַלאָפּעס.
— „עמעס סע פּראַוון דאָרט יידישע קעפּ״.
שמילעק קאַנאַרעק האנדלט מיט שליאַפּעס,
שיינדל זיין מוטער האנדלט מיט טעפּ.
ער זאָגט, אַז פאַר יידן איז גוט די קאָמונע,
זי איז פול מיט געשעפטן און רויט ווי קומאַטש;
נאָר קומט אַ יאָמקיפּער, צי קומט ראָשעשאנע
בעט ער, אז גאָט זאָל אים שיקן דעם דייטש.
שמילעק קאַנאַרעק, דער כאַזן און טענדלער
איז פול מיט געשעפטן און רויט ווי קומאַטש
איין טאָג אַ כאַזן און זעקס טעג א טענדלער
ער האָפט, אז אינגיכן וועט קומען דער דייטש.
שאבעס פאַרנאַכט — צייט פון האַוודאָלע.
ניט קיין האַוודאָלע — אַ לעוואָנע בליט.
ווערן לעוואָניקע געסלעך מיט שטויבן פאַרסמאַלעט,
מיט מיידלעך, מיט יונגע באַשיט.
טוליענע מיידלעך מיט טוליענע זאָקן
ענגלישע רעקלעך און ענגלשע שיך
זיי האָבן געלייענט מאַיאַקאָווסקין און בלאָקן
און וויסן ניט אַרקען, איזין און מיך.
מאָרגן איז זונטיק, גרייטן זיך טאַטעס:
— זיין וועט אין שטעטל אַ גרויסער יאַריד,
מיידלעך און בלאָק איבער שטעטלשע בלאָטעס.
לעוואָניקע געסלעך מיט שטויביקע טריט.
אַף מאָרגן, נאָך גראָוון הונגעריקן שאבעס
האָב איך באגעגנט דעם שאמעס פונם קלויז.
ער האָט אין יאָר אין ניינצנטן פאַרקויפט די לעצטע שקראבעס
און איז ביז היינט געבליבן אַ שאמעס פון זיין קלויז.

נאָר וואָכן גייען גיך און קלויזן ווערן ליידיק
און לעבן איז אַצינד שאַמאָסים זייער שווער.
ער בעט באַנאַכט צו הילף דעם שפּאָלער זיידע,
און וואָלט באַטאָג אין סעקציע געוואָרן אַ קורייער.
לעם קלויזן גייט מען אום מיט ביכלעך און מיט שטערנדלעך,
און קלויזן שטייען שטיל און אומעטיק און שווער.
נאָר שיקסלעך זיצן דאָרט און מעסטן קערלעך
און צאַפּעס בלאָנדזשען אום און טרייסלען מיט די בערד.
מיין טאַטע איז א ייד אַ הייגטיקער, אַ קלוגער,
אַ מאַמזער — אַ ייד מיט א קלאָרן פאַרשטאַנד,
ער איז דאָ געבוירן און געבליבן אַ היגער,
און איז שוין אין קלויז ניט געווען אַ יאָר צען נאָכאַנאַנד.
מיין טאַטע פלעג אויך אַמאָל שרייבן ראָמאַנען און לידער
און אַפילע געהאַט א געדרוקטן אייגענעם בוך,
מיין טאַטע איז מיט מיר אַן אַלטער גוטער ברודער,
ער האט אָבער ניט געשריבן אַזוי גוט ווי איך.
מיין טאַטע איז אַ ייד אַ הייגטיקער, אַ לערער,
מיט אַ יונגן בליק און אַ האַרץ, וואָס ברענט,
אין דער צייט דער רוישיקער און שווערער
ניט איינמאָל באַהאַלטן מיך פון סוינעס הענט.
מיין טאַטע גייט מיט מיר און איז צופרידן
און איך דערצייל פון נייסן און פון שטעט,
באַ זייטן טייטלען מיט די פינגער היגע יידן:
— „שאָלעם פעפער גייט מיט זיין פאָעט".
סטערלינגען, טשערוואָנצעס, רענדלעך —
לופּטיקע ווערטער און לופטיקע טעג
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פינעט מענאַכעם - מענדל
אַף זיין אַלטן שימלדיקן וועג.
זיינע שאָען קויטיק נאָך און קרעציק.
עפּעס שטיקט נאָך, עפּעס וואַרגט נאָך מיינע טריט,
מענאַכעם - מענדל הוליעט נאָך אף אַלע פלעצער

און ער דרייט זיך און ער פרייט זיך און ער פליט.
אומעטום אין אלע שטעט און לענדער
וואַרטן פלעצער אַף אַזוינע טעג.
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פינעט מענאַכעם - מענדל
אַף זיין אלטן שימלדיקן וועג.
פון יענער זייט שטעטל ליגן לעדערנע פאַבריקן,
דאָרט אַרבעטן מענטשן געלע און פעסטע ווי פעל.
ליגן פאַבריקן פון יענער זייט שטעטל, ווי בריקן
צווישן שטעטל און פעלד.
פון יענער זייט שטעטל זיינען מענטשן האַרטער און העכער —
אַלע וואָך א פארזאמלונג און אַ זיצונג אלע וואָך.
קאַפּעו זילבערנע שטערנדלעך פון הויכע, פון פינצטערע דעכער
און באַלויכטן די קעפ אין דעם שטויביקן מאָך.
פון יענער זייט שטעטל איז פריש. דאָרט אָטעמט מיט אייזן,
דאָרט אָטעמט מיט שטאָל און מיט שיין און מיט פעל.
פון דאָרט גייט אַ פעלענע פרישקייט אַף יעטווידער הייזל
פון שטעטל און פעלד.
ס'איז יעדער שטיבל גרייט פאַר נייע לידער,
פאַר נייעם גליק איז גרייט דאָ יעדער שטיין,
אַ מונטערער און מידער
בין איך אַוועק אַהיים.
אַ מוטנע ריטשקע רינט, ווי ביאַליקס מוטנע טרערן,
אַ זאָקן זיצט און זיפט דעם וויינענדיקן פרוג.
אַף האָלאָסראַקאָווקע שפּאַצירן פּיאָנערן
און אַפן מאַרק האט זיך צעזונגען דער קאָמיוג.
געסלעך זינגען היינטיקע פּאָעמעס,
קלינגט מיט זון און רענדלעך דער מעסלעס,
מיין טאטע זיצט און לייענט דעם מאָסקווער „עמעס"
און טרוימט פון אַ קאָלאָניע לעם אָדעס.
שטייט דער בייסוילעם פון יענער זייט שטעטל
שטייט מיט געבויגענע צאמען לעם טאָל.

דער אלטער בעסוילעם האט אויך זיך געביטן —
ניטאָ שוין די שטענדיקע רו פון אַמאָל.
געדענקט ער, דער רואיקער אַלטער בעסוילעם
די קלאָגן די ווייטע און שטילן געבעט.
באַנאַכט פלעגן פייפן פאַרבלאָנדזשעטע קוילן
און צינדן די צאָמען אַ ברעט נאָך אַ ברעט.
דאָרט, ווען אין קרעציקע שטיבלעך און הויפן
איז גראָוער דער מאָרגן און קעלטער די זון,
אַהער פלעגן יונגען פון זעלבסטשוץ אַנטלויפן,
ווען באַנדע פלעג קומען פון דאָרף לעבעדין.
כ'שטיי און באַטראַכט דעם בעסוילעם פון שטעטל,
פונקט ווי אין שטעטל — צוויי רייען באַם שליאַך,
שטיינערנע צאָמען און הילצערנע ברעטלעך
אַלע באַדעקט מיטן הימלשן דאַך.
דאָ האָט געוויכערט מיט בלוט און מיט פייער,
דאָ האָט געלאָקערט אַ נאַכט אינם טאָל;
דאָ איז געוואַקסן אַ קיווער א נייער,
אַהער זיינען יאַטן געקומען אָן צאָל.
אַהער פלעגן קומען באַהאַלטן זיך זקיינים
פון שטעטלשן פאַכאַד און בוינעשע טעג,
און ס'פלעגן זיך טראָגן פון דאַנען געוויינען —
פאַרלאָזטע געוויינען אַף שטעטלשן וועג.
שטייט דער בעסוילעם פון יענער זייט שטעטל,
שטייט מיט געבויגענע צאָמען לעם טאָל,
דער אַלטער בעסוילעם האָט אויך זיך געביטן —
ניטאָ שוין די שטענדיקע רו פון אַמאָל.
נו איז וואָס, אז מ'האט מיך געמאַלעט
און געפּראוועט, ווי באַ יידן אַ בריס.
ס'האָבן פעלדישע ווינטן פאַרסמאַלעט
מיינע ווייסע פאַרדרימלטע פיס.
דאָ טרוימען נאָך יידן פון טשאָלנט,

יאטן בענקען נאָך רויך און נאָך פלאַם.
אַכט יאָר אַף פעלדער און טאָלן
אונטער הימלשן בלויען יאַם.
מע קען מיך פאַר א גוטן און שטילן,
פאַר אַסאַך איז מיין ערלעכקייט קאַרג,
כ'האָב קיינמאָל ניט געלייגט קיין טפילן
און קיינמאָל ניט געהאנדלט אין מאַרק.
נו איז וואָס, אַז מ'האָט מיך געמאלעט
און געפראוועט ווי באַ יידן, אַ בריס,
ס'האָבן פעלדישע ווינטן פאַרסמאַליעט
מייגע ווייסע פאַרדרימלטע פיס.
און מיין פאַרסמאַליעט האַרץ פרייט זיך,
און מיין בלויער בליק צעהעלט
זעען יידן געזונטע און וויצענע,
יידן פון פראַנט און פון פעלד.
און גוט איז פון היינט און קעסיידער
איך זע, אַז איך בין ניט אַליין,
אין קרעציקע וועגט פון כיידער
זיינען מענטשן געבוירן ווי שטיין.

אי. פעפער

אין שנייען *)

דער שניי האָט געיאָמערט, דער שניי האָט געריסן,
אומעטיק און ברויגעזדיק פאַרהויבן די שטימע.
האָט זיך געדאַכט איר: זי זיצט דאָ אין טפיסע,
זי וועט שוין ניט קאָנען אַנטלויפן פון צימער...

*) פון פּאָעמע „ליבע און לעבן".

הינטערן פענצטער שפּאַנט אום אַ וועכטער,
שפּאַנט אום אַ וועכטער אין הילכיקן שפּאַנען,
שפּאַנט ער דער וועכטער, אין ווייסן געלעכטער,
אין ווייסן געלעכטער פון ווייסע בוראַנען.

שאַרפע מעטעליצעס, און שנייען-זאַווייען
האָבן פאַרשאָטן שוין אַלץ, וואָס געווען דאָ.
זיינען אין שטעטל פאַרבליבן נאָר צווייען:
זי — און דער שטורעם, דער וויסער, וואָס בלענדט דאָ

...אין שטילקייט איר צימער.
צינדט זי אָן אַ ליכט,
און ס'ווערט דאָס צימערל באַקאַנטער און געראַמער
שאָטנס לייגן זיך אַף איר געזיכט,
אַף העפטלעך דינינקע,
אַף דיאַגראַמעס.

דאָס האָבן קינדערלעך מיט ציטעריקע הענט
פון האַיאָר די גערעטעניש פאַרצייכנט.
לייענט זי.
און אַף די דאַרע ווענט: —
מענדעלע
און לענין — אין אַ שמייכל.

און הינטער פענצטער — ליגט א ווייסע נאַכט
און ווייכע שנייען לייגן זיך און לייגן.
עס האָט די לערערן אין מידקייט זיך פאַרטראַכט.
דער שלאָף בלייבט שטיין אַ קלאָרער אין די אויגן . .

וואָס זאָל זי טאָן? ניט זיכער איז איר האַנט,
און זי אַליין מיט ווייסן ניט באַלאָדן.

געפּרואווט האָט זי מיט פּאָרכט דעם דאַלטאָן-פּלאַן
און עפּשער האָט זי אָנגעטאָן נאָך שאָדן...

ע, זאָל זיין! און ווי ס'וועט זיין, וועט זיין.
כאָווער דאַלטאָן, אַי דו, כאָווער דאַלטאָן.
און ס'דאַכט זיך אויס — אַזויפיל שטיקער שיין
ליגן אין די העפטעלעך באַהאַלטן...

וועט זי דאָס אויסגראָבן! און אַף די דאַרע הענט
ברענגען פאַר די קינדערלעך אַף שטענדיק.
האַלבע נאַכט.
די ליכט האָט שוין דערברענט,
און זי האָט נאָך איר אַרבעט ניט פאַרענדיקט...

וואַכט איר קאָפּ פאַרבויגן און פאַרקניט
אַף ווייסקייט טונקעלער פון בויגנס.
און ברוינע מאַנדלען שווימען מיד
אין גאָלד, אין וואַרעמען פון אירע אויגן...

דריטער לימעד

אין די הימלען שווימען בלויע רויכן,
ווייסער פראָסט, — ווי צוקער אַף די ציין.
ווייסער שניי-טאָג. הויבט זי אָן צו שמייכלען
און פארכאַפּט זיך, הויבט אָן ווידער גיין.

גייט זי אום אַ גרינגע איבער צימער,
אנטקעגן פענצטער לייכט א רויטע זון.
ווען ניט איר מידע, אָפּגעהאַקטע שטימע,
וואָלט זיך גלויבן: זי מוז גאָר זיין געזונט...

הערן קינדער. שרייבן אין די העפטן.
דריטער לימעד באַ דעם דריטן קלאַס.
ווייסער שניי־טאָג — אויסגערוטע קרעפטן
קייקלען זיך אום קלאָרערהייט אין גאַס.

מידע שטימע. העפטן. קינדער הערן.
ווייסער שניי־טאָג, און דער הימל בלויט...
אַף איר ברוינעם, אָפּגעדעקטן שטערן
זעצט זיך שטיל אַ לייכטער, דינער טוי...

און ליכטיק זאָל זיין!..

מאַמעס זיינען מאַמעס, — זיינען זיי ניט בייז,
נאָר די טאַטעס קוקן שווער און ברויגעז:
וואָס וויל מען דאָ פון זיי?
וואָס מאָנט מען דאָ פון זיי?
מע לאָזט זיי גאָר ניט אויסרוען אַ שאַבעס.

און פּיזשיקלעך,
זיי פילן זיך,
ווי גרויסע,
שטייען זיי און נעמען אוף די געסט.

— — האָט אַ יינגעלע געלייענט „א באַריכט",
האָט א מיידעלע געלייענט „א געדיכט",
האָבן עלטערן געשוויגן און געשמייכלט.
דערנאָך האָבן די קינדערלעך געזונגען,
דערנאָך האָבן די קינדערלעך געטאַנצט — — — —

און לייבע דער שמיד, אָט דער האָריקער בער,
איז געזעסן, געשוויגן, געקוקט אַף דער ערד

און שווער זיך געדרייט די פאַרויכערטע באָרד.
גיט ער זיך פלוצלונג אַ שטעל אויף פון אָרט,
אַ זעץ איבער טיש און אַ זעץ זיך אין ברוסט:
— „כ'וואָלט אויך דאָך די אויסיעס די שוואַרצע געוואוסט,
האָט מען מיך לערנען אַמאָל ניט געקענט?!"
און האָט זיך פאַרהאַקט, און האָט זיך פאַרשעמט,
אוועק אָן א זייט, זיך געזעצט אַף זיין אָרט
און געדיכט זיך פארדרייט אין דער אייגענער באָרד.

לייענט מען, הערט מען, עס פאַלט צו די נאַכט,
איז לייבע אַרויס און ס'איז לייבע אריין,
פון ערגעץ א לאָמפּ אַהערצו געבראַכט:
— „וואָס זיצט איר אין כוישעך? — און ליכטיק זאָל זיין!"
האָט דער אוילעם צעלאַכט זיך, — „אַי, לייבע דער שמיד,
עס איז דאָך נאָך שאַבעס און דו ביסט אַ ייד".
איז לייבע געבליבן פארלאָרן און הויך.
האָט דער אוילעם געלאכט און געלאכט האָט ער אויך...

די עקסקורסיע איז פאַרענדיקט...

„...קינדערלעך פריילעכע, פון אומעטיקע הייזער,
נאקעטע און באָרוועסע מיט בלויע־ברוינע פיאַטעס,
קומט מיט מיר, קינדערלעך, קומט, איך וועל אייך ווייזן,
ווי ס'לעבן דאָ אין שטעטלע די הונגעריקע טאַטעס.

מיר וועלן דאָ היינט אויסציילן די הייזער און די הויפן,
און וועלכע קראָמען לעבן נאָך און וועלכע מוזן פאלן.
מיר קענען דאָך שוין רעכענען: כיבער־כיסער־קויפל
און טיילן קענען אַלע שוין? — „יע, מיר קענען אַלע." —

זײַנען זײ געװעזן שוין באַם שנײַדער און באַם שוסטער
(װײסן דאָס די קינדערלעך און — „אױך מיר אַ מעציע!״).
דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט: אַ הײזעלע — אַ פּוסטקע,
נאָך אײנע, און נאָך אײנע — אַף אױסגעדרײטע קניען.

האָט זי געטראַכט אַ װײַלע דאָ און לאַנג האָט ניט געדױערט.
— „װײסט איר גאָר װאָס, קינדערלעך,
די עקסקורסיע איז פאַרענדיקט!״
עס װילט זיך ניט, אַז קינדער זאָלן קענען אָט דעם טרױער, —
קינדער דאַרפן אױסװאַקסן אין ליכטיקע לעגענדן...

?...

װאָס דאַרף איך שאָף און רינדער,
אַז אַ רינד בין איך אַלײן. — — —
— — — — — — — — — —

קינדער מײַנע, קינדער,
שװער מיט אײַך צו גײן.

װאָס קען איך און װאָס דאַרף איך
און װאָס איז מײַן פאַרמאָג?
װאוהין װעט אײַך פאַרװאַרפן
דער מאָרגנדיקער טאָג?

עס איז דאָך אײַך געגעבן
אַזױפיל אַף דער ערד.
איר װעט נאָך עפּשער לעבן
אַף די אוראַלער בערג.

און עפּשער װעט גאָר טולע,
און עפּשער װעט גאָר קרים,

אופנעמען מיט פולן
אָט די נייע זין...

און איר וועט ווערן גרעסער
און העכער — דער געמיט...
און איר וועט מיך פארגעסן,
און עפשער... וועט איר... ניט...

שווייגן מיינע קינדער
און מיינען, אז איך וויין. — — —
קינדער מיינע, קינדער,
איך בין א קינד אליין...

און זי דערזעט...

דער פאַרהאָרעוועטער קרייז איז געזעסן און געהערט
און זי האָט גערעדט, זי האָט ניט גאָר הויך געקלערט...
אַז אָט, אויך זי דערפילט זיך פלוצלינג שוואַך.
און ווען אין ווייסער שטילקייט ליגט א ווייסע נאַכט,
פאַרווילט זיך איר ארויף צום קלויסטער־גלאָק און — באַך!..
מע קלינגט,
מ ע ק ל י נ ג ט!
מ ע ק ל י נ ג ט!!
און מעשענע געשרייען
קייקלען זיך און קלאָגן אין דער הויך.
באַלד וועט זיך א שטעטעלע אַ ווייסינקס דאָ דערפרייען,
וויקלען־און־פאַרוויקלען זיך אין רויך.
מע וועט זיך רייסן
פון די הייזער,
פון די שטעטלעך
און אין פלאַם אַריינוואַרפן דעם סקאַרב.

און מע וועט רעטן,
רעטן,
רעטן,
און צום אַלטן שטעטל: — שטאַרב!
פון די זומפן,
פון די גרונטן,
פון די בלאָטעס,
וועט מען אָנפירן דאָ פעטע בערג מיט טאָרף,
און ס'וועט א לעבן זיך צעוואַקסן דאָ געראָטן
אין דאַמף... אין רויך...
און כיעס איבער דראָטן
ווי וואַרעם בלוט וועט צושטראָמען צום דאָרף...

— — — — — — — — — — — — — —

און עפשער נאָר דערפאר, ווייל זי האָט הויך גערעדט,
און עפשער גאָר דערפאַר, ווייל ס'איז געווען שפעט,
און ווייל די ווינטער־נאַכט איז אויפגעגאַנגען קלאָר, —
האָט פלוצלינג זיך דער קרייז אַ שטעל געטאָן פון אָרט...
און זי האָט זיך פאַרהוסט... זיך אָנגעכאַפּט באַם האַרצן...
און איז געוואָרן רויט און נאָכדעם בלייך־ און בלאַסער
און שטילערהייט געבעטן: — „אַ־אַ־ביסל וואַ־סער!"

גאָרנישט

גאָרנישט. אַ לעוואיע. וואָס איז דאָ געשען?
אַ מענטש איז היינט געשטארבן. געווען און ניט געווען.

דרייצן פערבן קאָמיוגיסטן האָבן זיך פארטראכט...
פירונפערציק פיאָנערן האַלטן דאָ די וואַך.

האָט מען צוגעמאַכט די טירן און פון שטוב ארויס.
גייען אַלע נאָך דער מיטע, שווייגן קליין און גרויס.

האָט ווער „צדק" אויסגעשריען און געוואָרן שטיל...
רואיק, רואיק, זאָל זיין רואיק! אַלטער קלעזמער, שפּיל!..

רואיק, רואיק, זאָל זיין רואיק! הויבט די מיטע הויך —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

... און לייבע דער שמיד, אָט דער האָריקער בער,
האָט די מיטע פּאַוואָליע געשטעלט אַף דער ערד.
איז געבליבן געבויגן. אַ זאָג געטאָן: „ניין!"
און שטיל אַף א קינדערשן קאָל זיך צעוויינט...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען עס האָט דער באָכער איינגעשפּאַנט דעם שליטן, —
האָט מען שוין געטראָגן שטילערהייט די מיטע.

און ווען ער האָט צעיאָגט ז ך — פלינקע פייל פון בויגן, —
האָט מען איר מיט שערבלעך צוגעדעקט די אויגן...

און ווען ער איז אין שטעטל געקומען אָן אַן אָטעם, —
האָט מען שוין דאָס מיידל מיט פרישן זאַמד פאַרשאָטן.

МЫ — МОЛОДАЯ ГВАРДИЯ...

לופטיקע הימלען, צעוויקלטע, קלאָרע,
לופטיקע, קלאָרע — אין האַרבסטיקן אומעט.
סקריפּעט דער וואָגן אין לאַנגזאַמען פאָרן,
ווען וועט זי אָנקומען? ווען וועט זי קומען?

שווער ווערט דעם זאַמדיקן לאַנגווייל פאַרטראָגן, —
וויאָרסטן און וויאָרסטן און וויאָרסטן און — ווידער...

זי טוט זיך אַ הויב און א וואלגער אין וואָגן
און טוליעט צונויף אירע דאַרשטיקע גלידער...

קען זי ניט ליגן א שטילע אוןווארטן.
— „לאָז!״ און זי גיט זיך א ריס פון דעם וואָגן.
— „העי, באַלעגאָלע! און פרואוו מיך דעריאָגן!״
און ס'טאַנצט שוין די זון אף איר לעדערנעם גארטל.

געדענקט, אַז דער געזונט...

ס'איז קיינער ניט ארויס דעם נייעם גאַסט אַנטקעגן
און קיינער האָט מיט ווערטער ניט דערפרייט.
זי איז באַ זיך אין צימערל געלעגן
און שטיל געקוקט, ווי אַווגוסט-זון פארגייט.

באַלד זיינען געקומען די קוסטארן
און האָבן זיך דא רונד ארום צעשטעלט.
— „און כאווערטע...
— און זאָל אייך גאר ניט ארן,
און מיר וועלן פאריכטן דאָ, וואָס ס'פעלט...

און איר געדענקט, אז דער געזונט איז טייער,
הערט איר, וואָס מיר בעטן אייך, טאָ זעט...״
דערנאָך האָט מען דאָ אָנגעצונדן פייער
און מע האָט זיך שמייכלענדיק צעזעצט.

א. כאַריק

רוישיקע זאַנגען *)

* * *

שפּאַן איך איבער גאַס און ווער נישט מיד צו קוקן —
דאַכט, דיזעלבע מענטשן, נאָר אַן אַנדער שפּראַך.
אויס פֿאַרזאָרגטע זיפֿצן, ניט געבויגט דער רוקן,
קיינער וואַגט נישט ריידן נאָר פֿון אייגענעם דאַך.

אין די גווירימס הייזער נייע ליכטלעך ברענען,
אויגעלעך ווי קאַרשן, הערעלעך ווי פֿלאַקס,
קינדער פֿון קאַפּצאָנים לערנען, ווער איז לענין,
קינדער פֿון קאַפּצאָנים וויסן, ווער איז מאַרקס.

וואָס זשע מאַכט יעשיקע? נאַ דיר, ברודער, שאָלעם,
איך געדענק דיין כויזעק, איך געדענק דיין שפּאָט.
האָסט אין שול געשריען, אז מיין וואָרט איז כאָלעם —
רייכע בלייבן רייכע דאַלעס איז פֿון גאָט.

נו, און איצט, יעשיקע, וואָס זשע וועסטו זאָגן?
רייכע בלייבן רייכע, דאַלעס איז באַשערט?
שפּילט נאָך איצט דער הונגער אויך א מאַרש אין מאָגן?
און צום שוועל פֿון פֿריידן איז דער וועג פֿאַרווערט?

ס'האָט מיין אַלטער כאַוועד אָנגערוקט די קעפּקע,
דעם פּידזשאַק פֿאַרשפּילעט ביזן לעצטן קנאָפּ:
„— עמעס, כאַוועד כאַיעם, ס'האָט געפֿעלט א קלעפּקע,
פּונקט די בעסטע קלעפּקע אינם פּוסטן קאָפּ.

---

*) קאַפּיטלעך פֿון דער פּאָעמע אונטער דעם זעלבן נאָמען.

גיי און זיי א נאָווי, אז דאָס אַלטע שטייסל
פלוצלינג וועט זיך געבן גאָר קאַפּויר א דריי:
בראָצקען וועט מען געבן פון דער מיל א טרייסל,
מאַמעש ווי מע טרייסלט פונם העמד די פליי.

פינצטער בין געווען, און געלאַכט ווי אַלע —
זאָל א יינגל פּלאַפּלען, בעבען זאָל א שנעק,
ניט געכאָלעמט האָב גאָר — איך, יעשיקע דאַלעס,
זאָל פון זיסן האָניק כאַפּן אויך א לעק".

אופגעשמייכלט, פריילעך, האָט מיין אַלטער כאָווער
אַ ציגאַר פאַרויכערט און א צי — פאַר דריי,
פון די קראַנקע לונגען, ווי א קיילעך זשאַוועך,
קוים ארויסגעריסן א פאַרגעלטן שפּיי.

זיינע פינגער — צוועקעס, קרומע און צעבויגן,
בלוילעך און צערעפּעט איז די גראָבע ליפּ.
ליכטיקער און יונגער פינקלען נאָר די אויגן
און די שטים פאַרלוירן האָט איר אַלטן סקריפּ:

— „האַלעוואַי אף וויטער זאָל מיך פרייד ניט וויכן
צוגעקומען בוימל איז אין אַלטן קנויט.
וואָסער, וואָסער קרומער קאָן צו מיר זיך גלייכן:
גאָט נאָר אינם הימל מאַטערט זיך אַף טויט".

א פלייצע האָט פאַרנויגט זיך, א רונדע און א דיקע,
יוירעד אינם גענגל, בלוי די רויטע נאָז.
שפּאָטיש זיינע וואָנצעס האָט פאַרדרייט יעשיקע
און צו מיר געווענדט זיך: „קענסט אים ניט דעם האָז?

ס'איז פאַציוק דער גאַלעך. הא, געדענקסט זיין שלייער?
ווי א שווערד דער שטעקן, הערשער אינם בליק,

איצטער — איבער הייזער טראָגט ער קוישלעך אייער
און די ווייב די דילן וואַשט אַצינד אין „ריק".

און דעם ראָוו געדענקסטו? הא, א סאָף צום שווינדל:
א פּאַטענט געגומען, אויך מיר א קוסטאַר,
זאָקן שטריקט דער רעבי, שטריקט אַף א מאַשינדל,
זי פאַרקויפט אין מאַרקן טיי פון סאַמאָוואַר.

יאָ, דערלעבט נעקאָמע, אַי, אדאַנק אייך, יאַטן,
בראָצקע איז ניט בראָצקע. אויסגעדאַרט זיין קאַרק,
אָפּגעהוליעט יאָרן, א רועך אין זיין טאַטן,
איצטער פאַרן קאָלנער, און אַראָפּ פון מאַרק.

טאָג און נאַכט געשיקערט און געפרעסן יאַיכלעך,
נאָר פון אונדזער פּראַצע סעדער זיך געפּלאַנצט,
בראָצקע זיינע דינסטן אָנגעשטעלט האָט בייכלעך,
און דערנאָך האַקאָפּעס קעגן גאָט געטאַנצט.

איצטער, דאַרט די קישקע. אָפּגעטאָן די בראָכעס?
ניט געוואוינט צו שלאָפן אַף דער האַרטער בעט?
בראָצקע אַף דער עלטער האָט שוין נאָר קאַדאָכעס
איך — א שיינע וואוינונג און א פּראָפּבילעט".

ס'האָט מיין אַלטער כאַוועך אָנגעברויזט די ברעמען
עמעצן באַשאָנקען מיט א האַרבן וואָרט,
מיט די קרומע פינגער אָנגעהויבן קעמען
דעם געדיכטן קאָלטן פון דער גרויער באָרד.

— „ווייסט דער שעד פאַר ועמען אַלץ געמאָלן גריקע,
ביזן האַלז אין כויועס און אין שטויב ביז קני,
איצטער, הא! דערלעבט זיך! — דיפּיטאַט יעשיקע!
און אין לאַץ א צייכן ערן - העלד פון מי.

עך, א שאָד, א שאָד נאָר, וואָס צוריק מיט יאָרן
ניט געכאַפּט די פלאַפּלער פאַר די קודלעס האָר,
העי! ווי ווייט אין פּאָסעק וואָלטן מיר פאַרפאָרן,
ווען מע בענטשט די גווירים נאָך אין פינפטן יאָר!״

ליכטיקער און יונגער פינקלען זײַנע אויגן,
יאָנטעוודיק און פרייַלעך פליסן זײַנע רייד.
אין פאַרוועלקטן אַפּל, ווי א רעגנבויגן,
האָפענונג און גלויבן בליט אין שטאָלצער פרייד.

— „נאָר, נישקאָשע, ברודער, מירן נאָך דעריאָגן,
זאָל דערווייל נאָר שלאָפן די אנטווייַנטע ביקס.
אַף די טעג און יאָרן וועט דער דאַלעס קלאָגן
און דערשראָקן לויפן, ווי פון שאָס א פיקס.

שוין זיין טאָג געשטאָרבן,
זאָל ער רייסן קריע,
ווייַנען קאָן אים העלפן נאָר א שוואַרצע קראָ,
אופגעשטעלט א לעבן, דאַכט, פון שיע פּיע,
און מיט נייע זאַנגען ווינקט שוין יעדע שאָ.

זעסט דאָך לעקטרע ברענט שוין, ברענט אַף אלע ראָגן,
צווישן מיר און סטיאָפּקען שטייט שוין ניט קיין וואַנט
איצט אַף אונזער געסל איז א גרויסע כאָגע:
איך — יעשיקע עוויען, בין דער האַר פון לאַנד.

וואָס זשע זאָל איך בראַיען, סע מיר נאָר פאַרדריסלעך,
וואָס אין די פאַריזשן הויבט זיך נאָך ניט אָן,
צייט שוין די בורזשויען נעמען פאַר די פיסלעך,
פונקט ווי צו קאַ־אָרעס א געפּענטן האָן.

שפּאַן איך איבער גאַס און ווער נישט מיד צו קוקן —
דאַכט, דיזעלבע מענטשן, נאָר אַן אַנדער שפּראַך.

אויס פאַרזאָרגטע זיפצן, ניט געבויגט דער רוקן,
קיינער וואַגט נישט רעדן נאָר פון אייגענעם דאַך.

* * *

פוסטע רונדוקלעך, פאַרבראָנזעטע צויגן,
שטעלן, געוועלבלעך, די דעכער צעפליקט,
זיצט זיך א קרעמער אינדרייען געבויגן,
זיצט, ווי צעווישן מאַצייווס פאַרוקט.

טראָגט פון רונדוקלעך מיט שאַרפער האַשטאָנע,
שילדן זיי סקריפען אַף ראָסטיקן צוויאָק.
וואַרט אף אַ קוינע א וויסטע אַלמאָנע,
וואַרט מיטן אַלטן, פאַרשמאָלצענעם ראָק.

וויגט זיך דער קרעמער און וואָלקנט די ברעמען,
זיצט ווי א ווערבע אין רושיקן ווינט,
פוסטע געוועלבלעך זיין טרויער פאַרנעמען,
פוסטע געוועלבלעך און בלאָנדזענע הינט.

יאָגן זיך ווינטן מיט שטויביקער גווירע,
ס׳פּאָנעם באַם קרעמער גיט פיינלעך א צוק, —
וואַרט ער א קוינע? צי עפשער גאָר שיווע
זיצט ער נאָך לעצטן, פריוואַטן רונדוק?

פליגן באַשמוצן זיין לעצטן פאַרמעגן,
פלעקן זיין פּאָנים און בייסן זיין קאַרק.
וועמען פאַרופן? צו וואָס זיך באַוועגן?
א גרויסער בייסוילעם דער שטעטלשער מאַרק.

שווער אַפן האַרצן, אין אויער עס גראַגערט,
פונקט אים אנטקעגן כאָטש נעם און קראַפיר:

קאַפּאָפּעראַטיוון — מאַמעש באַלאַגערט:
הונדערטער קוינים באַ יעטווידער טיר.

זעלטן נאָר, זעלטן, מיט בייזן „אין טאַטן"
פליט ווער ארויס מיט א רוישיקן יאָג:
„— כאַפּט אים דער טייוול, זאָל זיין באַם פּריוואַטן,
אַבי אין דער ריי ניט צעטרענצלען קיין טאָג".

נאַכט שוין — או, דאַרטן אלץ רייען און רייען,
נאַכט — און באַם קרעמער די אויגן פאַרבענקט,
בריען נאָך בריט אים אין האַנט די מאַטבייע,
ווי ס'וואָלט א נעדאָווע דער קוינע געשענקט.

פליגן באַשמוצן זיין לעצטן פאַרמאָגן,
פלעקן זיין פּאָנעם און בייסן זיין קאַרק,
צווישן מאַצייוועס, פאַרזאָרגט און דערשלאָגן,
דער קרעמער אַלץ קוקט צום פאַרשטאָרבענעם מאַרק,

זיצן, זיצן זיבן יידן נעבן בייסאַמעדרעש.
יינגעהויקערט, איינגעבויגן, זיצן פּוסט און פּאַס,
רעדן קלוימערשט, רעדן היציק וועגן לעצטער סעדרע,
און די אויגן לויפן וועלפיש, נישטערן אין גאַס.

זיצן זיצן זיבן יידן נעבן אַלטן ביניען,
זיבן, זיבן הענט פאַרביטערט קראַצן זיך אין באָרד.
ניט געלונגען איז צו מינכע אויפקלייבן אַ מיניען,
עפּשער, עפּשער וועט צו מאַיר עוו עמעץ קומען פאָרט.

פונקט אַנטקעגן פאָרט אַ פורל און אַ ייד מיט לייצעס;
לויט די יאָרן, לויטן פּאָנעם, ניט פון כעוורע מאַרקס;
לויפט דער שאַמעס אים אַנטקעגן, פרייד צעוויגט די פּלייצע:
— „אַי, רעב ייד, באַשערט אַ מיצווע, שטעלט נאָר אָפּ די אַקס.

זעט איר, זיבן יידן וואַרטן, זיבן גאָטס קאַזאַקן,
און די שול איז פּוסט און עלנט, ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק״.
קוקט דאָס יידל וויבאַם שאַמעס בלייכן זיך די באַקן,
און די פּערד, ווי אומצופרידן, דרייען מיטן עק.

— „המ... אַ מאַירעוו, אויך אַן אַרבעט, טייער יעדער רעגע,
אינעם קאָלעקטיוו די ווייצן פאַלן פונעם זאַיג,
אויסער דעם, פאַרשטייט איר, שאַמעס, שפּעטלעך מיך
באַגעגנט —
צו דער כעוורע אַפּיקאָרסים איך געהער ניט לאַנג.

זיצן, זיצן זיבן יידן, — נאַכט אין בלויע שטראָמען,
צאַרט און ליכטיק די לעוואָנע זילבערט דאַך נאָך דאַך;
באַם בעסמעדרעש זיבן יידן, ווי פאַרדאַרטע שוואָמען
צוגעטוליעט, איינגעשלאָפן איז די לעצטע וואַך.

* * *

איז אַ כאַזן אַף ראָשכוידעש אינם שטעטעלע געקומען,
איז געקומען מיט דער באַן,
מיט דער באַן.
פלינקע אויגן פון אַ גאַנעוו, מיט אַ פּענעמל אַ פרומען.
אַ געניטער דאָנזשואַן,
דאָנזשואַן.

איז דער שאַמעס אומגעלאָפן צו קוסטאַרן, איבער קלייטן,
מיט אַ פּיקסל אינם בליק,
אינם בליק:
„דרייצן זינגער, דרייצן שטימען ווי די פלייטן, ווי די פלייטן,
און אַ כאַזן — אַן אַנטיק,
אַן אַנטיק״.

איז געוואָרן אַ גע־טומל, וואָרפן אַרבעט די קוסטאַרן
און מע קלייבט זיך אין פאַ־יין,
אין פאַריין
גרויע בערג און יונגע יאַטן, ברוינע נעז ווי פוילע באַרן,
און פאַרזשאַווערטע געלע ציין,
געלע ציין.

אַ געפלוידער, אַ געלעכטער, און אַ שנעפּסעלע בישטיקע
אינם גלאַסטיק איז אַראָפּ,
איז אַראָפּ.
פלוצלינג עפנט זיך דאָס טירל, און עס פליט אַריין יעשיקע
מיט צעשויבערטן ווילדן קאָפּ,
ווילדן קאָפּ:

— „האַ! א כאַזן, מאָרגן מאַגעד, ווידער אַלטע זאַבאַבאָנעס,
און אַ פלעק אַף רויטער פאָן,
רויטער פאָן.
ביזן האַלדז אין בלוט געגאַנגען געגן גאָלדענע פּאָגאָנעס,
און אַצינד איז אויס פּאַסאָן,
אויס פּאַסאָן.

ס'איז אַ פּאָרטל פון די נעפּלייט, סאַם פון אַלטע, שוואַרצע פלעשער,
זיסער סאַם מיט פולער קוואָרט,
פולער קוואָרט.
אַ „ראָשכוידעש" און אַ „קעסער" עפּשער וועט עס ווירקן בעסער.
ווי דעם כאַוועד לעניגס וואָרט,
לעניגס וואָרט.

סע מיר גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז אין שטעטל יאָלדן וואַקסן,
נאָך אַזויפיל מי און בלוט,

מי און בלוט.
צעהען יאָר געהאַקט אין שאַרבן, צעהען יאָר געהערט פון מאַרקסן,
קומט אַ כאַזן — און קאַפּוט,
און קאַפּוט".

„וואָס מיר כאַזן, ווען מיר כאַזן! — שרייט דער שאַמעס — מאָדנע מענטשן,
ווער ט׳געפלאַפּלט, ווער ט׳געהערט,
ווער ט׳געהערט.
איזן איז ער אַ פּראָפעסער, ניט ראָשכוידעש וועט ער בענטשן,
גאָר אַזוי זיך אַ קאָנצערט,
אַ קאָנצערט.

לויט בודיאָנע - מאַרש — א „קעסער", און מיט שאַלשעלעס געדרייטן,
פאַרן האַרצן אַ דערקוויק,
אַ דערקוויק.
דרייצן זינגער, דרייצן שטימען ווי די פלייטן, ווי די פלייטן,
און א — קכי, קכי, אַן אַנטיק,
אַן אַנטיק".

האָבן שויבן אויפגעציטערט פון אַ שטימע פון אַ זאַפּטער,
אַרן קאָוועל אָטעמט שווער.
אָטעמט שווער.
שוואַרצע פאָרהאַנגען — די ברעמען, און אַ פלייצעלע — אַ קלאַפּטער,
און אַ גענגל פון אַ בער,
פון אַ בער:

— „די ראַבאָנים, די נעפּאַטשעס, און כאַליאַסטרע ציעניסטן,
אַלע — איין פּאַסקודנער פּאַרך!

מיר קוסטאַרן, לויט דער טעווע, זיינען אַלע מאַרקיסיסטן
מאַרקיסיסטן ביזן מאַרן,
ביזן מאַרך.

ס'ווילט זיך וויסן ווער דער מענטש, וואו איז עמעס, וואָס איז
ליגן,
וואו אין לעבן איז דיין אָרט.
נאָר אַמאָל כאַפּט אָן באם האַרצן אוי, אַ ניגן, אוי, אַ ניגן,
מיט אַ האַרציק יידיש וואָרט,
יידיש וואָרט.
און דעריבער זאָל פאַרוואַלטונג אונדז באַזאָרגן מיט בילעטן,
נאָר אין מיזרעך, אויבנאָן,
אויבנאָן.
און אַ סימען, אַז אַ כאַזן קאָן מיט מאַרקסן אונדז ניט בעטן,
צום בעסמעדרעש מיט דער פאָן,
מיט דער פאָן".

— — — — — — — — — — — — — —

פול מיט מענטשן דער בעסמעדרעש, א געזאַנג און אַ געדאַוון,
פול מיט מענטשן איז דער הויף,
איז דער הויף.
הויך אין הימל די לעוואָנע, ווי אַ בלויער שטיקל קאַווען
מיטן בייכעלע אַרויף,
מיטן בייכעלע ארויף.

שטום און עלנט ווי אַ שאָטן בלאָנדזעט אום אין גאַס יעשיקע,
פייכטע ווינטלעך בלאָזן קיל,
בלאָזן קיל.
פעסט באַשליסט צום ווייבל שפאַנען און פאַרגאַנוועט זיך בישטיקע.
צו די פענצטער פון דער שיל,
פון דער שיל.

שלינגט אַראָפּ אַ פּיצל ניגן ווי א הייסן, הייסן טייגל
און פאַרשווינדט,
און פאַרשווינדט.
די לעוואָנע הויך אין הימל, ווי אַ בלוי געזשמורעט אייגל,
דאַכט זיך בלינד,
דאַכט זיך בלינד.

אַפן שויס פון דניעפּר זילבער־גלאַנצן שפּילן,
גרינלעכע קורגאַנעס קוקן פונעם סטעפּ,
מאָנאָטאָניש און ריטמיש נאָר די וואַסערמילן
אין א שווערן כאָלעם וויגן איין דעם דניעפּר.

נעבן ברעג צעוואָרפן מיט צעקרומטע גלידער —
הייזעלעך ווי שפּילצייג, דעכעלעך פון שטרוי,
טעלעגראַפנע דראָטן זינגען נייע לידער,
נייע, נייע לידער, פון א דניעפּערבוי.

כאָלעמט זיך דעם דניעפּר, — מער ניטאָ קיין שטערן,
יעדער דעסיאַטינע איז א נייע שאַכט,
אינדערלופטן הענגען ליכטיקע לאַמטערן,
ווי א שנירל קרעלן אַפן האַלדז פון נאַכט.

אויסגעהאַקט די פלאַווני, אומעטום נאר גרובן,
וואו געווען קורגאַנעס — דארטן לויפט א צוג,
אומעטום נאר קוימענס מיט קודלאַטע טשובן,
ניט געפירט פון אָקסן, שפּאַנט אליין אַ פלוג.

נעבן דניעפּר יעשיקע גייט פארטיפט אין קלערן,
אינם האַנט א מעסטער, און אין קאָפּ א פלאַן,
נעבן אים — אַ כאָפּטע יונגע אינזשינערן,
נייגעריק און ערנסט שפּירן נאָך זיין שפּאַן.

— „טראַקטאָרנע זאַוואָדן, דאָ — מיט הויכן קוימען,
דאָרטן — שטעט און וועגן, איבער טהוים א בריק,
און דעם אַלטן דניעפּר ווי אַ פערדל צוימען,
זאָל ער דרייען רעדער פארן נייעם גליק.

אויס, געננג טשומאַקעס, סקריפּענדיקע פורן: —
פולע וואַגאָנעטקעס איבער נייע שטעג.
העי! כאַוויירים ליבע, צינדט נאָר אָן די שנורן
און א ריס, די טעמזע זאָל ארויס פון ברעג!
אופגעוואכט פון דרעמל האָט דער דניעפּר צעשראָקן
און א שפּיי, ווי לייכעץ, מיט צעברויזטן שוים.
זאָל עס זיין א כאָלעם? וואָס זשע פאר א פלאָקן
גריבלט מיינע טיפן, גריבלט ביזן טהוים?

דוירעס בין געלעגן צווישן די פּאָראגן,
אין א פעלץ אַ ווייסן, א באַשוימטער בער,
פליט נאָך פליט אַף שפּענדלעך פלעגט מיין האַנט צעשלאָגן,
שטארקסטן פליט אַף שפּענדלעך מיט א מינדסטן קער.

איצט מע וויל מיך צוימען, צוימען א געקניטן,
שווימ'ן זאָל געהאָרכזאם און ניט ברילן שטאַרק,
שיפן זאָלן קריכן פונקט ווי פּאַראַזיטן,
שיפן זאָלן פלעקן מיין באַשוימטן קאַרק.

אַלטע זאַפּאָראזשצעס עפנט אוף די אויגן,
פונם שטאָלצן דניעפּער לאַכט מען און מע שפּעט,
שטאָלענע ארקאַנען אַף מיין האַלדז פ'זרצויגן
און מע ש'עפּט מיך שלאָפן אין אַ נייער בעט.

אומבאַקאַנטע מענטשן, אומבאַקאַנטע נעמען,
עפּעס האָט דער טייוול דאָ פארדרייט א שפּיל,

אין א גרויסער טרונע אופגעבויט פון צעמענט,
וויל מען מיך באַגראבן שווייגענדיק און שטיל.

וואַכט זשע אוף קאזאַקן, בלוט זאָל ווידער רינען!
אַלטער צאָרן גליט נאָך אייער שטאָלן געביין,
אַ יעשיקע פליקט מיר, פליקט מיר די טשופרינע,
דינאַמיטנע צוואַנגען רייסן מיר די ציין.

ניין, אוי, ניין, א טאָעס, מיך איז שווער דערשטיקן!
דניעפער וועט ניט שפּאַנען ווי א הונט אף קייט,
מיט באשוימטע ליפּן זייער מי וועל פליקן,
און מיט גאַל באַשפריצן יעדער זייער בייט.

אַפן שויס פון דניעפר זילבער־גלאַנצן שפּילן,
די פּאָראָגן קרעכטשען פון צעגליטע קלעפּ,
מאַנאַטאַן און ריטמיש נאר די וואַסערמילן
אין א שווערן כאָלעם וויגן איין דעם דניעפּר.

כאַים גילדין

הירשקע ביק

מיר קענען אים אלע
בא אונז אינם שטעטל:
אַ יונג ווי א יונג,
ווי א רינג אין א קייטל.
מיט פּעטערס אָן צאָל,
מיט מומעס אָן צאָל,
מיט האַמער
און דראַטווע

און נאָדל
און אָל.
שטענדיק: טוק־טוק. —
און טוק־טוק אין די שלייפן,
און אוי, אַ פּאַרדינסט —
די אויגן אין רייפן.
און דוי ווי שפּאַלטיוקע
זיין אָרעמע הויט.
סע כאַלעשט דאָס האַרץ
נאָך א ריפּטעלע ברויט...
סע ציט זיך די צייט —
טויזנט טעג אין א יאָר...
ער דראַטעוועט שיכלעך
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר.

איינמאָל איז ער פונם שטעטל אַוועק זיך.
מע האָט ניט געוויינט
און מע האָט ניט געעקט זיך. —
אַ יונג ווי א יונג, —
מיר האָבן זיי קאַרג?
פון קייטל — א רינג,
א שטיינדל פון באַרג!..

דערנאָך...
און מע הערט...
און מע שטוינט
און מע הערט,
סע וויגט זיך דאָס שטעטל
מיט האַמער און שער
„— פּאָלוטשעט א בריוו
„אַף א בויגן פּאַפּיר, —

„הערשעלע ביק, —
„קאָמענדאַנט פון סיביר!״
דערנאָך האָט מען ווידער
גערעדט און דערציילט:
„ס׳האָט לענין געזאָגט,
„אַז נאָך הונדערט אונז פעלט! —
„איין הונדערטל ביקעס,
„ווי הערשעלע ביק —
„טרעפט מען דער וועלט דער בורזשויסקער אין פּיק,
„ברענגט מען אראָפּ אף דער וועלט אונזער גליק!״

געגאַן און געגאַן
און געזיגט
און געשטייגט,
און איצטער א פייג שוין דער דראַטווע,
אַ פייג!
און אויס באַלעבעסל
און בענקלע — אויס!
אַ מעלוכע־פאבריק שוין! —
אַזוי די גרויס!
אַזעלכע מאַשינען! —
אַ ריז און א ריז,
עלעקטרישע דראַטווע,
עלעקטרישער שפּיז.
און הירשקע —
מיט אַלעמען נאָענט באַקענט,
און פלינק זיינען הענט
און גרינג זיינען וואָכן
און פלינק זיינען יאר —
די ארבעט זי ברענט,
די ארבעט זי פלאַמט,

אַ פּאָר נאָך א פּאָר,
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר! —
דעם אַרבעטער, פּויער,
דעם בויער,
דעם לאַנד!

ל. קוויטקאָ

דעם פּויער

בייס, אַקער־אייזן, בייס
וואָס טיפער, איז בעסער.
טיף מוז מען זעצן, פלאנצן
טיף די וואָרצלען, —
ווייל מיר זיינען ווינטיקע,
אומרואיקע שטאמען.

אָפּגיין זאָל מען מיט שווייס,
הייס אָפּפאַרן.
אָפּשווענקען זאָל עס ביז ביין,
ביז מאַרך אין די ביינער, —
דאָס פּסולעס פון אונז.

זאָל עס אונז
בייטן די פּענעמער —
פון שוואכע אַף שטיינערנע, —
און בלייבן זאָל נאָר ווי אַ דינינקער ציטער,
דער קערן פון אונזערע געמיטער. —
אָט דעם זוים זאָל מען פלאנצן,
אָט דער זוים זאָל עס זיין, —
דער קערן דער קערן, דער זוים,
פון וואָס אונזער שטום זאָל צעבליען באַנייט!

ל. קוויטקאָ

„ניט געדאַיגעט"!

פון כאַסלאַוויטש ביז אָדעס —
און פון טאַלנע אין אוקראינע,
— ווער וועט אויסמעסטן די ווערסטן?
— ווער וועט אויסציילן די מיילן?

פערצן ווערסט איז ביז אַ סטאַנציע,
נ'פון אַ סטאַנציע — ווער קאָן וויסן?
שטעט און שטעט, גובערניעס גאנצע,
— פאָר און רייט און גיי צופוס!

„מענדל — פרעגט דאָס ווייב, — ווי קלערסטו?
יידן פאָרן דאָך מיט באַנען, —
— וויפל איז, אַשטייגער, ווערסטן
ביז אַהינצוצו פון דאַנען?"

נאָר ווער פאָרט עס דען מיט באַנען?
מ'איז, כאָלילע, דען מאַגנאַטן?
— אָט וועט מען די שקאפע שפּאַנען,
וועט אַ רועך אין איר טאַטן!

מ'גיט אַ זאָג צום פערדל: פעטער,
קום אָקאָרשט אַרויס פון שטאָל נאָר,
און – אַ גוטן טאָג דיר, שטעטל,
און – אַ גוטן טאָג דיר, טאַלנע!

אַפן אומעטיקן וואָגן
מיט פאַרזאָרגטע רעדער שווערע, —
אָנגעטאַסעט, אָנגעטראָגן
פון צו זען און פון צו הערן!

פּעסלעך אלטינקע אָן קלעפּקעס,
שקראבּעס, קינדער — קליין און קלענער;
קעפּלעך — פּונקט אַף וויפל קעפּקעס,
און פאָרטרעטן צוויי פון לענין.

נאָר אַף נאַכעס, נאָר אַף לעבן,
טעפּ און מילכיקס, ווי געשווירן;
— ווער די שקאַפע דען דערשלעפּן?
— ווער די שקאַפע דען דערפירן?

קוישלעך צוויי פון אָטשערעטן,
קישנס אנדערהאלבן האַרטע;
און אַ הילצן קינדעריש בעטל —
מ׳זאָל, כאָלילע, ניט באַדאַרפן!

— לאָז דאָס בעטל זיין, זאָגט מענדל;
ס׳קומט צונויף, זאָגט ער, אַ בעטל
אַף די סטעפּעס און אַף פעלדער,
פּונקט אַזוי גוט, ווי אין שטעטל.

איצטער ליגט עס ניט אין זינען,
נאָר אַף סטעפּעס אין די היצן
קאָן אַרויס נאָך אַ מעזינעק,
ווי באַם אַלטן טאַטן איצכאָק.

איז דער אומעטיקער וואָגן,
מיט פאַרזאָרגטע רעדער שווערע,
אָנגעטאַסעט, אָנגעטראָגן
פון צו זען און פון צו הערן!

קינדער פּישטשען, קינדער סמאָטשען,
דאַרע לייבּעלעך פון לעכער;
און אינמיטן, ווי אַ קוואָטשקע,
זיצט אליין די מענדעלעכע.

„זע נאָר, מענדל״ — שטעלט זי אָפּ אים,
„זע נאָר, דאַכט זיך — הערשל פּייסיס,״—
און אַף מענדלען גלאנצן טראָפּן,
טראָפּן שווייסיקע און הייסע...

„מענדל, זע נאָר, ביסט אַ מייוון?
ס׳פּאָרט דאָך עפּעס ס׳גאנצע שטעטל!״
וואַקסן וואָגנס, ווי אַף הייוון,
און אַ וועג איז אַ געבעטער.

נו, אַוואדע, נו, וואָס מיינסטו?
— און דער שוויים פון מענדלען טריפט,—
דאָס פאַרשטייסטו מיך, ווי הייסט עס—
איז דאָך א... אַ קאָליקטיף!

„— נעבעך״ — גיט זי זיך א פלעדער,—
„— קאָלי - קאָלי — קאָלי — ווי?״
און דער וואָגן שלעפּט די רעדער
ווי סוכאָטעדיקע פיס.

קוקט זי זיך מיט וואָגנס איבער,
קוקט צו יעדערן זיך צו —
און די שקאפע פאָכט און כריפּעט,
אָט־אָט שפּייט זי אויס די צונג.

גיט אַ ריר זיך מענדעלעכע
פונם וואָגן פון דער טיף,—
„— זאָג זשע מיר נאָר, מענדל, כ׳בעט דיך,
וואָס הייסט אַ... קאָלי־י־טיוו?

— אנגעטראָגן אַפן סטעפּ האָט...
„— וואָס — זאָגט מענדל — וואָס סע הייסט?
אַי, וואָס האָסט זיך אָנגעקלעפּעט!
אַי, וואָס טשעפּעסט זיך — איך ווייס?

ס'איז מיסטאמע - צו דעם פּאָרן,
דיר א דאַיגע - וואָס סע הייסט;
בעסער קוק, ווי ס'וואַקסט דאָס קאָרן,
ס'אַראַ פּאַשע? ס'אַראַ ווייץ?

קאַליקטיוו איז דאָס... וואָס אַלע,
ווי צום ביישפּיל — ס'קאָרן, — זעסט?
איינציקווייס די שטענגלעך — פאַלן
און איינײנעם - וואַקסט זיך פעסט.

און אליין בלייבט מענדל הינטן,
עפּעס פּאַסיקט ער די קראַיקע,—
און ער פּאָכט פון ווייט און מונטערט:
— האַידאַ, האַידאַ, — ניט געדאַיגעט!

פון אַ שטעטעלע — אַ געגעץ,
פון אַ שטיבעלע — אַ שטייגל,—
נאָר מיט קינדער, ווי די גענז,
און אַ וועג איז — ניט געדאַיגעט!

כאָטש א וואלגער אַף אים טאָן זיך,
כאָטש זיך אויסציען אינגאנצן,—
מ'עט אָ-דאָ שוין ניט פאַרבלאָנזען,
— ווער אַ שטעטל? וואָס אַ סטאַנציע?

ס'שמעקט דאָס פעלד אַזוי מיט בסאָמים
און די טוואוע — אינדערלופטן;
גייט און טראַכט זיך מענדל: — לאָמיך,
לאָמיך צוגיין זיי אַ פּרואוו טאָן!

— אַז פון ביידע זייטן — קאָרן,
קעפּלעך פּולינקע פאַרהאַנגען, —
גיט זיך מענדל דאָרט אַ פּאָרע
באַ די דרעמלדיקע זאַנגען.

גיט אַ פּאָרע זיך פּאַמעלע,
אויפוועקן זיי ניט כאָלילע.
„זעסט, — זאָגט ער צום ווייב — אַזעלכע,
אָט אַזעלכע: הויכע, פולע!"

„און נאָך פולער, און נאָך הויכער,
און אַזעלכע אויך, פארשטייט זיך!"
און ער גיט זיך אַ פארויכער:
„— זעסטו שוין, ווי ס'מאַזל דרייט זיך?"

פּערציק ווערסט און פּערציק מיילן,
און דאָס שקאַפּקעלע געטריי גייט;
— אַלץ אַף שפּעטער. נאָר דערווײַלע —
וויאָקעט מענדל: — ניט געדאיגעט!

איז מען זיך אַזוי פּאוואליע,
ניט געפאָרן, נאָר געקראָכן.
— ווער האָט דען געציילט די צאָלן
פון די טעג און פון די וואָכן?

וועג — אַהין גייט, וועג — אַהער גייט,
ווער — אַהין און ווער — פון דאָרטן, —
דאָ — אַ טאָל און דאָרט — אַ בערגל,
און די פעלדער, ווי די קאָרטן.

יעדער בערגל, ווי אַ טרעפּ איז,
און די טרעפּ זיינען צעשטעלטע;
— וואו דו וואַרפסט אַן אויג, איז סטעפּעס,
— וואו דו וואַרפסט אַן אויג, איז פעלדער.

אָט אַביסל פעלדער דאָ איז,
אָט א שטיקעלע מאַיאָנטעק, —
— עפשער האָב איך גאָר א טאָעס, —
טראַכט זיך מענדל און ער פּלאָנטערט.

און דאָס פערדל — אַף די קניען,
אָפּגעהאָרוועט, אָפּגעפּלאָגט זיך;
און אַנטקעגן — אינדערפריען,
פרידלעך־שטילע, ווי די אָקסן.

און אַנטקעגן — יונגעמאַנען
מיט אַרשינען און מיט צירקלען, —
און זיי פרעגן אויס: פון וואַנען?
און „גוט־מאָרגנס" זיי פאַרפירן.

„אַ גוט מאָרגן צו אייך אַלע!" —
ענטפערט מענדל: — איבערוואַנדער
פון כאָסלאוויטש און פון טאַלנע
און פון שטעטעלעך פון אַנדערע!"

און דער וואָגן שטעלט זיך שטויביק,
ווי ער וואָלט אַזוי פאַריזנעט,
האָט זיין ווייב דערלאַנגט אַ הויב זיך:
— מענדל! אָט־אָ־דאָ שוין — איז עס?

ס'איז דאָך נאָך אינמיטן וועג גאָר,
ס'איז דאָך נאָך דאס פעלד גאָר, מענדל!
— מענדל, עפּשער דאַרף מען פרעגן —
האָט זיך ס'ווייב צו אים געווענדעט.

שמייכלט מענדל: „אוי, דו, אישע,
דאס אָ טאקע איז דער סייכל!"
ווינטל פייכטינקער און פרישער
קעמט די באָרד אים און ער שמייכלט:

יעדער בערגל, ווי אַ טרעפּ איז,
און די טרעפּ זיינען צעשטעלטע:
— וואו דו וואַרפסט אַן אויג, איז סטעפּעס,
— וואו מען וואַרפט אַן אויג, איז פעלדער.

שטייט ער, מענדל, אף די פעלדער
און ער טראַכט און טראכט פאַרטרויערט:
— וואָס קאָן טאָן אזא מין מענדל,
מיט אַזאַ מין וואָגן סכוירע?

— ווער בין איך און וואָס בין איך דען,
נ׳וואָס בין איך אין דר׳היים געווען דען?
און צו וואָס איז דען געגליכן
אַף דער וועלט אַזאַ מין מענדל?

נאָר וואָס איז דאָ לאַנג צו טראַכטן,
נאָר וואָס איז דאָ לאַנג צו קלערן, —
די מאַכשאָוועס וועלן וואַרטן,
זיי׳ען ניט פאַרפרוירן ווערן.

אַ פארזאמלונג אויסגערופן,
— יידן אָנגעפעלצט מיט בערד;
— נו, וועט מען מיט מאַזל פרואוון
מאַווער זיין אַ פאַרשע ערד.

מ׳דארף א האָרווע טאָן אזא מין,
מ׳דארף די ערד אַ גראָב טאָן טיף!
— ריישיס, זאָל עס זיין — צוזאַמען,
וועאַשייניס — קאלעקטיוו.

איינער ווייסט — וואָס ס׳פעלט באַ איינעם,
און דער צווייטער ווייסט פאר זיך;
אָבער קאָלעקטיוו — אינייִנעם,
זיינען אַלע — אייזן - זיכער.

דאָס אַלץ — ווען — אַ קאָלעקטיוו איז,
ווי סע גייט סאָוועטסקי סטרוי!
שטעמפלען בערד מיט רויטן טריוואַקס,
ריכטיק, מענדל, — אָט אַזוי!

דער — אַ קעסטל. דער — אַ ברעטל.
דער — אַ לייסטל. דער — א סטויפל.
דער — אַ זעקל. דער — אַ רעדנע.
און — פון אָנהויב. פון מאַטויווי!

און אַהינצו און אַהערצו,
ניט געדרייט און ניט געקראַצט זיך;
שטעקן פלעקער אין דער ערד שוין,
וועגטלעך באַקן זיך, ווי מאַצע.

אַי — אַ דאַך? נו, וואו ז'געשריבן,
אַז א דאַך דאַרף מענדל האָבן?
מענדל האָט ניט קיין פּאַיבל,
און געקלאפּט דאָרט און געגראָבן.

„הער נאַר, זאָגט זיין ווייב: — פאַראַנען
כאָטשבי ערגעץ - וואו אַרויסגיין?”
— בעהיימע — ענטפערט ער — פון וואַנען?
ביסט דאָך, דאַנקען גאָט, אין דרויסן!

איז פאַרקאַשערט, יידן, אַרבל,
איינס אָן איינס — אַ גאַנצער שאָק;
נ'זיך גענומען צו דער אַרבעט
אין א מאזלדיקער שאָ!

יידן גראָבן, יידן טעסען, —
ווער — אַ דרענגל, ווער — אַ ברעטל;
— ניט געלייגט זיך, ניט געזעסן
און עס וואַקסט אין פעלד אַ שטעטל.

שטיבלעך — קליין און קליין און קלענער,
שטאלן, שאָפּקעלעך זיך פּאָכען;
און א ווינקעלע — פאַר לענין,
און די הערצער — פאַר ביטאָכן!

און זיי רופן אַ פאַרזאַמלונג
אַפן דרויסן, אַפן גראַמען:
— פאַר אַ יישעוול אַזאַ מין
דאַרף מען עפּעס דאָך אַ נאָמען?

אָפּגעקלערט און אָפּגעדאַיגעט
האָבן יונג און אַלט און אַלע. —
אוי, מיט קעפּ און סייכל, דאַיקע,
פון כאַסלאַוויטש און פון טאַלנע.

נאָך אַן אָוונט, נאָך אַ צווייטער,
ס׳קלערן יענע, ס׳קלערן די;
טאַינעט מענדל, שרייט: — כאַוויירים,
קלערן דאַרף מען קאָלעקטיוו.

און ער שלאָגט זיי איבער — מענדל:
אויך אַ דאַיגע? ניט קעדאַי גאָר...
צייט איז טייער! איז אַן ענדע! —
זאָל עס הייסן: „ניט-געדאַיגעט״!

נ׳אַז סע וואַקסט אַ דאָרף אַ יידיש,
אַף די שאָען - פראַנק-און פריי דאָרט,
איז עס דאָך אַ גרויסער כידעש,
איז אַוואַדע - ניט-געדאַיגעט!

ס׳איז די סטעפּ — אי פריש, אי נאַקעט,
דער פרימאָרגן — ראָז-פאַרנעבלט;
אַפן האָריזאָנט — אַן אקער,
אַ באַרדאַס, אַן אָקס — דערנעבן.

און די וייטן זיינען האָריק,
ווי די ווייכע פעל פון אָקסן, —
ס׳האָט דאָרט ערד שוין טויזנט יאָרן
ניט געגראָבן, ניט געבראָקט זיך.

פלעכטן שטיבלעך זיך, ווי קוישן.
— נעם זיי אַלע אין די הענט דיר —
און אַ ראט אינמיטן שטייט שוין.
— וואו-זשע איז דאָרט ערגעץ מענדל?

ס'שרעקט נאָך מענדל פאר דער ערד זיך,
פאר דער ברייטקייט, פאר דער פרייקייט;
— זיבן מיילער, זיבן הערצער,
נאָר מיסטאַמע — ניט געדאַיגעט!

מענדל לויפט נאָך אַ פארכושטער,
ס'איז אים נאָך ניט אַלץ צום האַרצן;
ס'קאָן נאָך ס'פעלד צו אים ניט צושטיין,
ווי סע טרעפט זיך, ווי סע מאכט זיך.

לויפט ער, לויפט ער, נאָר וואוהין-זשע?
מיט דעם סטעפ צו האָריזאָנטן;
דער פרימאָרגן — ווי געוואונשן,
נאָר אף הוילן לייב אים אָנטאָן!

אָט איז ער שוין נעבן אַקער,
ביז די לענדן — אינם נעבל:
גיט אַ גלעט אן אָקס באַם נאַקן
און אַ קלער: — א כאיע, נעבעך!

און דער אָקס — פארטראכט און כאָשעוו
שטייט און קוקט, ווי ס'לויפט א מענדל;
וואָס-זשע לויפט ער, מענדל, וואָס-זשע?
— וואָס איז אַזוי — הענדום-פענדום?

ברוינע פינטלען אין די שלייפן,
אויגן — אויפגעטאָגטע, גרויסע;
קוקט אין פעלד, ווי אין א סייפער
מיט צעגראָבן — שווארצע אויסיעס.

ס׳גיט זיין אויער נאָר א פּאָכע
און דער ווײדל פרעגט דאָרט עפּעס;
טראכט זיך מענדל: — ביסט א כאָכעם
אַף אָט די סאָוועצ׳סקע סטעפּעס!

פעלדנרו — צעווישן הערנער,
הערנער — ביזן קאָפּ פּארקאשערט;
— נו, גיט מענדל זיך אַ קלער נאָר:
אַף אַן אָקס איז ניט קיין קאשע!

נאָר אַזוי פּיל רו און שאלווע,
נאָר אַזויפּיל פרידן קלאָרער, —
אָן זיין שאָדן, כאָטש א האלבע
אַף א ייד געזאָגט געוואָרן!

גיי פאַרשטיי עס, גיי באַנעם עס,
וואו ס׳איז כאָכמע — טראכט זיך מענדל;
— צי ס׳איז טאַקע אַף אַן עמעס
גוט אַן אָקס זיין אַף דער וועלט דאָ?

ער האָט ליב אַ כאַיע שטענדיק —
גיט ער זיך אַליין אַ טאָרע:
— ס׳איז דיין נייער כאַווער, מענדל,
שור שנגח את הפרה!..

גלעט אַ ווינטל זיינע קנייטשן
און ער שעמט זיך פאר די הערנער;
ווייסט אַליין ניט, אז ער שטייט שוין
אַ שאָ צוויי און עפּשער מער נאָך.

אַזוי קליין באַ זיך איז ער איצט,
און דער אָקס איז אַזאַ גרויסער —
נ׳עפּעס קריגט ער דערעכערעץ
פאר דעם אָקסיש-פּראָסטן אויסזען...

איינשפּאַנען אָט באַלד זיך וועט ער,
דעם יאַרמאָ וועט ער זיך אָנטאָן;
און אף יאָך וועט ער אוועקגיין
אין די ווייטע האָריזאָנטן.

און עס וועט די ערד אים נאָכגיין
און עס וועט אים נאָכגיין בראָכע,
מי און מאַזל פון פרימאָרגן,
שווערער אָל פון קלוגער סאָכע.

גלעט אַ ווינטל זייגע קנייטשן
און סע טריקנט מענדלס טרערן;
און ער פילט ניט, אז ער שטייט שוין
אַ שאָ דריי און עפּשער מערער.

טראָגט פון ערגעץ זיך געלעכטער;
— אַז א שטיבעלע קיין דאַך האט;
סטעפּ צום ערשטן מאָל דערהערט האָט
קינדער יידישע צו לאַכן.

פליען ווינטמילן פון ערגעץ
אַף די פליגל — ווינט צום מאָלן;
אויגן יידישע פארקלערטע
זעט דאָס פעלד צום ערשטן מאָל היינט!

און עס הערט זיך: — קאָרן, גערשטן,
האָרעוואניע זיסע, שווערע, —
זופּט די ערד צום מאָל צום ערשטן
שוויס פון פאַרמעטענע שטערנס:

גייט זיך מענדל צריק דערווײַלע
און ער טראכט: — קעדאַי, קעדאַי, גאָט!
און דעריקער — איז ניט איילן,
און דעריקער — ניט געדאַיגעט!

* * *

שוויס האָט פעלדער אָנגערירט שוין,
— פון באַגינען ביז באַגינען —
וואַקסט אַ ווירטשאפט, בליט אַ ווירטשאפט
פון די הוילע הענט און פינגער.

גענז אין פאַרטעכלעך אין ווייסע,
הינער אין פאַטשיילעס רויטע;
יידן האָרוועז, האָרוועז פלייסיק
באַ דער ערד און באַ די ברויטן.

איז אַ בעהיימעלע — אף צווייען,
און אַ שקאפקעלע — אף דרייען;
און מע אקערט און מע זייעט,
און ס'איז — מענדל ניט — גערדאיגעט!

און ווער ווייסט דען, וואס איז בילכער,
ס'זאָל דער אויבערשטער ניט שטראָפן:
— צי די קינדער אַ פּאָר שיכלעך,
צי דעם פערד אַ פּאָר פּאָדקאוועס?

אז ווער ווייסט דען, וואָס זאָלסט פריער שוין,
אַז א כיישעק אזא נעמט מיך.
— נאָך א כאזערל אין ווירטשאפט,
צי די קינדער נאָך אַ העמדל?

הויבט זיך אָן — איז אָן אַן ענדע:
נאָך א גאנז און נאָך א אינדעק;
גייט אוועק א סעדרע, מענדל,
מענדל, שאָף און מענדל רינדער!

נאָך א קו און נאָך א לאָשעק,
און א טראקטאר נאָך דערביי גיב;

נו, נישטאָ נאָך? נו, איז וואָס־זשע?
וועט ער זיין! און — ניט געדאיגעט!

— — — — — — — — —

פון אמעריקע — אַהערצו,
און פון דאנען — צוריק אהין, —
גייען בריוו מיט שטיקער הערצער:
„— הויכגעשעצטע טעכטער, זין —

און זייט וויסן, און איך מעלד אייך,
פריער גאָט און איר אַליין —
און מע איז שוין אַף די פעלדער,
און דעריבער, און בעכיין!..

— — — — — — — — —

זאָל אייך גאט גאר ניט פארגעסן
אַפן גאנצן לעבן אייערס;
אונזער איצטיקע פּראָפּעסיע
איז דאָך שרייבן גאָר ניט שאיעך...

מ'איז דאָך עפּעס איצט אַף ערד דאָ,
דאנקען גאָט, פארשפּאָרסט צו לויפן;
נאָר ס'גייט שוין מער ניט אן קיין פערדל,
איצט אַ טראקטאר דארף מען קויפן...

און בעכיין, דעריבער טאַקע,
ווילן מיר אייך קומען מעלדן,
אונזער וולאסט איז ווי א טאטע —
— נא דיר ערד און נאַ דיר פעלדער

און אזוי אַביסל ווירטשאפט,
דאָס איז דאָך סאָוועטסקי סטרוי;
נאָר א טראקטאר, ביז אימירטשעם
מ'עט אַראָפּנעמען דאָס ברויט...

און בעכיין, טאקע דעריבער
זאָל אייך גאָט גאָר ניט פאַרגעסן,
ווי עס ווינטשן אייך די ליבע
פון דער איצטיקער פּראָפעסיע".

יאָ, צי ניט — נאָר וואַרטן, גרילצן —
ווער פאַרוועדט דען? צי ווער נויט דען?
גייט אוועק א וואָך, א צווייטע
און נאָך אַזויפיל, נ'ויפל ס'ווילט זיך.

מ'האט געוואַרט, געוואַרט אַזויפיל
און די ערד מיט הענט געקרישעט, —
נאָר געקומען, נאָר צולויפן
איז אַ טראקטאר אַפן יישעוו.

מיט א היץ און מיט א פּארע,
מיט א הילך דאָרט און מיט נאָך וואס?
ס'קרויזלט רויך זיך — א פּאַפּאַכע
און די קינדער קוויטשען באָרוועס.

עפּעס נעגל אַף די רעדער
און אַ גאָרגל, טאטע, האט ער;
ציט זיך מענדל, וויל א רעד טאָן:
וואַש וויסאָקאָבלאַגאָראָדי!

פערציק קינדער, צוואַנציק ווייבער,
האָבן אים מיט נעז באַטראכט שוין:
אוי, אוי, אוי — איז דאָס א טרייבער,
אוי, וועט ער דאס טאראטאכטשען!

פערציק בערד און פערציק יידן
מיט די הענט און בערדלעך קאָזע, —
— אַ יונגאַטש, ס'איז יידן, היט אייך,
מ'דאַרף צו אים א ברײַנדל קאָזאַק!

שרייען אלע און מע טאַפּט אים:
— טרייבן זאָל א מיידל דאיקע;
נ'אַז אַ מיידל טרייבט א טראַקטאר
איז דאָך גאָר שוין ניט געדאַיגעט!

פּולע פורן אָנגעפּאַקטע,
ס'ווועט קיין וועג, דאכט זיך, ניט קלעקן,
איז שוין דאָ אין פעלד אַ טראַקטאר
און די ערד ער שניידט, ווי לעקעך.

דעם בּוריאַן, ווי צוקער קייט ער
און דאָס פעלד איז מיט אַ קראַיקע;
— יידן, הא! וואס זאָגט איר, ווייטער?
— גיי שוין, מענדל, ניט געדאַיגעט!

שטייט דער אָקס און קוקט פארכידעשט,
אויגן שטילע — אויסטאַראַקעט, —
מענדל מיטן גאנצן יישעוו
שלעפּט צום אָקס דעם נייעם טראַקטאָר.

צוגעשלעפּט אים צו די הערנער
און אַ ווענד זיך צו דעם זאָקן:
— נו, דו, כאָכעם מיינער, הער נאר,
וואָסטו עפּעס איצטער זאָגן?

אי אָן הערנער, אָן אַ ווײדל
און א קענער קיין איינהאָרע;
קוקן זיי זיך שטיל אָן בּיידע:
— וועמעס טעג און וועמעס יאָרן?!..

ס'האָט דער אָקס זיך צוגענענטערט,
און א שמעק פון דאָ, פון דאַנען...
און א זאָג געטאן האט מענדל:
— נו, דו, אָקסנקאָפּ, — פארשטאנען?

רייסט זיך טראַקטאָר ערד צעקעמען,
ס'זעצט פון אים אַ הייסער קויעך;
אויס'יעס בליענדיקע ברענען
אַף זיין שטאָלן — שטאָלטנעם בויך.

און דער אָקס — פּאַרקוקט פּאַרטרויערט,
הערנער בויגן זיך צו דר'ערד;
ס'פּרואווט א פּאָכע טאָן דער אויער,
און דער ווידל — הין און הער.

נ'מענדל נעמט דעם אָקס באַם נאַקן,
גלעט אים, צערטלט אים און שטיפּט;
— קוקסט? די אויגן אויסטאַראַקעט,
— ווייסט וואָס הייסט א קאָלעקטיוו?

— וואָס ליגט דאָרטן אין די קעפּ אייך?
— מענדל! — שרייט דאָס ווייב אים: — קים!
ס'רייסט דאָס האַרץ, א כאַיע נעבעך,
בעסער גיי מעלק אויס די קו!

פול דער יישעוו מיט גאַזעטן
און א קלוב, א באַלאַלאַיקע, —
אַרבעט מען דעם טאָג צו זעט אָן
און די נאַכט איז — ניט געדאַיגעט!

אַלע נ'ניינעם — איז דאָך לידער,
ס'א מעכאַיע זיי צו הערן;
און ווי קאָרן ווי צעבליטער,
בליען יונגע פּיאָנערן.

פעלד אין קימפּעט ליגט און דעכעט,
ס'טראָגט די טוואַוע הויך און העכער;
און עס דאַרף שוין מענדעלעכע
מענדלען נאָך א זון געבוירן.

מענדל גיט א מעלק די בעהיימע,
קנאַקט אין שעפל, ווי אף דעכער;
אַז מיט ווינדעלעך אין דר'היים דאָרט
איז פאַרפאָרעט מענדעלעכע.

טראָגט אַריין דאָס שעפל מענדל,
ס'איז זיין באָרד פאַרטראָפנט מילכיק, —
און ער גיט זיך אַזאַ ווענדע,
און ער גיט אַזאַ מין הילך.

„— טרינק, מיין קרוין, פון גאַנצן שעפל,
זאָלסט מיט מילך באַ מיר זיך פאָיען;
און געבוירן אַף די סטעפעס
זאָלסטו מיר א יונג — א פויער!

מענדל ציילט די טעג און וואָכן,
ציילט און רעכנט און פאַרעכנט, —
און אין קאָרן דעם בען־זאָכער
האָט געבוירן מענדעלעכע...

— — — — — — — — —

רו דעם אַקער, רו דער שקאַפע.
און מע גייט אַהין. וואוהין־זשע?
— נו, זאָגט מענדל, אַדראַבע,
גיט נאָר, כעוורע, אַזאַ דרינזשע!

אַזאַ פריילעכס, אזאַ עפעס,
נו, מאַמזערים, נו, דערמאַנט זיך;
לאָזן וויסן פעלד און סטעפעס,
אַז א מענדל קאָן נאָך טאַנצן!

און די הענט געגורט אַף לענדן,
און די כאָלעוועס — צעוויגן, —
און עס טאַנצט און ס'דרייט זיך מענדל,
ס'איז דעם פעלד א פאַרגעניגן!

און צעפּאָרעט און צעקאַטשעט,
און אין קאָלעקטיוו, איר, אַלע!
— העי, מאַמזערים, — אַ קאַזאַטשקע,
אַ כאַסלאַוויטשער, אַ טאַלנער!

וואָס־זשע שטייט איר? וואָס־זשע בלייבט איר?
העי, געדרינזשעט, באַלאַלאַיקע,
און אַ רוקן אייערע לייבער,
— אָט אזוי, און ניט געדאַיגעט.

פ. מאַרקיש

סנאַפּעס

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

אייער פרייד

וויפל רואיקייטן האָט איר שוין צעשטערט,
וויפל שטויבן האָט איר שוין געשלונגען,
זייערע לידער האָב איך שוין געהערט, —
נאָר פון ערדן האָט איר ניט געזונגען.

יאָרנלאַנג געדענקט שוין אונזער זון
דאָס געוויין פון אייערע געזאַנגען,
אין אַ וועלכע געסלעך זייט איר ניט געוועזן,
אַף וועלכע פעלדער זייט איר ניט געגאַנגען?

ווער האָט ניט געמיסטיקט אייער פרייד?
ווער האָט ניט געטריבן אָט די שלעפּערס?
ווי־זשע קאָן מען זיך ניט פרייען, ווען מען זעט
אייך מיט לאָפּעטעס און אַקערס אין די סטעפּעס?

וואו האָט אייער אומזין ניט געבליט,
ניט געטומלט אַף אַוועלכע שפּראַכן?
דערפאַר איז יאָנטעוודיק היינט אייער ליד
אַף רויער שפּראַך פון בּויטנדיקע שליאַכן.

אַ גאַסט

איז אַ גרויסער יאָנטעוו היינט אַף יעדן הויף,
בּושעווען די לידער, פרייען זיך די בּליקן,
מע האָט געבּראַכט אַ טראַקטאָר, נעמט מען זיך צונויף,
גייט מען אים בּאַגריסן, אים בּאַקוקן.

קומען אַפן יאָנטעוו קינד און קייט און אלץ,
שטייט דער טראַקטאָר היימיש, מזכּטיק און צופרידן,
טראָגט מען אים אַנטקעגן אייגן בּרויט און זאַלץ,
טאַנצן קאָמיוגיסטן — פרייען זיך די יידן.

פרייען זיך די פעלדער מיטן גאַס אפסניי,
אין די נייע הויפן בּונטעווען די הינער,
ס'איז אַזוי היינט פריילעך, ס'איז אזוי היינט פריי
און אַפילע גראָזן זיינען עפּעס גרינער.

מע האָט געבּראַכט אַ טראַקטאָר — פרייט זיך דער ארום
בּונטעווען די לידער, פרייען זיך די בּליקן,
קומען אַלטע פויערים פונם דאָרף קעלום
קומט מען אים בּאַגריסן און בּאַקוקן.

אַ קרענעצע

דאָרט, וואו גראָזן זיינען נאַסער
שטייט אַ קרענעצע פאַרטראַכט,
קומען מיידלעך ציען וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

אונטער זון, ווי ווייסע בּערן,
וואַקסן טעג אין גרויסן סאָד,

און אין ווײַטער שײַן פֿון שטערן
טאַנצן יאַטן אין אַ ראָד.

פֿון די סטעפּעס ווינטלעך בלאָזן
און אַ פֿײַערל דערבײַ ענט.
גייען מיידלעך אַף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט.

ווערט די לעוואָנע בלאַס און בלאַסער,
ערגעץ פּויקט מען אין דער נאַכט,
דאָרט, וואו גראָזן זײַנען נאַסער,
שטייט אַ קרענעצע פֿאַרטראַכט.

אַ גערעטעניש אין סטעפּ

אונטער פּענדל אונטער רויטן.
זאַטע הענט און זאַטע קעפּ,
אַף די פֿעלדער זינגען ברויטן
— אַ גערעטעניש אין סטעפּ.

ווער ס'איז דאָ אַמאָל געגאַנגען,
האָט פֿאַרזייט זײַנע טריט,
וואַרטן ברוסטיק יענע זאַנגען
אַפּן יאָנטעוודיקן שניט.

איז אַראָפּט פֿונם געלעגער
און אַרויסט פֿון אונטער פּלויט!
— יידן פֿאָרן מיט די וועגנער,
און מע פֿירט דאָס נײַע ברויט.

ערגעץ - וואו דערציילן ברויטן
פֿונם שטעטלדיקן שלעפּ,
— טאַנצן הינער אַף די פּלויטן:
אַ גערעטעניש אין סטעפּ.

אי. פּעפּער

פון דער פּאָעמע „ברויט"

(פראַגמענטן)

1

אַזוי, צי אזוי, נאָר סע שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן יידן געוירייט זיך, גערעדט און געוואַרט.
איז פון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעווסעק,
די ערד צעטיילט זיי, — און ווידער אין וועג...

זיינען קינדער, און רינדער, און טאַטעס, און פערד —
געפאָרן, געקומען, — און אָט איז די ערד...
שטייט דאָרט אַ פּאַלאַץ צעשטויבט און צעשטערט,
און מיט לאָזע און גראָז איז באַוואַקסן די ערד.

האָבן זיך עלטערע יידן פארקלערט...
— וואָס טוט מען, ווי טוט מען, גיי שפּיל זיך מיט ערד!
קוקט מען און שווייגט מען... אז גרויס איז די לאַסט,
צי וועט מען דאָ בלייבן, צי קומט מען צוגאַסט...

איז דער יינגסטער, אַ פלינקער, אַראָפּ אף דער ערד. —
— וואָס איז דאָ צו טראַכטן? — און שפּאַנט אויס די פערד.
איז דער יינגסטער דער ערשטער צום פּאַלאַץ אַוועק
זיינען אַלע אַראָפּ פון די פערד, — און אן עק.

2

דער פארטאָג איז פריש, און זומערדיק, און ווייך,
און גרינגע ווינטן קומען און פארגייען.
ציען זיך די זאַנגען מיט מיילער אין דער הויך
און ציטערן און בויגן זיך אין צווייען.

ליגט אין טוי דער זומער אפן פעלד,
דער הימל האָט זיך אַף ראָז צעגאָסן.
מע קוקט אין שויב: דער הימל איז שוין העל
— אַ גאַנצן טאָג וועט מען היינט קענען קאָסען!

איז גוט ארויס אין לייוונטענעם העמד,
די ברייטע הענט אַ פּאָך טאָן אין דער לופטן
שאַ-און-שטיל. עס וואַכט די גאַנצע ערד,
יונגע זאַנגען וויגן זיך און רופן...

3

צייטיקט איצט אַ פעלד און גיסט זיך אָן מיט קרעפטן.
— זאט בין איך און צייטיק: קום און נעם!
סע ציט מיט צוויט, מיט טוי און מיט באַהעפטונג
און זאַנגען וויגן זיך און ציטערן אין דעם.

אַ פעלד אַ ברייטס — אָן פלויטן און אָן צייכנס...
אַ ראָזער ווינט צעוויגט זיך שטיל און ווייך
גייט אוף פון פייכטער ערד ביז הימלדיקע הויכן
אַ העלער און אַ זומערדיקער רויך.

נאַכט-און-טאָג און זון איז שוין אינמיטן
פרישע לופט ווערט דורכזיכטיק און קלאָר.
העי, וואו זייט איר, גיכער, יונגע שניטער;
ס'קען די ערד אַ ריס טאָן זיך פון אָרט...

דאָס ליד פון די קרעמער

4

און אַזוי האָבן קרעמער געזונגען,
פאַרטאָג אין דעם אַקער אין פעלד:
„מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געזונגען
אָט דאָ מיטן אַקער אין פעלד.

איז ווען האָבן פינגער פארשמאַכטע,
געוואוינטע צום וואָג און צום פונט,
געקענט זיך פארבענקען און טראכטן
פון רואיקער, זעטיקער נאַכלע,
פון טיפן און זאַפטיקן גרונט?..

אז קיינמאָל וואָלט אַהין ניט געגאַנגען
אונזער פלינקע און איילּיקע פוס —
איז דאָס לעבן געקומען אין ראנגל,
אין ראנגל, אין וויי און אין אנגסטן,
גענומען באַם נאַקן: — מע מוז!

איז אַסאָך, און אַן עק, און אַן ענדע
צו דעם, וואָס ניט לאַנג איז געווען"...

. . . .

אזוי האָבן קרעמער פארענדיקט,
און ברייט האָבן פעלדער צעבלעגדט זיך,
פריש האָט די זון זיך צעברענט...

5

שמעקט דער שאַבעס שוין מיט גרויער וואָך,
און די וואָך ווערט רואיקער פון שאַבעס
באַוואַקסן שוין פון לאַנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אַלע פרומע וועגן פון רעב אַבעס.

נאָר אַלטע ציידעס גייען נאָך אין שול,
אַלטע ציידעס זיינען אַלץ נאָך זיידעס,
ווערן קינדער דול, — ווערן טאַטעס דול,
ווילט זיך שוין ניט שילטן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, געבויגן און פארטיפט,
עס ליגט די שול ביז אַלע ווענט פאַרזונקען.

קומט אָן, און ס'יאָגט, ס'טראָגט פון קאָלעקטיוו
אַ פולע פור מיט פייערדיקע יונגען.

מיט פעט פאַרברענטע ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע און אָפּגעברענטע נאַקנס:
— גוט שאַבעס! ייִדעס, — ניט דערקענט?..
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדאַרפט, לאַידאַקעס!

און ס'פליט די פור, די גאַס ווערט דול,
אַ הויב די בייטש, אַ פּאָך אַ פייף, פאַרפלויגן.
גייען ייִדעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

א י ז י כ א ַ ר י ק

אף ייִדישע פעלדער

טרוקענע ליימיקע נאַקעטע ווייטן,
ערגעץ קיין טייכל,
קיין בוימל,
קיין טויב.
היציקע ווינטן צעפּאַטלטע רייטן,
אף רויכיקע זיילן צעוויכערטן שטויב.

צענדליקער יאָר מיט פאַרטרויערטע אויגן
נאָך אַקער געבענקט, ווי מע בענקט נאָך אַ מאַן.
מיט ברוסטן פאַרדאַרטע גענערט און געזויגן
נאָר ביטערע ריטער פון האַרטן בוריאַן

איצט וואַרט איר ייִדענע פראַנזן פון פראָסע,
עס כאָלעמט אייך ווייץ מיט געקרויזלטן קאָפּ

איצט וואַרט איר אף זילבערנעם קוש פון אַ קאָסע,
אַף שיקערן פאל פון אַ בייכיקן סנאָפּ.

מע וועט נאָך,
מע וועט אייער פרייד נאָך געניסן,
איך זע דאָס,
איך פיל דאָס,
איך ווייס.
נאָר יאָרן און יאָרן פאר יעטווידער ביסן,
באַצאָלן מע וועט אייך מיט ביטערן שווייס
טרוקענע, שטייניקע, נאַקעטע ווייטן,
ערגעץ קיין טייכל,
קיין בוימל,
קיין טויב
היציקע וינטן צעפּאַטלטע רייטן
אף רויכיקע זיילן צעוויכערטן שטויב.

כאים גילדין

אין פעלד

עס סוידען זיך פעלדער מיט זיידענע רוישן,
פלאַפלען פאַרכאָלעמט אין ראָזלעכער פרי
און צערטלעך זיי וויגן אף גאָלדענע שויסן
געקרויזלטן ערשטלינג פון פויערשער מי.

די ערד האָט צעעפנט די טויאיקע ליפּן,
עס שפּרייט זיך איר אָטעם, ווי שלייערן רויך.
מיט גאָלדענעם מאַבל דורך ראָזלעכע זיפּן
פאַרטרונקען דעם סטעפּ האָט די לויטערע הויך.

ווי לאַנג ערשט, ווי לאַנג אַז געהערשט האָט דאָ ווי־אַנגעל
עס סטאַרטשען נאָך ביינער פון ערדישער טיף.
איצט דרעשט אַ מאַשין די געראָטענע זאַנגען
— פון יונגען, פון יידישן מי — קאָלעקטיוו

אין סטעפ נאָר אַ גרויסער באַראַק, ווי אַ טרונע,
נאָך זעלטן צו זאַט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט.
נאָר זאַפטיקע זאַנגען פון יונגער קאָמונע
פאַרבליען שוין גאָלדיק די שליאַכן פון נויט.

עס סוידען זיך פעלדער מיט זיידענע רוישן
פאַרטרויען דעם ווינטל די סטעפּישע רייד,
און צערטלעך זיי וויגן אויף גאָלדענע שויסן
פאַר נאָענטן מאָרגן אַ דופּטיקע פרייד.

כאַים גילדין

פאַקט מען פון וואַגאָנעס

(פון „כערסאָנער פעלדער״)

1. באַ דער באַן

אַף כערסאָנער פעלדער צו דער באַן כערסאָנער,
זיינען אָנגעקומען פריילעכע וואַגאָנעס.
כעוורע — קיעווער, פּאָדאָלער און וואָלינער,
זיינען אַף די פעלדער קאָמונקעסווייז געקומען.
איז אַ נאַכט אין דרויסן אַ הילכיקע אַ קאַלטע,
ברענט מען נאָך אַ קלאָץ און נאָך אַ קלאָץ און נאָך אַ קלאָץ
צעשפּאַלט מען.
און באַ פייערן צעבינדט מען אַ קלימיק נאָך אַ קלימיק

און מע אַכלט, און מע פּלאַפּלט, און מע וואַרט אָפּ ביז באַגינען
און באַגינען זיינען העלער אַף די פעלדער אַלע וועגן,
און באַגינען פּאַקט מען פון וואַגאָנעס אַף די וועגלעך.
זיינען וועגן אונטער רעדער שטויביק, זיינען וועגן זאַמדיק.
קאָט ען כעוורע מיט געלעכטערס, קאָטיען מיט געזאַנגען.
קומען גייערס אַף די וועגן, קומען גייערס אַנטקעגן,
— העי! עס איז נאָך ווייט ביז דאָרטן?
— העי! עס איז נאָך ווייט פון דאַנען?

— — — — — — — — — — — — — —

יאַטערט זיך שוין זון אין מיזרעך, לויפן פערד און רעדער,
איז גוט אזוי, איז ליב אזוי מיט כעוורע אַף די וועגלעך.

2. אַף פעלדער

מיר הערשקעס, מיר ראָכקעס, מיר יאַנקלעך, מיר דינקעס —
איין הייסע, איין שטייפע געזינדל.
אַף פעלדער, צווישן פעקלעך און זעקלעך און קלימקעס,
איז פרייער, און ליבער און גרינגער.
קומען פרישע באַגינענס, קומען אָוונטן מאַטע,
זיינען מוטיק קאָמונקעס מיט יאַטן.
מיידלעך מיט יינגלעך און יינגלעך מיט מיידלעך,
איז וואַרעם און פראָסט, און ס'איז היימלעך.
איז גוט אין די מידע און פרייע פאַרנאַכטן
פון שמוציקע שטעטלעך אַ טראַכט טאָן:
דאָרט הענדלער און טענדלער און מעקלער און שווינדלער,
און דאָ — פרייד און געזאַנג און דאָ אַרבעט.
אַף פעלדער כערסאָנער איז היינט אונז באַשערט דאָ
צעצינדן אַ פייער די ערשטע.
מיר הערשקעס, מיר ראָכקעס, מיר יאַנקלעך. מיר דינקעס,
מיר װעלן דעם פייער צעצינדן.

3. בּאַ דער אַרבּעט

קלינגען בּוקערס אַף די פעלדער, קלינגען העק און זעגן,
קלינגען שטימען אַף די פעלדער פריילעכע און דרייסטע.
מיט יעדן טאָג
מיט יעדער שאָ
מיט יעדער רעגע,
ווערט די אַרבעט בּאַ אונז ליבער, ווערט דער אימפעט — הייסער
בּאָרוועס, הויל מיט ברוינע האַלדז און נאַקנס,
מיט לייבער שטאָלענע, פאַרלאָפענע מיט שווייס,
לערנען זיך אַווּרעמלעך נאָכן אַקער
און דינקעס לערנען זיך צעבּראָנען און פאַרזייען.
און מעג שוין בּליצן, מעג שוין דונערן און בּראָטן;
מעג פאַרסמאָלען און פאַרסאַרפען הײַנט די זון,
כעוורע שוויצן,
כעוורע סאָפּען,
כעוורע כאַפּן קוים דעם אָטעם;
כעוורע מוזן זיך דערלערנען בּיזן גרונט.

4. אַ בּריוו קיין כאַרקאָוו

איז ווייניק דאָ פּאַר כּצוורע אַף די פעלדער הײַזער;
זײַנען כעוורע אַף די פעלדער אונטער בּלויע הימלען.
האָט מען פּאַר אַ קלוב שוין אויסגערייניקט אַ געבּײַדע
מיט אַ יונגן מיט אַ פריילעכן געפּילדער.
און אַ בּריוול האָט מען אָפּגעשיקט קיין כאַרקאָוו
אין צ. ק. פון ל. ק. י. פ. אַזוי:
„מיר זײַנען דאָ אַף פעלדער יונגער, האַסטיקער און האַרטער
„מיר זײַנען אַ קאָמונקע — איינס און איינס.
„האָבּן מיר אַף פעלדער שוין צעאַקערט און פאַרזייט,
„איז שוין אַרבּעט ווייניקער אַף פעלדער אונז פאַרבּליבּן.

„האָבן מיר אַ קלוב פאר זיך שוין אויסגעראָמט און אויס-
גערייניקט.
„און באַפּוצט אים, און באַמאָלט אים, און באַשריבן.
„און אַלץ שוין צוגעגרייט, און אַלץ שוין איינגעאָרדנט
„קומען מיר אין קלוב די מידע שאַ פאַרבייטן;
„האָבן מיר ניט ווער ס'זאָל אונז די ערשטע צייט באַזאָרגן
„מיט אַ ביכל, מיט אַ פּאָר פּאָרטרעטן, מיט אַ צייטונג.
„ווילן מיר באַ כעוורע כאַרקאָווער איצט בעטן
„זאָלן כעוורע פילן, זאָלן אונז פאַרשטיין,
„און אונז צושיקן אַ צייטונג, און אונז צושיקן אַ פּאָר
פּאָרטרעטן.
„מיר זיינען נאָך אף פעלדער יונג, מיר זיינען נאָך געמיין".
האָבן כעוורע אָפּגעשיקט די בריוו קיין כאַרקאָוו
אין צ"ק פון ל. ק. י. פ. אַזוי.
און הייסער זיך גענומען אַף די פעלדער צו דער אַרבעט
צ"ק וועט פילן זיי, צ"ק וועט זיי פאַרשטיין.

כ. ווייגערמאַן

בריוו פון פעלדער

אין די אָפּרו שאַ די שטילע
שרייבן כעוורע קאַרטלעך, בריוולעך:
ווער צו אַ טאַטן, ווער צו אַ מאַמען,
ווער צו א פריינט און ווער צו אַ כאַווער.

שרייבן בריוולעך כעוורע יונגע,
ווי זיי לעבן אין קאָמונקע;
שרייבן כעוורע אין די קאַרטלעך,
ווי אַף פעלדער גייט די ארבעט.

אין די אָפּרו שאָ די שטילע
שרייבן כעוורע קאַרטלעך, בריוולעך.
ווער מיט פּען און ווער מיט בלייער,
אָט אזוי די כעוורע שרייבן:

און צו א טאַטן שרייבט א מיידל:
„פּאָלג מיך, טאַטע, און גענוג,
„וואַרף אוועק אין מאַרק דאָס קלייטל
„און אף פּעלדער קום צו אונז".

„זאָלסט ניט הערן בייזע קלאַנגען,
„וואָס צעפלאַפּלען אומעטום,
„אז מ'האָט געברענט שוין און געהאַנגען,
„און צעשאָסן אלט און יונג.

„ס'איז באַ אונז שוין הויך צעוואַקסן
„היי און האָבער, ווייץ און גערשטן: —
„דערלאַנגען טוואועס ביז די אקסלען
„גאַנצע שטרעקעס, גאַנצע ווערסטן".

און א צווייטער יאַט צעשרייט זיך:
„און לייבל הענקעס, וואָס זשע מאַכט?
„מיסכערט ער און האַנדלט ווייטער
„מיט א קלייטעלע אין מאַרק?

„כ'ווינטש קיין שלעכטס אים, כ'בין אים אויסן,
„זאָל ער פּאָלגן מיר און אייך —
„פאַר אים איז ערד דער בעסטער אויסוועג,
„אף זיין א יאַט מיט יאַטן גלייך".

כ. ווײַנערמאַן

סטעפּ־מאָטיוון

האָט אַ טאָג זיך אויסגעשפּרייט אין פרייען סטעפּ
בלאַנקט די זון און שפּיגלט זיך אין די לעמעשן.
זיצן פויערטעס באַם פייער דאָרט און קאָכן טעפּ,
גרויסע טעפּ פאַר אַלעמען צום עסן.

זיצן קינדערלעך און שפּילן זיך אַרום,
און קוקן פריילעך ווי דער פייער ברענט און פלאַקערט.
די סטעפּעס רופן מיך און זאָגן: קום,
זע, וואָס דיינע ברודער האָבן שוין פאַראַקערט.

אַף גרויסע וויטן שפּרייט זיך אויס אַ טאָג,
אַף פעלד און וואַלד, אַף גרינע בערג און טאָלן,
ווי לאַנג האָסטו, אָ, ברודער, זאָג מיר, זאָג,
געדרעמלט קרעמעריש באַ דיינע וואָג און שאָלן?

ווי לאַנג האָסטו, אָ, ברודער, זאָג מיר, זאָג,
אַף אַ קוינע אויסגעקוקט די אויגן,
און קונציק־קרעמעריש אַ צי געטאָן די וואָג,
אין קונציק ניט דערמאָסטן, ניט דערוואויגן?..

איצט זע איך דיך אינגאַנצן ניי־געבאָרן,
אַ נייער מענטש, אַ נייער גייסט, אַ נייע הויט.
עס שטייט אַ ריז צווישן זאַנגען קאָרן
און עסט געשמאַק זיין אייגן קאָשער ברויט.

מ. אַבּאַרבּאַנעל

אין פעלד

ליגט אַ זון אַפן קאָפּ, סמאַליעט אויס מיינע האָר.
און איך פאָר, און איך פאָר, און איך פאָר...
שטופּט דער וואָגן דאָס פערדל, אַ ראָד נאָך א ראָד.
ניט קיין רויך, ניט קיין שפּיץ, ניט קיין סימען פון שטאָט
וואו נאָר ס'בלאָנקעט מיין בליק און ס'פאַרקערעוועט אַנ'אויג —
נעם דעם הימל און זויג, נעם דאָס פעלד נאָר און זויג!
גרינע זאַנגען ביז קני, רייפע זאנגען ביז ברוסט
און פאַרגאַרטלט מיט אַקער־ערד שוואַרצער פון פוסט.
נאָך אַ פאָר צענדליק טעג, נאָך געקרייזלטע טעג
און ס'וועט קלינגען אַ פעלד און ס'וועט וימלען אַ וועג.
נאָר דערווייל ליגט אַ פעלד, שלאָגט מיט שטילקייט און בריט
נאָר דערווייל וואַרט א פעלד אף א ליד פון א שניט.

י. קאָטליאַר

ווינטער אין קאָלאָניע

דער סטעפּ האָט אין ווייסן באַצירט זיך,
באַצויגן
און האָט זיך צעפּייפט און צעכליפּעט מיט ווינטן
און האָט אונזער יישעוו פאַרווייט און פאַרצויגן
מיט ווייסן געשווילעכץ און שנייאיקע בינטן
קיין וועג ניט, קיין סטעזשקע, קיין קאָל
פון אַ שליטן.

אַרום איז דער סטעפּ און מיר אינדערמיטן
און ווארעם איז כאטע, און קינדער זיך
שפּילן.
„צי וועלן היינט, לייבעלע, מאָלן די מילן?
דער זאַק איז שוין ליידיק, ניטאָ וואָס צו פּיקן
און בריוו פון דער באבען און ענטפער איר
שיקן".
און טאַטע פארוקט זיינע ברילן אף שטערן:
— לייבל פארגעס ניט דעם „עמעס" דעם
„שטערן"
און קום ניט צוריק אָנם „אידישן פויער"
געזאָגט און געטאָן און די פערדלעך
געפּאָיעט.
ס'דאַרף פון דערווייטנס צעטאַנצט זיך אין פּלעקן
צעשפּילט זיך מיט מילן, צעטאנצט זיך מיט
וועגן.
די פּאָסט איז שוין אָפן, מיין האַנט גיט ארויס
אַ צייטונג, אַ בריוול, פון שטעטל א גרוס.
און ווידער דאָס דאָרף ווערט פארשרומפּן פון ווייטן
און פערדלעך דערשמעקן שוין היימישע
פּלויטן.
די באבע זי שרייבט אונז פון גרויסע
נאַלאָגן,
אַז יידן פּאַרלירן די אַלטע געשעפטן
זי' וועט שוין איר טעפּעלע יאָרן דערקאָכן
מיט טליענדע קוילן פון האַנדל פארברענטן.
אינדרויסן האָט נאַכט ווי אַ נאשער
געכראָמקעט
דעם שנייאיקן צוקער מיט סקריפּנדע שפּאנען
— — — — — — — — — — — —

אַ זילבער-געלעכטער צעשיט קאָמסאָמאָלקע,
א שניי-קויל אין קאָפּ, און זי ווייסט ניט
פון וואַנען.
די זיצונג געענדיקט ... און לידער באַקענטע ...
אַף מאָרגן ז'באַשטימט אַ באריכט פונם
צענטר.

ש. לאפאטא

ביראָ-בידזשאַן

אַ גרוס אַ שטילן פון דעם לאַנד דעם וויטן
טראָגן נאָר דערווײַלע רופן און באַריכטן ...
רייפט ער שטיל דער ערנסט, וואַקסט פון אַלע זייטן
און ער דרינגט אַלץ טיפער אין דער גרעב פון שיכטן.

צאָפּן, צאַפּן ווייטער, צאַפּן ניט געררירטער,
קוואַלן ניט געצווימטע באַ דעם יאַם דעם גרויסן!
יאָרן ברענגען צײַכנס. צייכנס אומגעריכטע,
נאָענטע און ווייטע קומען אויף און ברויזן!

אַ גרוס אַ שטילן שיק דעם לאַנד דעם וויטן!
— — — — — — — — — — — —

דער, וואָס האָט נאָר ווערטער, זאָל עס ניט פאַרמיידן!

ד. האפשטיין

דער אידישער איינאָרדענונג
אין ראטנפארבאנד.

* *
*

מיין ליד — מיין גליקלעכער שוידער
פאר נאָענט, פאר ווייט און פאר פרעמד,
גאָלדענע זאנגען זיך הוידען —
מידקייט פון אייזערנע הענט.

וואויל איז צו אָפּברענגען צינזן
אַ פויער פון אייגענעם לאַנד —
פון גאָלדענעם ברויט און פון גרינסן,
פון פולער, פון אָפענער האַנט

זאָלן געשוירענע וואָלן
קלאָר זיין און ווייך און געדיכט —
זאָלן זיך זאַפטיקע טאָלן
בענטשן מיט אָקסן און פיך.

זאָלן אין פרילינג די שלאקסן
אָנטרינקען גרונטן ביז זאט —
זאָלן זיך ביימער צעוואַקסן
מיט צווייג און מיט פרוכטבאַרן בלאַט.

זאָלן שוין קינדער זיין ניכטער
פון גיפטיקן ביטער - געטראַנק.
זאָלן שוין שרעק און פארניכטונג,
אויסגעמעקט זיין פון געדאנק.

ש. האַלקין

פון דער באַלאַדע:
„אין אנהויב פון צייט"

אַ בריוול

האָט לייבקע פון טאַטן באַקומען אַ בריוול:
— לייבקע, מיין לייבקעלע,— זון מיינער, ליבער —
ריישיס, זיי וויסן, אַז איך און די מאַמע
זיינען געזונט און מע אַרבעט צוזאַמען.
איך — באַ דער ערד. די מאַמע — באַ אויפּעס —
זון, ס'אַ באַשרייבונג! אוי, זון, ס'איז אַ מויפּעס —
אז איך — אז א מעקלער, מיט טילים, האַוודאָלעס, —
זאָל נעמען און וואַרפן דעם מארק און דעם פּאָלעש;
דעם זיידענעם גאַרטל און ס'היטל פון סאַמעט, —
און לערנען זיך שפּאַנען אַן אָגער אין כאַמוט!

און לערנען זיך האַלטן דעם אַקער פּאַרגריפל!
לייבקע, מיין לייבקעלע — זון מיינער, ליבער —
עלטער געוועזן די ערשטע פּאָר יאָרן...
פינגער — אין בלאָטערס, צעשטאָכן פון דאָרן.
פּאָנעם געשיילט זיך פון דאָרשטיקע ווינטן,
אויגן פון שטויבן צעטרערט און צעפינטלט.

אוי, ריידעוודיק זיינען די פעלדער אום זומער
נאָר איך בין אַף פעלדער געקומען אַ שטומער...

אַ שטומער געאַקערט, אַ שטומער געדראָשן
אָ, זון מיין! די ערד האָט איר אייגענעם לאָשן
כ'לעבן! זי טיילט זיך מיט פויערשע זאָרגן.
כ'לעבן! זי זאָגט אים פאַרטאָג: א גוט-מאָרגן.

מ. פינטשעווסקי

פויערשע ליבע־לידער

זי האָט געפּאַשעט אירע ביקלעך
און האָט יאַשטשערקעס געפּאַנגען.
און די ביקלעך, אוי די ביקלעך,
זיינען ערגעץ־וואו פארגאנגען.
גייט איר נאָך דער ווילדער יאָשקע
אין די אַזעסדיקע ברויטן.
— פאר די ביקלעך, פאר די ביקלעך
וועט דער טאַטע וועלן טויטן.
און זי גייט און ער נאָך אונטן,
אָוונט פאַלט אף פעלד און כאַטעס
און עס טוט אין אים א סאַרפּע
און א ברי אים אין די פּיאַטעס
און זי פירט אים, ווייטער, ווייטער
און זי וויגט אין גאַנג די אַקסל —
יאָשקען דאַכט: זי איז אַ שייטער
און דער שייטער ווערט צעוואַקסן.
אָט־אָט פאַלט ער, יאָשקע פאַלט
אָט־אָט פאלט ער אינם שייטער.
עס צעטונקלט, עס צעשטראַלט אים,
עס פאַרגאַנצט אים, עס צעבייט אים.
און ער כאַפּט ארום דאָס מיידל
און מיט פייער־ווערטער שטיקט זיך:
„— טויזנט, טויזנט וועל איך געבן,
„אָ, דיין טאַטן טויזנט ביקלעך״!

ל. קוויטקאָ

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

אַ פּאָר ווערטער 5

נויט און קאַמף

מ. ווינטשעווסקי. אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט . . 9
א. רייזין. אָרעמעס לעבן 10
י. ל. פּערעץ. דריי נייטאָרנס 11
מ. ראָזענפעלד. מיין רוע - פּלאַץ 12
י. ל. פּערעץ. באַ דעם פרעמדן כופּע־קלייד 13
טאָמאַס הוד. די ליד וועגן העמד 20
מ. ראָזענפעלד. צו א באָרוועס מיידעלע 23
מ. האַלפּערין. דער גאַסן - פּויקער 25
מ. לייב. די ווינטער - נויט 27
„ דער גאַנעוו 28
כ. אייזלאַנד. פון אלע טעג 29
ד. קאַסעל. די פאַבריק 31
ד. איינהאָרן. קוימען, הויכער קוימען 32
א. רייזין. אין דער ווייט 33
י. באָווישאָווער. צום שקלאַף 34
א. רייזין. פייגל 35
„ דער דערוואַרטער טאָג 36
„ * * * 37
„ די וואַנט 38
י. באָווישאָווער. אַ געזאַנג צום פאָלק 39
„ דער פרייהייטס - קעמפער 41
מ. ווינטשעווסקי. צו מיינע ברידער 42
„ קאַמף - געזאַנג 44
„ דער פרייהייט - גייסט 45
מ. קולבאַק. אין פאַבריק 46
גערשוני. דער צעשמעטערטער יאָם - צוים 47
ל. קוויטקאָ. דאָס יאָר 1905 56
פּ. טיטשינא. מיקיטא דער גאַרבער 59

ה. לייוויק. טורמע - לידער 61
„ אף די וועגן סיבירער 63
ה. לייוויק. אין שניי 66
פ. יאַקובאָוויטש. ליד פון קאַטאָרזשניקעס 68

מוט און קאַמף

א. שוואַרצמאַן. עס פלאַקערן פאָנען 71
וו. מאַיאַקאָווסקי. פעוראַל 72
א. שוואַרצמאַן. דער סוינע באַ די טויערן 76
„ אין אויפשטאַנד 77
ד. האָפשטיין. פּראָצעסיע 78
פּ. טיטשינא. אפן פלאַץ, וואס נעבן קלויסטער 79
ד. האָפשטיין. אָקטיאַבר 80
ל. קוויטקאָ. יאַנטעוו 83
„ אין רויטן שטורעם 84
א. קושניראָוו. ראָסייאַ 97
פּ. מאַרקיש. דער פאָן־טרעגער 98
ל. רעזניק. בראָנעוויק „געוויטער“ 100
ע. פינינבערג. באַם דניעפּר 102
אי. פעפער. אַלי בען 107
ל. קוויטקא. יוינע לייעס 113
אי. פעפער. יאַטן 123
א. קושניראָוו. ווענט 133
„ עקראַן 134
מ. שאַפּירא. אַזוי פאַרשניידט זיך וועג אין פעלדער . . . 135
אי. כאַריק. מינסקער בלאַטעס 142
א. קאַהאַן. טריפּאָליע 155
אי. פעפער. צום נײַנטן יאַנוואַר 166
ע. ווערהארן. דער טריבון 167
אי. פעפער. איליטש 169
א. בעזימענסקי. פאַרטייבילעט 170
מ. כאַשטשעוואַצקי. אין א ווינטער נאַכט 172
אי. כאַריק. היינט וועט קיינער ניט פאַלן 173
א. קושניראַוו. אף שווערער שוועל 174
א. בעזימענסקי. לעגינס קאַמף - ליד 175
וו. מאַיאַקאָווסקי. ביין ! 177
נ. טיכאָנאָוו. סאַמי 178
ל. קוויטקא. הויבן מיר אויף אַנטקעגן א שטיין 182
אי. פעפער. רויטע ארמיי 182
„ דער היטער 183
כאַנע לעווין. פּראַנט 184

ל. קוויטקא. רויטע אַרמיי 186
„ מאַרש - ליד 187
ד. בעדני. רויטער פּריזיוו 188
ל. קוויטקא. דאס ליד פון 8 - טן מאַרט 189
כאַנע לעווין. צושטייער 190
„ לעגינס בילד האָב איך 191
אי. כאריק. פערלאשעז 192
מ. כאשטשעוואצקי. 1871—III—18 193
ל. קוויטקא. קאָמיוג - מאַי 193
ע. פינינבערג. 1 - טער מאַי 194
כ. גילדין. פייקלט, פויקן 195
מ. כאַשטשעוואַצקי. דערשטיקט איז לי - טשאן - טשאַאָ . . 196
אי. פעפער. קאָמי.גישער גאַנג 197
ר. פיש. ריווקע קאָמיוגיסטקע 198
אי. כאריק. ענגעל 199
י. ראבין. קאָמיוגיסט 200

אויפבוי

ל. קוויטקא. ווי שיין דערביי זיין 205
„ „ צו אַלדי גוטע יאר 206
כ. גילדין. אין שייער פון צוקונפט 207
ש. האַלקין. פון דער פּאָעמע „זיבן" 209
מ. טייף. פאַבריק - ליריק 211
כאַנע לעווין. פארשפעטיקט 218
מ. כאַשטשעוואַצקי. אין דרוקעריי 220
מ. שטורמאַן. אַזויגע קלייגינקע 221
י. זעלדין. בויגע 222
אי. פעפער 1) האָט לעגין געזאגט 234
„ 2) ערשטע ליד פון די בויער 235
„ 3) צווייטע ליד פון די בויער 236
„ 4) דאָס ליד וועגן די הענט 237
„ 5) קלייגגען גלעקער 237
„ 6) רוט דער האַמער 238
„ 7) קומען טעג אַף טייכן 239
„ 8) שיפן 240
„ 9) איבער פעלזן האָרבאַטע 240
„ 10) הונדערטער זאוואָדן 241
א. פיאַטיגאָרסקע. דריי 242
כאנע לעווין. באבעלעך און אינטערנאַציאנאל 246
אי. פעפער. מיין שטעטל 248
אי. כאריק. אין שנייען 256

כ. גילדין. רוישיקע זאַנגען 266
ל. קוויטקא. הירשקע ביק 278
〃 צום פויער 281
פּ. מאַרקיש. ניט געדאַיגעט 282
אי. פעפער. סנאָפּעס 300
אי. כאריק. פון דער פּאָעמע „ברויט" 303
כ. גילדין. אַף יידישע פעלדער 306
〃 אין פעלד 307
כ. וויינערמאַן. פּאקט מען וואגאָנעס 308
〃 בריוו פון פעלדער 311
מ. אבארבאנעל. סטעפּ - מאָטיוון 313
י. קאָטליאַר. אין פעלד 314
ש. לאפּאטא. ווינטער אין קאלאניע 314
ד. האָפּשטיין. בירא - בידזשאַן 316
ש. האלקין. מיין ליד, מיין גליקלעכער שוידער 317
מ. פּינטשעווסקי. אַ בריוול 318
ל. קוויטקאָ. פּויערשע ליבע - לידער 319